ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכת

# תענית

בלשון הקודש
ואידיש

**209**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# עין יעקב
# מסכת תענית

## כולל כל האגדות מתלמוד בבלי וירושלמי, הנמצאות במסכת תענית

עם פירוש רש"י בשלמותו והחדושים שנתוספו בו, ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.

גם איזה מאמרים מתוספות מהרש"א, הרי"ף, ועיון יעקב.

גם ציוני הדפוס בש"ס, וציוני המקראות בתנ"ך, והגהות הב"ח.

ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.

**נעתק על ידי ה"ר יוסף מאיר יעב"ץ**

**מעתיק המשניות עברי טייטש.**

**הוצאת אמונה,**

ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ"ו לפ"ק

# מאימתי פרק ראשון

דף ג) **א שאלו** בגמרא על מה ששנינו מזכירין גבורות גשמים בתחיית המתים

(שיורדין בגבורה. אחד מגבורותיו של הקב"ה שאין כדכתיב חקר חקר בכל הפעולה. אין ע"י גשמים והגב אוי לנו כמה גדול כח הגשמים כדי לבכח להקב"ה ולפיכך קבעוה בתחיית המתים שאקול יום הגשמים כתחיית המתים ע"כ) :

מנ"ל דמדבר לה בתפלה והשיב דתניא (דברים יא) לאהבה את ה' אלהיכם ולעבדו (זו תפלה אתה אומר זו תפלה או אינו אלא עבודה ת"ל) בכל לבבכם אי זו היא עבודה שבלב הוי אומר זו תפלה וכתיב בתריה (שם) ונתתי מטר וגו' ומאי איריא דתני גבורות גשמים ליתני מזכירין על הגשמים אמר רבי יוחנן מפני שיורדין בגבורה (תני לה גבורות) שנאמר (איוב ט) עושה גדולות עד אין חקר וכתיב (שם ה) הנותן מטר על פני ארץ וגו' מאי משמע [אמר רבה בר שילא] אתיא חקר חקר כבריאת עולם [כתיב הכא עושה גדולות עד אין חקר וכתיב התם (ישעיה מ) הלא ידעת אם לא שמעת אלהי עולם ה' בורא קצות הארץ לא ייעף ולא ייגע אין חקר לתבונתו וכתיב (תהלים סה) מכין הרים בכחו נאזר בגבורה] :

**ב אמר** רבי יוחנן שלשה מפתחות בידו של הקב"ה שלא נמסרו ביד שליח ואלו הן של חיה ושל גשמים ושל תחיית המתים. של חיה דכתיב (בראשית ל) וישמע אליה אלהים ויפתח את רחמה. של גשמים דכתיב (דברים כח) יפתח ה' לך את אוצרו הטוב וגו' ושל

---

## פרק ראשון

**א** שאלו. מען האט גיפרעגט אין דער גמרא פון וואנען וויסין מיר אז מען בארף דער מאנען גבורות גשמים (משיב הרוח ומוריד הגשם) אין שמונה עשרה. האט מען גיענפערט ווארום מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק איהר זאלט ליב האבען אייער גאט אונ איהר זאלט אידם דינען מיט אייער גאנצע הארץ. וויא אזוי דינט מען גאט מיט דעם הארץ. נאר דם מיינט מען. מען זאל דאוונען. אונ באלד דער נאך שטייט איך וועל געבין רעגין. אונ פאר וואס רופט מען דאס גבורות גשמים. די שטארקייט פון רעגין. זאל מען זאגין מען דארף דער מאנען רעגין. האט רבי יוחנן גיזאגט ווייל זיי נידערין מיט שטארקייט דער רעגין וואס קומט אויף דער וועלט איז איינע פון דיא שטארקע זאכין וואס גאט בעווייזט אויף דער וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עושה גדולות ואין חקר. גאט טוהט גרויסע זאכין וואס זיי האבין נאר ניט קיין פארשונג. באלד דער נאך שטייט ער גיט רעגין אויף די ערד. זעהן מיר אז דער רעגין וואס קומט אויף די ערד איז איינע פון די גרויסע זאכין וואס גאט טוהט. (עיין מהרש"א). פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסין מיר אז דער רעגין הייסט שטארקייט. האט רבה בר שילא גיזאגט מען לערנט אפ אגזרה שוה חקר חקר פון די בשאפונג פון דער וועלט. דא ביא רעגין שטייט עושה גדולות ואין חקר. אונ ביי די בשאפונג פון דער וועלט שטייט אויך הלא ידעת וגו' בורא קצות הארץ וגו' אין חקר לתבונתו. איז רעגין גלייך צו די בשאפונג פון דער וועלט. אונ ביי די בשאפונג פון דר וועלט שטייט מכין הרים בכחו נאזר בגבורה. ער האט אן גיברייט די בערג מיט זיין כח ער איז גיוועזן אן גיגורט מיט שטארקייט. אזוי וויא די בשאפונג פון דער וועלט איז מיט שטארקייט. אזוי דער רעגין קומט אויך מיט שטארקייט :

**ב** אמר. רבי יוחנן האט גזאגט דריי שליסלען זענען אין די האנט פון גאט. ער האט זיי ניט גיגעבין צו קיין מלאך אונ ניט צו קיין מענטש. דאס זענען זיי. פון אגעווינערין. פון רעגין. פון תחיית המתים. פון וואנען ווייסען מיר אז דער שליסעל פון אגעווינערין איז נאר ביי גאט אין האנט. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גיהערט דאס גיבעט פון רחל אונ ער האט גיעפינט איר מוטער לייב. גאט אליין. ביי רעגין שטייט אין פסוק גאט וועט עפענען פון דיינעט וועגין זיין גוטען אוצר ער זאל געבין רעגין אין דיין לאנד. גאט אליין.

ביי

(ע״ב) ושל תחיית המתים דכתיב (יחזקאל לז) וידעתם כי אני ה׳ בפתחי את קברותיכם . במערבא אמרי אף מפתח של פרנסה דכתיב (תהלים קמה) פותח את ידך וגו׳ ורבי יוחנן מ״ט לא קאמר לה להאי אמר לך רבי יוחנן גשמים נמי היינו פרנסה (תניא מאימתי מזכירין על הגשמים ר׳ אליעזר אומר משעת נטילת לולב רבי יהושע אומר משעת הנחתו אמר רבי אליעזר הואיל וד׳ מינין הללו אינן באין אלא לרצות על המים וכשם שד׳ מינין הללו אי אפשר בהם בלא מים כך אי אפשר לעולם בלא מים וכו׳) :

(דף ג) ג תנא בטל וברוחות לא חייבו חכמים להזכיר ואם בא להזכיר מזכיר מ״ט אמר רב חנינא טל ורוחות אינן נעצרין טל מנ״ל דלא מעצר דכתיב (מלכים א יז) ויאמר אליהו התשבי וגו׳ חי ה׳ וגו׳ אם יהיה השנים האלה טל ומטר וגו׳ וכתיב (שם יח) לך הראה אל אחאב ואתנה מטר על פני האדמה ואלו טל לא קאמר ליה למימרא דלא מעצר וכי מאחר דלא מעצר אליהו אשתבועי למה ליה ה״ק ליה אפילו טל דברכה נמי לא אתי . ולהדריה לטל דברכה משום

חי ה׳ . אלא בלים : פותח את ידך . ואלו שלית :
גשמים היינו פרנסה . (וכנר מבכלא ליה) :
אינם נעצרין . שאלמלא כן (נעצרין) אין העולם
קיים וכו׳ דאמרינן משיב הרוח ומוריד הגשם
אלא משום חיוב (דרוח) אלא (היוב) (חוק) דגשם
אלא מזכיר דטל ורוחות מועילין לארץ לגשם
ולתקנה כדכסמוך ויקא דכה מנירה כמטרא : ואלו
טל לא קאמר . ואחנר טל ומטר אלא מטר בלבד
דלא מעצר . טל לעונם ואפילו באותן שנים :
אשתבועי למה ליה . דקאמר אם יהיה השנים האלה
טל ומטר גו׳ דטל לא נעצר : אפי׳ טל דברכה .
ליעשים שום [illegible] : ולהדריה לטל דברכה . וליתא

ביי תחיית המתים שטייט אין פסוק איר וועט וויסען אז איך בין גאט ווען איך וועל עפענען אייערע קברים . גאט אליין . אין ארץ ישראל זאגט מען אז דער שליסעל פון פרנסה איז אויך נאר ביי גאט אין האנט . ווארום עס שטייט אין פסוק פותח את ידך . דיין ווילען עפינט דיין האנט צו געבען פרנסה צו אלע לעבעדיגע . פרעגט די גמרא פאר וואס רעכענט ניט רבי יוחנן דעם שליסעל פון פרנסה . זאגט די גמרא אז רבי יוחנן זאגט רעגען מיינט ער פרנסה אויך . ווארום אז עס איז דא רעגען אויף די פעלדער צו דער צייט אונ תבואה איז וואלוויל . איז דא פרנסה :

תניא מיר האבען געלערנט ווען הייבט מען אן צו זאגען מוריד הגשם : רבי אליעזר זאגט ווען מען נעמט דעם לולב . דעם ערשטען טאג סוכות . רבי יהושע זאגט ווען מען לייגט אוועק דעם לולב . ושמיני עצרת . רבי אליעזר זאגט ווייל די פיר מינים פון לולב ווערין דאך גאר גינוצט אום סוכות צו בעטין אויף רעגען . אזוי ווי די פיר מינים קענען ניט וואקסען אן רעגען אזוי קען ניט זיין די וועלט אן רעגען . דארף מען דאך בעטין אויף רעגען ווען מען האלט דעם לולב . אום סוכות :

ג תניא . מיר האבען געלערנט די חכמים האבען ניט גיהייסט דעם מענטשין מען זאל דער מאנען איין שמונה עשרה טאה אונ ווינט . נאר אויב ער וויל דער מאנען אין שמונה עשרה טאה אונ ווינט מעג ער . פאר וואס האבען די חכמים ניט גיהייסט מען זאל דער מאנען אין שמונה עשרה טאה אונ ווינט . האט רב חנינא גזאגט ווייל טאה אונ ווינט ווערין ניט אויף גיהאלטען . זיי זענען אייביג דא . דארף מען ניט בעטין דארויף . פון וואנען ווייסען מיר אז טאה ווערט ניט אויף גיהאלטען . ווארום עס שטייט אין פסוק אליהו התשבי האט גזאגט אזוי ווי גאט לעבט אויב אין די יאהרין וועט זיין טאה אונ רעגען . דער נאך שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צו אליהו גיי ווער גיזעהן צו אחאב איך וועל געבען רעגען אויף די ערד . פאר וואס האט גאט ניט גזאגט איך וועל געבען טאה אויך . צו ווייזין אז דער טאה איז גאר ניט אויף גיהאלטען גיווארין . אין די יאהרען ווען רעגען איז ניט גיוועזן אבער טאה איז גיוועזן . פרעגט די גמרא אז דער טאה איז ניט אויף גיהאלטען גיווארין . צו וואס האט אליהו גישווארין אויף טאה . ענפערט די גמרא אזוי האט אליהו גימיינט טאה פון ברכה וואס מען דארף דורך איהם זאל וואקסען . וועט אויף גיהאלטען ווערין די דריי יאהר . פרעגט די גמרא האט גאט

בעדארפט

משום דלא מינברא מילתא . רוחות מנ"ל (דלא מעצר) אמר רבי יהושע בן לוי דאמר קרא (זכריה ב) כי כארבע רוחות השמים פרשתי אתכם נאם ה' מאי קאמר להו קוב"ה לישראל אילימא ה"ק דבדרתינכו בד' רוחי דעלמא האי כארבע בארבע מיבעיא ליה (אלא דמכניפנא לכו מארבע רוחי עלמא מארבע מיבעיא ליה) אלא ה"ק כשם שאי אפשר לעולם בלא רוחות כך אי אפשר לעולם בלא ישראל :

ד אמר רב יהודה זיקא דבתר מיטרא כמיטרא עיבא דבתר מיטרא כמיטרא שמשא דבתר מיטרא כתרי מיטרי למעוטי מאי למעוטי גילהי דליליא ושמשא דביני קרחי :

ה אמר רבא מעלי תלגא לטורי כה' מיטרי לארעא שנאמר (איוב לז) כי לשלג יאמר הוא ארץ וגשם

ואתנה טל ומטר : דלא מינכרא מילתא . דהא טל הוה מעיקרא ולא כיון דאהאב כדשע מודה נאמרת סתם דברכה . דאי הוה אמר ואתנה טל ומטר אתאב הוה מקנטרו ואומר לו שלא בשביל ע"כ : (אלא דמכניפנא לכו מד' רוחי עלמא ל"ג דהא פרשתי אתכם כתיב בקרא ואיכא למימר דגרם ליה והכי משמע קרא כי מד' רוחות השמים שפרשתי אתכם משם אקבצכם ואריכות לשון בעלמא הוא דלא כתיב קבוץ בקרא : כשם שאי אפשר לעולם בלא רוחות . בלא יתקיים מרוב הבל ווהמימות : בלא ישראל . שאין העולם מתקיים אלא בשביל ישראל והכי אומר קרא כי כד' רוחות השמים פרשתי אתכם לרוחות העולם כדי שיתקיים שנאמר (ירמיה לג) אם לא בריתי יומם ולילה חוקות שמים וארץ לא שמתי) : כמטרא . בעיא למטר כדקתני בתוספתא : למעוטי מאי . מאחר דכולהו כמטרא מאי ממעטינן דהוי בתריה ולא הוי כמטרא : גילהי דליליא . אילו בתרגום בלע"ז בגילהי הוה קאי במס' פסחים והוא גילהי בגילוח שכיח : וביומא שמשא דביני קרתי . שבין העבים שנראה במקום א' אורה במקום אחר מעוק סקרה שיש לו שערות במקום א' וקרחה במקום אחר :

סוף . ול"ש לבקעה אלא בהרים אין להם גשמים אלא שלג שבגבהים יורדים למטה ואין כסר שותה מהם (ועוד שלג שבעמקים נמס והולך מפני כחום שבולע שם כמים אלא בהרים קרוי שלג) : כה' מטרי . דהכי משמע קרא כי לשלג יאמר הוה

בעדארפט זאגין איך וועל געבין טאה אונ רעגין וועלכין טאה . דעם טאה צו אברכה . עם זאל וואקסען דורך איהם . ענטפערט די גמרא ווייל מען דער קענט דאך ניט וועלכער טאה איז צוא אברכה . צום וואקסען . אונ וועלכער טאה איז פון די גאטור . אז אליהו וועט זאגען צו אחאב איך וועל געבין טאה וועט אחאב זאגין טאה האט דאך גאר גיט אויף גיהערט . צו טאה האט גאר ניט גיהאלפען דיין שבועה . ווייל אחאב וועט ניט פאר שטיין צוא מאכען אונטער שיידונג צווישען דעם טאה פון ברכה אונ דעם טאה פון דער גאטור . דריבער האט אליהו גזאגט גאר פון רעגין אליין . פון וואגען ווייסען מיר אז ווינטען ווערין ניט אויף גיהאלטען . האט רבי יהושע בן לוי גזאגט עס שטייט אין פסוק כי כארבע רוחות השמים פרשתי אתכם נאם יי . אזוי ווי די פיר רוחות פון הימעל האב איך אייך פאר שפרייט אזוי זאגט גאט . פרעגט דיא גמרא וואס זאגט דער פסוק . וואס הט גאט גזאגט צו די יודען . זאלען מיר זאגען אזוי האט גאט גזאגט איך וועל אייך פאר שפרייטען אין די פיר זייטען פון דער וועלט . דארף דאך ניט שטיין אין פסוק כארבע . אזוי ווי פיר זייטען . נאר עס דארף שטיין בארבע . אין דיא פיר זייטען . זאלען מיר זאגען אז גאט האט אזוי גזאגט איך וועל אייך פאר זאמלען פון די פיר זייטען פון דער וועלט וואס איך האב אייך דארטען פאר שפרייט . דארף דאך שטיין אין פסוק מארבע : פון די פיר זייטען . נאר אזוי האט גאט גימיינט . אזוי ווי די וועלט קען ניט זיין אן ווינטען . אזוי קען זי ניט זיין אן די יודין . ודער פסוק מיינט אזוי . ווייל דיא יודען מוזען זיין אויף דער וועלט . אזוי וויא דיא ווינטען וואס מוזען זיין אויף דער וועלט . דריבער האט זייא גאט פאר שפרייט אין אלע זייטען פון דער וועלט . דיא פעלקער זאלען ניט קענען אום הרגענען אלע יודען :

ד אמר . רב יהודה האט גזאגט דער ווינט וואס נאך דעם רעגין . איז אזוי גוט צוא די תבואה ווי דער רעגין . די וואלקינס וואס נאך דעם רעגין . איז אזוי גוט צו דיא תבואת ווי דער רעגין . די זוהן וואס נאך דעם רעגין איז אזוי וויא צוויי רעגינס . פרעגט דיא גמרא אז אלץ איז אזוי ווי דער רעגין . וואס דען איז ניט אזוי ווי דער רעגין . זאגט די גמרא די ווייסע וואלקינס וואס ביי נאכט . אונ דיא זוהן וואס צווישען דיא וואלקינס ביי טאג . איז ניט אזוי וויא דער רעגין :

ה אמר . רבא האט גזאגט דער שניי איז גוט צו דיא בערג אונ צו גלייבע פעלדער

וגשם מטר וגשם מטרות עזו :

ו ואמר רבא תלגא לטורא מטרא רזיא לאילני מטרא ניחא לפירי (דף ד) עורפילא אפילו לפרצידא דתותי קלא מהניא ליה מאי עורפילא עורו פילי :

ז ואמר רבא האי צורבא מרבנן דמי לפרצידא דתותי קלא דכיון דנבט נבט . ואמר רבא האי צורבא מרבנן דרתח אורייתא הוא דקא מרתחא ליה שנאמר (ירמיה כג) הלא כה דברי כאש נאם ה'. (ואמר רב אשי כל ת״ח שאינו קשה כברזל אינו ת״ח שנאמר (שם) וכפטיש יפוצץ סלע) אמר ליה רבי אבא לרב אשי אתון מהתם מתניתו לה אנן מהכא מתנינן לה דכתיב (דברים ח) ארץ אשר אבניה ברזל אל תקרי אבניה אלא בוניה. אמר רבינא אפילו הכי מבעיא ליה לאינש למילף נפשיה בניחותא שנאמר (קהלת יא) והסר כעס מלבך והעבר רעה מבשרך

א״ד

ארץ כשאומר לשלג היה ארץ הרי הוא כגשם מטר וגשם מטרות והרי יש כאן ה׳ :

פירי פחה. שיורד בנחת [יפה לפירות שבכותה] : עורפילא . גשמים דקים כך שמם : אפי׳ לפרצידא דהותי קלא . הגרעין שפחת גוש של קרקע :

מהניא . שמתחיל לבלבל ולעלות מיד : עורו פילי . שפותח בוקעי הארץ. ל״א שמגדלת ומצמחת הגרעינין העומדין בסדקי קרקע :

צורבא מרבנן . בחור חריף ת״ח זקן לא קרי צורבא אלא בחור מרבנן קרו ליה : כיון דנבט נבט . שמתחיל לבלבל ועלה עולה למעלה כך ת״ח כיון שעלה במו הולך וגדל למעלה : אורייתא מרתחא ליה . שיש לו רוחב לב מתוך תורתו ומשים לבבו יותר משאר בני אדם וקמ״ל דחייבין לדונו לכף זכות : כאש . שמחממת כל גופו :

פטיש . סלעים וקשים כברזל ע״כ : בוניה . ת״ח מקיימי עולם בבנים :

ו געווים אזוי ווי פינף רעגנים צו די ערד . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק כי לשלג יאמר הוא ארץ וגשם מטר וגשם מטרות עזו . אז גאט זאגט צום שניי ער זאל זיין אויף די ערד . איז ער גוט צו די ערד אזוי ווי גשם . אונ מטר . אונ גשם . אונ מטרות . גשם איז איין רעגין . מטר איז איין רעגין . גשם איז איין רעגין . מטרות איז צוויי רעגנים . איז פינף רעגנים :

ו ואמר . נאך האט רבא גזאגט שניי איז גוט צו אבארג . אשטארקער רעגין איז גוט צו בוימר . אשטילער רעגין איז גוט צוא פירות אונ תבואה . אדינער רעגין איז גוט אפילו צוא דיא קערנער וואס אונטער דיא ערד . עס הייבט באלד אן צוא וואקסען . פאר וואס רופט מען אדינעם רעגין עורפילא . וויל דאס איז צווייא ווערטער . עורו פילא . דער דינער רעגין דער וועקט דיא קערנער וואס אין דיא ערד זייא זאלען אן הייבען צו שפראצין :

ז ואמר . נאך האט רבא גזאגט איונגער למדן איז גלייך אזוי וויא די קערנער וואס אין די ערד . אז זיי האבען נאר אן גיהויבען צו שפראצין פון די ערד וואקסען זייא געשווינד אויף גאנץ הויך . אזוי דער תלמיד חכם אז זיין נאמען האט נאר אן גיהויבען גיהערט צו ווערין אויף דער וועלט . ווערט זיין נאמען אלע מאהל גרעסער ווערין . נאך האט רבא גזאגט אז אלמדן איז אין כעס . זאל מען נישט פאר איבעל האבען אויף איהם . ווארום דיא תורה וואס ער האט גילערנט ברענגט איהם צו דעם כעס . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זאגט מיינע רייד זענען אזוי וויא פייער . דריבער דער היצט די תורה דעם מענטש אז ער איז נים קיין תלמיד חכם . רב אשי האט גזאגט דער תלמיד חכם וואס איז נים הארט ווי אייזן . דער איז נים קיין תלמיד חכם . אתלמיד חכם בארף זיין שטארק אין זיין דעה . אז ער זאגט יא . בארף זיין יא . אונ אז ער זאגט ניין . בארף זיין ניין . מען זאל איהם נישט קענען איבער רעדין . ווארום עס שטייט אין פסוק כפטיש יפוצץ סלע דער תלמיד חכם דארף זיין אזוי ווי דער האמער וואס צו ברעכט דעם שטיין . רבי אבא האט גזאגט צו רב אשי איר לערנט דאס אפ פון דעם פסוק כפטיש יפוצץ סלע . מיר לערנען אפ פון דעם פסוק . ארץ אשר אבניה ברזל . זאלסט נים לייענען אבניה . אירע שטיינער . נאר זאלסט לייענען בוניה . אירע באוהער . דיא וואס דער האלטען די גיבוי פון דער וועלט . דאס מיינט מען די תלמידי חכמים . זייא דארפען זיין שטארק ווי אייזן . רבינא זאגט פון דעסטוועגין דארף אמענטש אתלמיד חכם זיך געוויינען צוא זיין רוהיג . אונ נים זיין אין כעס . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק

רוא

**ח א"ר** שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן שלשה שאלו שלא כהוגן לב' השיבוהו כהוגן לאחד השיבוהו שלא כהוגן ואלו הן אליעזר עבד אברהם ושאול בן קיש ויפתח הגלעדי. אליעזר עבד אברהם דכתיב (בראשית כד) ובנות אנשי העיר יוצאות לשאוב מים והיה הנערה אשר אומר אליה וגו' יכול אפילו חגרת או סומא השיבוהו כהוגן ונזדמנה לו רבקה. שאול בן קיש דכתיב (ש"א יז) והיה האיש אשר יכנו יעשרנו המלך עושר גדול ואת בתו יתן לו לאשה ואת בית אביו יעשה חפשי יכול אפי' עבד או ממזר השיבוהו כהוגן ונזדמן לו דוד. יפתח הגלעדי דכתיב (שופטים יא) והיה היוצא אשר יצא מדלתי ביתי לקראתי בשובי בשלום מבני עמון והיה לה' והעליתיהו עולה יכול אפילו דבר טמא והשיבוהו שלא כהוגן ונזדמנה לו בתו. והיינו דקאמר להו נביא לישראל (ירמיה ח) הצרי אין בגלעד אם רופא אין שם וכתיב (שם יט) אשר לא צויתי ולא דברתי

שלשה שאלו וכו' ובנות אנשי העיר וסיפיה דקרא. משמע שנערה שיוצאת תחלה מן העיר ואומר לה השקיני נא (נה) [לה] היא מגזם : הכי' היא הגרת או סומא נמי שלא פירש בשאלתו והיה הפסד שדבר שהיה בשאלת מים ולא יכין גם אליעזר ויקחנה : (אלא) השיבוהו כהוגן. ונזדמנה לו רבקה : דבר טמא. כלב או חזיר : והיינו דקאמר ליה נביא וכו'. מדמגני ליה קרא דקאמר הצרי אין בגלעד וגו' אלמא דלא היה ניחא קמי שמיא כדאמרן : הצרי אין בגלעד. פנחס היה בגלעד והיה יכול להתיר את נדרו אלא שלא הלך יפתח אליו (מפני נשיאותו אמר לא אלך אליו באני שופט ונביא פנחס לא היה רוצה לבא אלי שהוא נביא) והוא לא רצה לילך אצל יפתח בנ"ר : וכתיב אשר לא צויתי וגו'. בירמיה כתיב בפרשת בקבוק זכרו את במות (ה ובית אשר בגיא בן הנם) [הבעל לשרוף את בניהם באש וגו' אשר] לא צויתי ולא דברתי וגו'. בלא האמרו בלא נוס כמו כן הקב"ה למישע ויפתח ואברהם כי מעולם לא צויתי את מישע לשרוף את בנו דכתיב ויקח את בנו הבכור וגו' ויעלהו עולה על החומה ולשמים נתכוין כבכור היה עליה להקב"ה. וזהו דכתיב על שרפו עצמות מלך אדום לשיד מלאה אחריה בוס : ולא דברתי ליפתח. שנאמר מימים ימימה ותנו

---

דו זאלסט אפ טאהן בעס פון דיין הארץ וועסטו אפ טאהן שרעקן פון דיין לייב :

**ח** אמר. רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט פון רבי יונתן ס ווענן דרייא מענטשין האבען גיבעטין ביי גאט ניט ווי מען דארף. צו צווייא האט מען גיענטפערט ווי מען דארף. צו איינעם האט מען גיענטפערט ניט ווי מען דארף. דאס זענען די דרייא מענטשין. אליעזר דער קנעכט פון אברהם. שאול בן קיש. אונ יפתח הגלעדי. אליעזר דער קנעכט פון אברהם האט גזאגט די טעכטער פון די מענטשין פון שטאט וועלין ארויס גיין שעפן וואסער די מיידיל וואס איך וועל צו איר זאגען גיב מיר אביסעל וואסער אונ זי וועט מיר געבין דאס מיידיל וועט זיין אווייב פאר יצחק. טאמער וועט זי זיין הינקעדיג אדער בלינד. אונ ער וועט גאר ניט וויסען. פון דעסטוועגן האט מען איהם גיענטפערט וויא מען דארף אונ גאט האט איהם געשיקט רבקה. וואס זי איז גיוועזן שיין אונ אן אפעלער. שאול המלך האט גזאגט דער מענטש וואס וועט הרגנן גלית הפלשתי וועט איהם דער מלך רייך מאכען מיט אויס רייכקייט. אונ ער וועט איהם געבין זיין טאכטער פאר אווייב. אונ זיין פאטערס פאמיליע וועט ער מאכען פריי פון פאדאטקעס. עס קען דאך זיין אז אקנעכט אדער אממזר וועט הרגנן דעם גלית. וועט ער איהם אויך געבין זיין טאכטער פאר אווייב. פון דעסטוועגן האט מען איהם גיענטפערט ווי מען דארף. אונ גאט האט איהם געשיקט דוד. יפתח הגלעדי האט גזאגט דער וואס וועט ארויס גיין פון מיין שטוב אנטקעגן מיר ווען איך וועל קומען מיט פרידען פון די מלחמה וואס איך האב מיט עמון. זאל ער גיהערין צו גאט אונ איך וועל איס מקריב זיין פאר אעולה. עס קען דאך זיין אז איהם וועט קומען אנטקעגן אאומריינע זאך. וועט ער אויך מקריב זיין פאר אעולה. האט מען איהם גיענטפערט ניט ווי מען דארף. אונ גאט האט איהם געשיקט זיין איינענע טאכטער. דאס איז וואס דער נביא האט גזאגט צו די יודין איז דען ניטא מעדיצין אין גלעד. איז דארט ניטא אדאקטאר. אין גלעד איז דאך דא אדאקטאר מיט מעדיצין צו דעם נדר פון יפתח. דארט איז דאך דא פנחס וואס ער קען מתיר זיין דעם נדר פון יפתח. נאר יפתח האט ניט גיוואלט גיין צו פנחס ווייל ער איז גיוועזן אשופט. אונ פנחס האט ניט גיוואלט גיין צו יפתח ווייל ער איז גיוועזן אנביא. אונ עס שטייט אין פסוק אשר לא צויתי וואס איך האב ניט גיבאטען. ולא דברתי ואונ איך האב

דברתי ולא עלתה על לבי אשר לא צויתי זה בנו של מישע מלך מואב שנאמר (מלכים ב ג) ויקח את בנו הבכור אשר ימלוך תחתיו ויעלהו עולה על החומה ויהי קצף גדול על ישראל ויסעו מעליו וישובו לארץ. ולא דברתי זו בתו של יפתח הגלעדי. ולא עלתה על לבי זה יצחק בן אברהם. א"ר ברכיה אף כנסת ישראל שאלה שלא כהוגן והשיבה הקב"ה כהוגן דכתיב (הושע ו) ונדעה נרדפה לדעת את ה' כשחר נכון מוצאו ויבא כגשם לנו כמלקוש יורה ארץ. אמר לה הקב"ה בתי את שואלת דבר שפעמים מתבקש פעמים אינו מתבקש אבל אני אהיה לך דבר המתבקש לעולם שנאמר (הושע יד) אהיה כטל לישראל ועוד שאלה שלא כהוגן אמרה לפניו רבש"ע (ש"ה ח) שימני כחותם על לבך כחותם על זרועך אמר לה הקב"ה בתי את שואלת דבר שפעמים נראה ופעמים אינו נראה אבל אני אעשה לך דבר שנראה

פק בישראל ובתרגום מזכיר לגנאי פינחס ויפתח אלמא שלא היה (גורר) [רוצה הקב"ה בבתו שבבי] מזכירם לגנאי לפי שלא הגנו זה אלא זה לבטל הנדר. ה"נ לא עלתה על לבי זה יצחק בן אברהם כלומר אע"פ שצויתי לו מעולם לא עלתה על לבי לשחוט את בנו אלא כדי לנסותו מפני קטיגורו שהוא השטן כדאמרינן בסנהדרין ויהי אחר הדברים הללו אחר דבורו של שטן וכו' והיא דלא גרסי הכי ולא עלתה על לבי תיבה דטעו בקרא אחרינא דלא כתיב הלא אשר לא צויתי ולא דברתי ובפרשת בקבוק כתיבי כל הני שלשה אשר לא צויתי ולא דברתי ולא עלתה על לבי. בההיא אמר לא צויתי זה בנו של יפתח אע"פ שצויתי לו לנדור קרבן ומצות מצוה זו לא צויתי עליו ולא דברתי זה בנו של מישע ואלא מישע גוי הוא והוגן הוא לו' לדבר עמו אפי' דבור בעלמא ובדברי הגדה תניא כלב בסדייהו דכתיב אשר יכה את קרית ספר ולכדה וגו' ור' יונתן דלא חשיב ליה בגמ' פנים ליה לאתי קרא בהלכות שנשתכחו בימי אבלו של משה רבינו (וכן אמר כלב כל מי שיחזיר את ההלכות לתקון אתן לו עכסה בתי) כדדריש ליה במס' תמורה ואין לתוס שהשרה רוח הקדש על עבד ועל ממזר כדאמרינן במסכת נדרים שאין השכינה שורה וכו'. ובגדעון בקש לדעת על טל בארץ ובגיזה לבדה יהיה אין זה שלא כהוגן ומה תקנה יש אם יחסר העולם טל לילה אלא לבדה מפי רבי: ויבא כגשם לנו פעמים אינו מתבקש. כמטר בימי קציר בקיץ וטל דבר המתבקש לעולם ואפילו בימות החמה: פעמים נראה. כהותם פרוס גרסה זרועו ונראה כנגד לבו ואינו נראה כשהוא לבוש וכף נראה כל שעה כשיד נראה לעינים ור"ל על כפים השמים נותנים אדם בכבסה

---

ניט גירעט. ולא עלתה על לבי (און עס איז ניט אויף געגאנגען אויף מיין הארץ) . וואס איך האב ניט געבאטען מיינט מען . איך האב ניט געבאטען צו מישע דער מלך פון מואב ער זאל מקריב זיין זיין זוהן פאר אעולה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער מלך פון מואב האט גינומען זיין עלצטין זוהן וואס ער האט גידארפט קיניגען נאך זיין פאטער און האט איהם ארויף גיבראכט אויף דעם מאהער און הט איהם מקריב גיווע פאר אעולה . איז גיוועז אגרויסער צארין אויף די יודין און זיי האבען אפ גיצויגען פון איהם און אומגיקערט צוריק אין ארץ ישראל . און איך האב ניט גירעט מיינט מען . איך האב ניט גירעט צו יפתח הגלעדי ער זאל מקריב זיין די טאכטער זיינע . און עס איז ניט אויף גיגאנגען אין מיין הארץ . אז אברהם זאל שעכטין זיין זוהן יצחק . איך האב איהם נאר גיוואלט פרובין און ווייזען דעם שטן ווי גרויס איז די ליבשאפט פון אברהם און יצחק צו מיר . רבי ברכיה האט גיזאגט דיא יודען האבען אויך גיבעטען ניט ווי מען דארף . און גאט האט זייא גיענטפערט ווי גוט איז . עס שטייט אין פסוק די יודען האבען גיבעטען מיר ווילען וויסען און מיר ווילען נאך יאגען צו וויסען גאט אזוי ווי דער מארגינשטערין וואס איז אנגיברייט זיין ארויס גאנג און ער זאל קומען צוא אונז אזוי ווי דער רעגין און אזוי ווי דער שפעטיגער רעגין וואס מאכט נאס די ערד . הט גאט גיזאגט צו די יודען . מיין טאכטער דו פערלאנגסט אזוי אזאך וואס אמאהל וויל מען דאס און אמאהל וויל מען דאס ניט . אמאהל וויל מען עס זאל זיין רעגין און אמאהל וויל מען ניט עס זאל רעגנען . אבער איך וועל זיין צו דיר אזוי ווי אזאך וואס מען פערלאנגט דאס אייביג . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איך וועל זיין אזוי ווי אטהא צו די יודען . נאך האבען יודען גיבעטען ניט ווי מען דארף . די יודען האבען גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם דו זאלסט מיך טראגן אזוי ווי אחתימה אויף דיין הארץ . און אזוי ווי אחתימה אויף דיין ארעם . האט גאט גיזאגט צו די יודין . מיין טאכטער דו פערלאנגסט אזוי אזאך וואס אמאהל ווערט דאס גיזעהן און אמאהל ווערט דס ניט גיזעהן . אז אמענטש איז נאקעט ווערט גיזעהן דאס הארץ און דער ארעם . אבער ווען מען איז אן גיקליידט זעהט מען ניט דאס הארץ און ניט דעם ארעם . אבער

איך

שנראה לעולם שנאמר (ישעיה מט) הן על כפים חקותיך :

(דף ב) ט משנה עד אימתי שואלין את הגשמים רבי יהודה אומר עד שיעבור הפסח רבי (יוסי) [מאיר] אומר עד שיצא ניסן שנאמר (יואל ב) ויורד לכם גשם מורה ומלקוש בראשון :

גמ' א"ל רב נחמן לרב יצחק יורה בניסן הוא יורה במרחשון הוא (דתנן) [דתניא] יורה במרחשון ומלקוש בניסן א"ל הכי אמר רבי יוחנן בימי יואל בן פתואל נתקיים מקרא זה דכתיב ביה (יואל א) יתר הגזם אכל הארבה ויתר הארבה אכל הילק ויתר הילק אכל החסיל אותה שנה יצא אדר ולא ירדו גשמים ירדה להם רביעה ראשונה באחד בניסן אמר להם נביא לישראל צאו וזרעו אמרו לו מי שיש לו קב חטין או קבים שעורין יאכלנו ויחיה או יזרענה בקרקע וימות. אמר להם אעפ"כ צאו וזרעו (יצאו וזרעו) ונעשה להם נס ונתגלה להם מה שבכתלים (ומה שבסדקים) ומה שבחורי נמלים יצאו וזרעו בשני ובשלישי וברביעי ירדה להם רביעה שניה בחמשה

שנכנסה וכן נשא לבבנו אל כפים : א"ל ר"נ לר' יצחק יורה בניסן הוא. דכתיב ויורד לכם גשם מורה ומלקוש בראשון בניסן : והא במרחשון הוא. כדתניא לקמן. יורה ומלקוש מפרש לקמן : אמר ליה. ודאי במרחשון הוא ומקרא זה בימי יואל בן פתואל נתקיים שירדה ומלקוש היה בראשון ע"י נס שהיה רעב ז' שנים דכתיב כי קרא ה' לרעב וגם בא אל הארץ שבע שנים וכתיב יתר הגזם אכל הארבה וגו'. כש יצא אדר ולא ירדו גשמים ולא זרעו רוב אדר לא: רביעה ראשונה בתחלת גשמים. ולקמן מפרש רביעה שמרביע את הארץ : או יזרענה וימות. בתמיה קודם שתגדל התבואה חדשה שלא יהא לו מה לאכול : נעשה להם נס וכו'. וקיימו דכתיב ושלמתי לכם את השנים אשר אכל הארבה וגו' : נתגלה להם תבואה שבחורי נמלים ומה שבכתלים. שאגרו העכברים (דרך נמלים שעושים חורים בשדות ואוגרים בהם התבואה) : יצאו וזרעו. מה שבידם שני. בניסן ובשלישי וברביעי ומה שנשאר אכלו ולאחר שזרעו ירדו להם גשמים בה' בניסן והקריבו הע

---

איך וועל דיר טאהן אזוי אזאך וואס ווערט אייביג געזעהן. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק הן על כפים חקותיך. איך וועל דיך אויס קריצען אויף דיא האנט וואס בייא דיא פינגער. דאס ווערט אייביג געזעהן :

ט משנה. עד. ביז ווען בעט מען אויף רעגין. מען זאגט ותן טל ומטר. רבי יהודה זאגט ביז נאך פסח. רבי מאיר זאגט ביז עס גייט אוועק דער גאנצער חודש ניסן. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט וועט מאכען נידערין פון אייערט וועגין רעגין וואס הייסט מורה אונ מלקוש אין דעם ערשטין חודש. אין ניסן. זעהן מיר אז דעם גאנצען חודש ניסן דארף מען נאך רעגין ודאס מיינט מען אלץ אין ארץ ישראל. אונ וואס מורה אונ מלקוש איז שטייט ווייטער אין סימן טז :

נמרא. אמר. רב נחמן האט גזאגט צו רב יצחק דער רעגין וואס הייסט יורה איז דען אין ניסן. ער איז דאך גאר אין חשון. ווארום מיר האבען גילערונט דער רעגין וואס הייסט יורה רעגינט אין חשון. אונ דער רעגין וואס הייסט מלקוש רעגינט אין ניסן. האט רב יצחק גזאגט אזוי האט גזאגט רבי יוחנן אלע יאהר איז טאקי דער רעגין יורה אין חשון. נאר אין די צייט פון יואל בן פתואל איז מקוים גיווארען דער פסוק אז דער רעגין יורה אונ מלקוש וועגען גיווען אין ניסן. ווארום עס שטייט אין פסוק וואס דער גזם האט גילאזען. האט גיגעסען דער ארבה. וואס דער ארבה האט גילאזען. האט גיגעסען דער ילק : וואס דער ילק האט גילאזען. האט גיגעסען דער חסיל. אין דעם יאהר איז אוועק גינאנגען דער חודש אדר אונ עס איז נאך ניט גיוועןקיין רעגין. האט גירעגינט דער ערשטער רעגין ראש חודש ניסן. האט דער נביא גזאגט צו די יודען גייט זייען אייערע פעלדער. האבען די יודען גזאגט צום נביא. דער וואס האט א קב ווייץ אדער צוויי קבים גערשטין. זאל ער זיי עסין אונ זאל לעבין. אדער ער זאל זיי פאר זייען אין דער ערד אונ ער זאל שטארבען פאר הונגער. ביז עס וועט אויף וואקסען נייע תבואה. האט דער נביא גזאגט צו די יודען פון דעסטוועגין גייט זייען. האבען זייא גיזייט. אונ עס איז גיטאהן גיווארען א נס צו די יודען אונ עס איז צו זיי בעוויזען גיווארען די תבואה וואס אין די ווענט אונ וואס אין די לעכער וואו די מילען וועגען. האבען זיי גינאמען די תבואה צו עסין. אונ זיי האבען גיזייט דעם אנדערין אונ דעם דריטען אונ דעם פערטין טאג אין ניסן.

אונ

בחמשה בניסן והקריבו עומר בששה עשר ונמצאת התבואה הגדלה בששה חדשים גדלה באחד עשר יום . ונמצא עומר הקריב מתבואה של ששה חדשים קרב מתבואה של י"א יום . ועל אותו הדור הוא אומר (תהלים קכו) הזורעים בדמעה ברנה יקצורו הלוך ילך ובכה נושא משך הזרע מאי הלוך ילך ובכה נושא משך וגו' אמר רב יהודה (אמר רב) שור כשהיה חורש בהליכתו בוכה ובחזרתו אוכל חזיז מן התלם וזה בא יבא ברנה מאי נושא אלומותיו אמר רב חסדא ואמרי לה במתניתא תנא (אותה שנה) קנה זרת ושבולת זרתים היתה :

י אמר ליה רב נחמן לרב יצחק מ"ד (מלכים ב ח) כי קרא ה' לרעב וגם בא אל הארץ שבע שנים בהנך ז' מאי אכול א"ל הכי א"ר יוחנן שנה ראשונה אכלו מה שבבתים . שניה אכלו מה שבשדות (ובכרמים) . שלישית בשר בהמה טהורה רביעית בשר בהמה טמאה , חמישית בשר שקצים ורמשים ששית בשר בניהם ובנותיהם . שביעית בשר זרועותיהם לקיים מה שנאמר (ישעיה ט) איש בשר זרועו יאכלו :

פירוש: בעומר בששה עשר בניסן נמצאת התבואה חדשה הגדילה בששה חדשים . מתשרי ועד ניסן : בי"א יום . מה' בניסן עד ט"ז בו : הזורעים בדמעה . שלא היה נשא מה לאכול : מאי הלוך ילך ובכה . אם לגבי אדם הרי כבר נאמר הזורעים בדמעה הא אלא על השור החורש מדבר : בהליכתו . לחרוש התלם . ובחזירתו אוכל חזיז זה עשב מן התלם שזרע בהליכתו כשזורע מיד מתחיל ליגדל : מאי בא יבא ברנה נושא אלומותיו . אם מפני התבואה שם לשם לאכול הרי כבר אמור ברנה יקצרו : שבלת זרתים . זה גם גדול היה מה שאין כן דרך כל התבואה שהקנה הוא שלשה והרבעה בשבולת : כי קרא ה' לרעב . בימי יהורם בן אחאב נאמר : מה שבשדות . מה שנתפזר בשדות : אכלו בשר בניהם . קצת מהם . (א"נ מה שבשדות ספיחים שצומחין מהתבואה שנשרה מתחלה) ע"כ :



---

אונ דעם פינפטען טאג אין ניסן האט גירעגינט דער אנדערער רעגין . אונ דעם זעכצעהנטען טאג אין ניסן האבען זיי שוין מקריב גיוועזן דעם עומר פון די נייע תבואה. אונ די תבואה וואס מאכט אלע מאהל אין זעקס חדשים . האט היינט גיוואקסען אין עלף טעג . אונ דער עומר וואס מען איז איהם אלע מאהל מקריב פון די תבואה וואס האט גיוואקסען אין זעקס חדשים . האט מען איהם היינט מקריב גיוועזן פון די תבואה וואס האט גיוואקסען אין עלף טעג . אויף דעם דור איז גיזאגט גיווארען דער פסוק די וואס האבען גיזייט מיט טרערין , האבען געשניטען מיט גיזאנג . וואס מיינט מען ער איז גיגאנגען אונ האט גיוויינט . ווער האט גיוויינט . האט רב יהודה גיזאגט דער אקס ווען ער איז גיגאנגען מיט דעם האקער הט ער גיוויינט . ווייל ער איז גיוועזן הונגעריג . אונ ווען ער איז גיגאנגען צוריק האט שוין גיוואקסען אונ ער האט גיגעסען דיא גראז פון די תבואה וואס מען האט איצט פר זייט . וואס מיינט דער פסוק ער איז גיקומען מיט גזאנג דער וואס האט גיטראגען די בינטלאך תבואה . האט רב חסדא גיזאגט . אנדערע זאגען מיר האבען גילערענט אין אברייתא . די תבואה פון דעם יאהר איז דער שטרוי גיוועזן גרויס אהאלב איל . אונ דער זאנג איז גיוועזן גרויס צוויי האלבע איילין :

אמר . רב נחמן האט גיזאגט צו רב יצחק וואס מיינט דער פסוק גאט האט גירופען צום הונגער אונ ער איז גיקומען אויף די לאנד זיבען יאהר . וואס האבען די מענטשין גיגעסען אין די זיבען יאהר . האט רב יצחק גיזאגט אזוי האט גיזאגט רבי יוחנן דעם ערשטין יאהר האבען זיי גיגעסען די תבואה וואס זיי האבען גיהאט אין די שטובען . דעם אנדערין יאהר האבען זיי גיגעסען די תבואה וואס איז געבליבען אין די פעלדער . דעם דריטען יאהר האבען זיי גיגעסען די פלייש פון די כשרה בהמות . דעם פערטען יאהר האבען זיי גיגעסען די פלייש פון בהמות וואס מען טאר זיי ניט עסין . דעם פינפטען יאהר האבען זיי גיגעסען די פלייש פון אלע מיאוסקייט וואס קריכט אויף די ערד . דעם זעקסטען יאהר האבען זייא גיגעסען דיא פלייש פון זייערע זיהן אונ פון זייערע טעכטער . דעם זיבעטען יאהר האבען זייא גיגעסען דיא פלייש פון זייערע אייגענע ארעמס . אויף זייא איז מקוים גיווארען דער פסוק אמענטש וועט עסין די פלייש פון זיין ארעם :

**יא ואמר** ליה רב נחמן לרב יצחק מ"ד (הושע יא) בקרבך קדוש ולא אבוא בעיר משום דבקרבך קדוש לא אבוא בעיר א"ל הכי אמר רבי יוחנן אמר הקב"ה לא אבוא בירושלים של מעלה עד שאבוא בירושלים של מטה ומי איכא ירושלים למעלה אין דכתיב (תהלים קכב) ירושלים הבנויה כעיר שחברה לה יחדו:

**יב וא"ל** רב נחמן לר' יצחק מ"ד (ירמיה י) ובאחת יבערו ויכסלו מוסר הבלים עץ הוא א"ל הכי אמר רבי יוחנן אחת היא שמבערת רשעים בגיהנם מאי היא ע"א. כתיב הכא מוסר הבלים עץ הוא וכתיב התם (ירמיה י) הבל המה מעשה תעתועים. וא"ל רב נחמן לרבי יצחק מאי דכתיב (שם ב) כי שתים רעות עשה עמי תרתין הוא דהוו עשרין ותרתין שביק להו א"ל הכי אמר רבי יוחנן אחת היא (שם ע"ב) ששקולה כשתים ומאי ניהו ע"א דכתיב כי שתים רעות עשו עמי אותי עזבו מקור מים חיים לחצוב להם בארת בארת נשברים וכתיב (שם) כי עברו איי כתיים וראו וגו' הן היתה כזאת ההימיר גוי אלהים והמה לא אלהים ועמי המיר כבודו   בלא

משום דבקרבך קדוש. כלומר משום דבקרבך קדוש דהיינו שאתה מטיב מעשיך לא יבא הקב"ה בעיר: לא אבוא בירושלים וכו'. והכי קאמר קרא עד שיהא בקרבך קדוש למטה דהיינו ירושלים לא אבוא בעיר של מעלה: ירושלים הבנויה כעיר שחברה לה יחדו. ירושלים של מטה תהא בנויה כעיר שמחוברת לה שהיא כיוצא בה תבנית ודוגמתה מכלל דאיכא ירושלים אחריתי ושכן אם לה למעלה:

ובאחת יבערו ויכסלו מוסר הבלים עץ הוא. ואי לאו ג"ש הוה משמע אטומים כעץ לקבל מוסר ולשון סיו תקין: באחת. עבירה שהם עושים יתבערו הכסילים רשעים: כ"ב שביקא להו. כלומר בפרשת התספוף כ"ד עבירות שעברו אלא שניים על כ"ד כפיים: ששקולה כשתים. דכותיים וקדריים כדמפרש שהרעו מפניהם לא הכינו מהן דקדריים (וכותיים) אע"פ שיראתם פסולה לא רצו להמיר ועמי המירו כבודו (באחר) ולא עוד אלא בלא יועיל ע"כ:

---

**יא** וָאָמַר. נאך האט רב נחמן געזאגט צו רב יצחק וואס מיינט דער פסוק בקרבך קדוש ולא אבוא בעיר. ווייל אין דיר איז די הייליגקייט (ווייל דו ביסט הייליג געווארין) דריבער וועט גאט ניט קומען אין שטאט. האט רב יצחק געזאגט אזוי האט רבי יוחנן געזאגט. גאט האט געזאגט איך וועל ניט קומען אין דעם ירושלים וואס אין הימעל. ביז איך וועל פריער קומען אין דעם ירושלים וואס אויף דער ערד. (אונ אזוי מיינט דער פסוק ביז אין דיר ירושלים וועט זיין הייליג. וועל איך ניט קומען אין דער שטאט ירושלים וואס אין הימעל). פרעגט די גמרא איז דען דא א ירושלים אין הימעל. זאגט די גמרא יא עס איז דא א ירושלים אין הימעל. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די שטאט ירושלים וואס איז אויף די ערד וועט זיין געבאהט אזוי ווי די אנדערע שטאט ירושלים. אונ וואו איז די אנדערע שטאט ירושלים געווים אין הימעל. ווארום אויף דיא ערד איז דאך נאר דא איין ירושלים:

**יב** וְאָמַר. נאך האט געזאגט רב נחמן צו רבי יצחק. וואס האט געמיינט דער פסוק ובאחת יבערו ויכסלו מוסר הבלים עץ הוא. האט רב יצחק געזאגט אזוי האט געזאגט רבי יוחנן. איין עבירה איז דא וואס זי ראמט אריין דיא רשעים אין גיהנם. ויאס איז די עבירה. וואס זייא דינען עבודה זרה. דא שטייט מוסר הבלים עץ הוא. אונ דארט ביי עבודה זרה שטייט הבל המה מעשה תעתועים. אזוי ווי הבל מיינט מען עבודה זרה. אזוי מוסר הבלים מיינט מען אויך עבודה זרה. נאך האט רב נחמן געזאגט צו רב יצחק וואס מיינט דער פסוק צוויי שלעכטס האט געטאהן מיין פאלק. האבין זיי דען נאר צוויי שלעכטס געטאהן ניט מער. זיי האבען דאך געטאהן נאך צוויי אונ צוואנציג שלעכטס. האט רב יצחק געזאגט אזוי האט געזאגט רבי יוחנן זייא האבען געטאהן איין עבירה וואס זיא איז גערעכנט אזוי וויא צוויי עבירות. וואס איז דיא עבירה. זייא האבען געדינט עבודה זרה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק צוויי שלעכטס האט געטאהן מיין פאלק מיך האבען זיי פאר לאזין וואס איך בין א קוואל מיט לעבעדיגע אונ פרישע וואסער. אונ זיי האבען אויס געהאקט צו בראכענע גריבער. נאך שטייט אין פסוק גייט אריבער אין די אינזלען פון די כתיים אונ שיקט צו די קדרים וועט איר זעהן אויב זייא האבען געטאהן אזוי ווי איר האט געטאהן. האט דען פאר טאהשט א פאלק זיין גאט. וואס זיי זענען ניט קיין גאטער. אונ מיין פאלק האט פאר טאהשט דעם כבוד פון גאט אויף אזוי אזאך וואס קען

ניט

בלא יועיל תנא כותיים עובדים לאש וקרדיים עוברין למים ואע"פ שיודעין שהמים מכבין את האש לא הסירו אלהיהם ועמי המיר כבודו בלא יועיל:

יג וא"ל רב נחמן לרב יצחק מאי דכתיב (שמואל א יח) ויהי כאשר זקן שמואל ומי סיב שמואל כולי האי והא בר נ"ב הוה דאמר מר מת בנ"ב שנה זהו מיתתו של שמואל הרמתי. א"ל הכי אמר רבי יוחנן זקנה קפצה עליו דכתיב (ש"א טו) נחמתי כי המלכתי את שאול אמר לפניו רבש"ע שקלתני כמשה ואהרן דכתיב (תהלים צט) משה ואהרן בכהניו ושמואל בקורא שמו מה משה ואהרן לא בטלו מעשה ידיהם בחייהם אף אני לא יתבטלו מעשה ידי בחיי אמר הקב"ה היכי אעביד ליכות שאול לא קא שביק שמואל ליכות שמואל אדזוטרא מרננו אבתריה לא ליכות שאול ולא ליכות שמואל כבר הגיעה מלכות דוד ואין מלכות נוגעת בחברתה אפילו כמלא נימא אמר הקב"ה אקפוץ עליו זקנה היינו דכתיב (שמואל א כב) ושאול יושב בגבעה תחת

פירוש

נגן שתים לזקנה): והאמר מר. במועד קטן: זהו מיתתו של שמואל הרמתי ולא מיתה כרת פיה כתבכה שמתות מפרש מה בכך שנים זה הוא מיתה כרת בכך ובכך זו היא מיתת הסכרה: ימיו של שמואל נ"ב שנה דכתיב עד יגמל הנער וגו' דייסבירי"י בלע"ז וכ"ד חדשים נקרא תינוק וכתיב וישב שם עד עולם עולמו של לוי ת שים שנה שנאמר ומבן חמשים שנה ישוב מגבא העבודה בבכורות ירושלמי ובסדר עולם המנא כשני דפין תוספות על זה: קפצה. הלבין שערו: נחמתי. דלא הקב"ה לאהרגו מיד: שקלתני כמשה ואהרן. דכתיב משה ואהרן בכהניו ושמואל בקוראי שמו וגו' (וזהו) [ובין הם]: מעשה ידיהם. יהושע שאף הוא תלמידו של אהרן כדאמרינן בעירובין יצא משה ובא לו אהרן פרקו: כי ווער. נהור: מרננו כ"ע הבתריה. דאמרי מדמים זוטר שמת

---

נית העלפין. מיר האבין גילערנט די כותים דינען צום פייער. אונ די קרדים דינען צום וואסער אפילו דיא כותים ווייסען אז וואסער פאר לעשט דעם פייער. פון דעסטוועגן האבען זייא נית גיוואלט טאהשין דעם גאט פון פייער אויף דעם גאט פון וואסער. אונ מיין פאלק האט פאר טאהשט דעם כבוד פון גאט אויף אזוי אזאך וואס קען נית העלפין:

יג ואמר. נאך הט רב נחמן גזאגט צו רב יצחק וואס מיינט דער פסוק אונ עס איז גיוועז ווי שמואל איז אלט גיוועזן. איז דען שמואל אזוי אלט גיוועזן. ער איז דאך נאר אלט גיוועזן צוויי אונ פופציג יאהר. ווארום דער תנא הט גזאגט דער וואס שטארבט צו צוויי אונ פופציג יאהר. שטארבט ער אזוי ווי שמואל הרמתי איז גישטארבען ווארום שמואל הרמתי איז אויך גישטארבען ווען ער איז אלט גיוועזן צוויי אונ פופציג יאהרן. האט רב יצחק גזאגט אזוי האט גזאגט רבי יוחנן. דיא אלטקייט איז ארויף גישפרונגען אויף שמואל. ער איז פלוצלונג אלט גיווארין פאר די צייט. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט איך האב חרטה וואס איך האב גימאכט שאול זאל זיין א מלך. הט גאט גיוואלט באלד הרגנן דעם שאול. הט שמואל גזאגט פאר גאט רבונו של עולם דו האסט מיך גימאכט גלייך צו משה אונ אהרן. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק משה אונ אהרן זענען גיוועזן זיינע דינער. אונ שמואל איז גיוועזן צווישען די וואס האבען גירופען זיין נאמען. אזוי ווי משה אונ אהרן איז נית בטל גיווארין ביי זייער לעבין וואס זיי האבען גימאכט. זיי האבען גרויס גימאכט יהושע. אונ ער איז געבליבען גרויס. אזוי איך זאל נית בטל ווערין ביי מיין לעבין וואס איך האב גימאכט. איך האב גימאכט שאול פר א מלך. זאל ער זיין מלך אזוי לאנג ווי איך וועל לעבין. האט גאט גזאגט ווי זאל איך מאהן. זאל שאול שטארבען. לאזט שמואל נית. זאל שמואל שטארבען ווען ער איז נאך יונג. וועט מען רעדין אויף איהם. מען וועט זאגין דריבער איז ער יונג גישטארבען ווייל ער הט גיטאהן אעבירה. זאל שאול נית שטארבען אונ שמואל זאל אויך נית שטארבען. די צייט וואס דוד זאל ווערין א מלך איז אן גיקומען. אונ איין מלוכה רירט נית אן די אנדערע מלוכה אפילו אזוי ווי א האר אויך נית. האט גאט גזאגט איך וועל מאכען שמואל זאל אלט ווערין. וועט מען מיינען ער איז אין אמת אזוי אלט. וועט מען נית רייד[ען] אויף איהם אז ער וועט באלד שטארבען. דאס איז וואס עס שטייט אין פסוק אונ שאול זיצט אין

תחת האשל ברמה וכי מה ענין גבעה אצל רמה אלא לומר לך מי גרם לשאול שישב בגבעה שתי שנים ומחצה תפלתו של שמואל הרמתי ומי סידתי גברא מקמי גברא אין דא"ר שמואל בר נחמני א"ר (יותנן) [יונתן] מ"ד (הושע ו) על כן חצבתי בנביאים הרגתים באמרי פי במעשיהם לא נאמר אלא באמרי פי אלמא סידהי גברא מקמי גברא :

יד רב נחמן ורבי יצחק הוו יתבי בסעודתא א"ל רב נחמן לרבי יצחק לימא מר מלתא א"ל הכי אמר רבי יוחנן אין מסיחין בסעודה שמא יקדים קנה לושט ויבא לידי סכנה בתר דסעיד א"ל הכי אמר רבי יוחנן יעקב אבינו לא מת א"ל וכי בכדי ספדו ספדניא וחנטו חנטיא וקברו קבריא א"ל מקרא אני דורש שנאמר (ירמיה ל) ואתה אל תירא עבדי יעקב נאם ה' ואל תחת ישראל כי הנני מושיעך מרחוק ואת זרעך מארץ שבים מקיש הוא לזרעו מה זרעו בחיים אף הוא בחיים .



ח"ו עבירה סיתה בו : וכי מה ענין גבעה גביתן אלנ רמה . נבר הפ"ים : שישב שתי שנים ומחצה : כדמפרש נסדר עולם שמלך מחלית שנת עשרי עשרה וי"ב וי"ג ובמואל מת בתוך שלת י"ג לכוף ח' חדשים : מי מידהי גברא וכו' . דאידתי שמואל מקמי דוד : במעשיהם לא נאמר . דמשמע בטבור חטא : אלא באמרי פי . מפני דבר בגזרתי כגון האי מעשה דשמואל ע"כ :

[שמא יקדים קנה כשיוצא הקול נפתח אותו כובע שעל פי הקנה ונכנס בו המאכל ומסכן ולפיכך לא תומר לך כלום . מאכל ומשתה סולך דרך הושט] : לא מת . אלא חי הוא לעולם : בכדי . וכי בחנם ספדו ספדיא וחנטו חנטיא . דכתיב כים ויחנטו אותו ויספדו לו : מקרא אני דורש . וספי דחנטו חנטיא סבורים היו במת : מה זרעו בחיים . כשבות מקבן אף יבראל מארץ שבים בחיים סוה מקבן שהם נשני שבמתים אותם כשני : אף הוא

אין גבעה אונטער דעם בוים אין רמה . ווי קומט גבעה צו רמה . נאר אזוי מיינט דער פסוק דורך וועמען איז שאול געזעסן אין גבעה צוויי מיט אהאלב יאהר . דורך די תפלה פון שמואל וואס האט געוואוהנט אין רמה . פרעגט די גמרא ווערט דען פאר שטויסען אמענטש פר אמענטש . זאגט די גמרא עס איז אזוי וואס שמואל אונ שאול זענען פאר שטויסען געווארין פאר דוד . זאגט די גמרא עס איז אזוי ווארום רבי שמואל בר נחמני האט געזאגט פון רבי יונתן וועגין וואס מיינט דער פסוק דריבער האב איך געהאקט אין די נביאים איך האב זיי גיהרגת מיט די זאג פון מיין מויל . עס שטייט ניט איך האב זיי גיהרגת פאר זייערע עבירות ווארום זיי האבין ניט געהאט קיין עבירות . נאר איך האב זייא גיהרגת מיט דיא זאג פון מיין מויל עייל איך האב געזאגט זייא זאלען שטארבן פר איין אנדערינס וועגין נאזוי ווי דא איז גיוועזן שמואל אונ שאול זענען גישטארבן פר דודס וועגין זעהן מיר אז אמענטש ווערט פר שטויסן פר אמענטש :

יד רב נחמן אונ רב יצחק זענען געזעסן ביי אסעודה . האט רב נחמן געזאגט צו רב יצחק זאל דער רבי עפעס זאגין . האט רב יצחק געזאגט אזוי האט געזאגט רבי יוחנן מען טאר ניט ריידין אין עסין . טאמער וועט געעפינט ווערין דער קנה פריער ווייא דער ושט . וועט אריין פאלען דאס עסין אין קנה קען דער מענטש דערשטיקט ווערין . ווארום ביי אמענטשין אין האלז איז גימאכט געווארין אזוי ווי צוויי רערין . איינע הייסט ושט . דורך איר פאלט אריין דס עסין און די אנדערע הייסט קנה . דורך איר גייט ארויס דער קול . ווען דער מענטש רעט . אונ אז דער מענטש שווייגט איז זי פאר מאכט . אונ אז ער הייבט אן צו ריידין ווערט זי געעפינט . אונ אז דאס עסין זאל אריין פאלין אין דעם קנה ווערט דער מענטש דער שטיקט . דער נאך ווי רב יצחק האט אפ גיגעסין האט ער גיזאגט אזוי האט גיזאגט רבי יוחנן יעקב אבינו איז ניט גישטארבין . האט רב נחמן גיזאגט אז יעקב איז ניט גישטארבין צו וואס האט מען אים מספיד גיוועז . צו וואס האט מען אים גיווייקט אין שפירטוס דער גוף זאל ניט שטינקען . אז ער איז ניט גישטארבין וואלט ער דאך ניט פארשטונקען ווערין . צו וואס האט מען אים באגראבען . האט רב יצחק גיזאגט איך לערין דאס פון אפסוק . אין פסוק שטייט גאט זאגט מיין קנעכט יעקב דו זאלסט ניט מורא האבין . דו ישראל זאלסט ניט שרעקין . ווארום איך וועל דיר העלפען פון ווייטען . אונ דיינע קינדער וועל איך צו ריק קערין אין ארץ ישראל פון די לאנד וואס זיי זענען דארט געפאנגען געווארין . גליכען טיר יעקב צו זיינע קינדער . אזוי ווי זיינע קינדער וועט גאט אויס לייזען פון גלות לעבעדיגע . אזוי וועט יעקב אויך זיין לעבעדיג

א"ר יצחק כל האומר רחב רחב מיד נקרי אמר ליה רב נחמן אנא אמינא ולא איכפת לי א"ל כי קאמינא ביודעה ובמכירה (ובמזכיר את שמה קא אמינא) כי הוה מיפטר א"ל ליברכן מר . א"ל אמשול לך משל למה"ד לאדם שהיה מהלך במדבר והיה רעב ועיף וצמא מצא אילן שפירותיו מתוקין וצלו נאה ואמת המים עוברת תחתיו אכל מפירותיו ושתה ממימיו וישב בצלו וכשבקש לילך א"ל אילן אילן במה אברכך אם אומר שיהיו פירותיך מתוקין הרי פירותיך מתוקין שיהיה צלך נאה הרי צלך נאה שתהא אמת המים עוברת תחתיך הרי אמת המים עוברת תחתיך אלא יה"ר שכל נטיעות שנוטעים ממך יהיו כמותך אף אתה בכה אברכך אם בתורה הרי יש לך תורה (ואם לגדולה הרי יש לך גדולה ואם לכבוד הרי יש לך כבוד) ואם בעושר הרי יש לך עושר אם בבנים הרי יש לך בנים אלא יהי רצון שיהו כל צאצאי מעיך כמותך :

נחי"ב . זיכות בגולה כדי נגאול את בניו לעדיו כמו שמצינו במצרים וירא ישראל וגו' ודרבינן ישראל כנה ודהנהו הטיה נדתה להם שמה אבג פי' כיה : כל האומר רחב רחב מיד נקרי . בעל קרי : לא איכפת לי . היינו חושש : ביודעה . סיום כמי מכירה : כי הוה נפטר . רב נחמן מר' יצחק : והיה צלו נאה . בזה צריך לאדם ע"פ נוח שתהיו : פירותיו מתוקין . לרעב : ולאמת המים . לצמא : יהיו כמותך . בתורה ובעושר וכבוד ע"כ :

יורה . וכתיב מטר הראשון בעתו יורה ומלקוש . יורה רביעה ראשונה היורדת במבול (כדלקמן) ומה נקרא יורה במורה לבו להטית גגותיכן בעיה של פיס בלא יטפו גשמים בבית) : ולהכניס

(דף ו') **ת"ר** תנו רבנן יורה שמורה את הבריות להטיח גגותיהן ולהכניס את פירותיהן ולעשות כל

---

אונ וועט זעהן ווי זיינע קינדר וועלין ווערין אויס גילייזט ווערין פון גלות . נאר ווייל די מצרים האבין ניט גיוואסט אז ער לעבט דריבער האבין זייא מיט איהם גיטאהן אזוי וויא מען טוהט מיט אטויטען . רבי יצחק האט גיזאגט דער וואס זאגט צווייא מאהל דיעם ווארט רחב . זעהט ער באלד קרי . האט רב נחמן גיזאגט צוא רבי יצחק איך האב גיזאגט צוויי מאהל דעם ווארט רחב . אונ איך האב ניט גיזעהן קרי . האט רבי יצחק גיזאגט איך מיין דער מענטש וואס האט גיקענט רחב וויא שיין זיא איז גיוועזן . אונ ער נעמט אריין אין זיינע גידאנקען איר שיינקייט . אונ דוהך דעם דער מאנט ער איהר נאמען צווייא מאהל . אזו וויא איינער זארגט ער וואלט זי גערין נאך אמאהל גיזעהן . דער וועקט זיך אין אים די תאוה אונ עס גייט ארויס פון איהם שכבת זרע . אז רב נחמן האט גיוואלט אוועק גיין פון רב יצחק . האט רב נחמן גיזאגט צו רב יצחק זאל דער רבי מיך בענטשין . האט רב יצחק גיזאגט איך וועל דיר זאגין א משל צו וואס די זאך איז גליך . א מענטש איז אמאהל געגאנגען אין דער מדבר . אונ ער איז גיוועזן הונגעריג אונ מיד . אונ דארשטיג . האט ער גיטראפען אבוים מיט זיסע פירות . אונ דער בוים הט גימאכט מיט זיינע צווייגען אגרויסען שאטען . אונ אקוואל וואסער איז גיוועזן אונטער דעם בוים . דער מענטש האט זאט גיגעסען פון די פירות . אונ האט געטרונקען פון דעם וואסער . אונ איז גיזעסין אונטער דעם שאטען אונ האט גירוהט . אז דער מענטש האט שוין געוואלט אוועק גיין פון דעם בוים . הט ער גיזאגט צום בוים . בוים בוים מיט וואס זאל איך דיך בענטשין . איך זאל דיך בענטשין דיינע פירות זאלין זיין זיס . זיי זענען זיס אן מיין ברכה . דיין שאטען זאל זיין שיין . דיין שאטען איז שיין אן מיין ברכה . אקוואל וואסער זאל גיין אונטער דיר . אקוואל וואסער גייט אונטער דיר אן מיין ברכה . נאר אזוי וועל איך זאגין . אלע צווייגין וואס מען וועט נעמען פון דיר אונ מען וועט זיי פלאנצין זאלין וואקסין אזעלכע בוימער וויא דוא ביזט . זאגט רב יצחק צו רב נחמן דוא ביזט אויך אזוי . מיט וואס זאל איך דיך בענטשין . דוא זאלסט זיין א תלמיד חכם . דוא ביזט א תלמיד חכם . דוא זאלסט זיין רייך . דוא ביזט רייך . דוא זאלסט האבין קינדער . דוא האסט קינדער . נאר גאט זאל געבין אז אלע קינדער דיינע זאלין זיין אזוי וויא דוא ביזט . וויא זאלין זיין תלמידי חכמים . אונ זאלין זיין רייך . אונ זאלין האבין כבוד פון מענטשין :

**ת"ר** תנו רבנן . די רבנן האבין גילערנט פאר וואס רופט מען דעם ערשטין רעגין וואס רעגנט

כל צרכיהן ד"א שמרוה את הארץ ומשקה עד התהום שנאמר (תהלים סה) תלמיה רוה נחת גדודיה ברביבים תמוגגנה צמחה תברך ד"א [יורה] שיורד בנחת ואינו יורד בזעף או אינו אלא יורה שמשיר את הפירות ומשטיף את הזרעים (ומשבר) [ומשטיף] את האילנות ת"ל מלקוש מה מלקוש לברכה אף יורה לברכה או אינו אלא מלקוש שמפיל את הבתים ומשבר את האילנות ומעלה סקאין ת"ל יורה (ומלקוש) מה יורה לברכה אף מלקוש לברכה ויורה גופיה מנ"ל דכתיב (יואל ב) ובני ציון גילו ושמחו בה' אלהיכם כי נתן לכם את המורה לצדקה ויורד לכם גשם מורה ומלקוש בראשון:

אמר

פירותיהן . שמגיהו בנחת לאילן עד שכבין ׃ כל צרכיהן . דברים הצריכין בימות הגשמים : שיורד בנחת . והכי משמע יורה כאדם שמורה לתלמידיו בנחת דכתיב דברי חכמים בנחת נשמעים ת"ל לשון הן יורה בחוזק ביותר ואינו עושה לכאן ולכאן ל"א שמתכוין לארץ ואינו יורד בזעף : תלמיה רוה . כשאתה מרוה תלמי חרישה של ה' נחת רוח לגדודי בני אדם שאינו שבט המקרא ולקמן דרש באפי' גייסות סוסקות בו : משיר פירותיהם . שעודם באילן כגון אגוזים או רמונים או סוסי האגים ולא גרסינן משטף את הגרעות דגרעום בחשון ליכא : או אינו אלא משטף את הזרעים . כלומר דעד הכא אמרינן יורה לברכה או אינו אלא יורה לשון קללה כמו ירה יורה שמוכר הכל כהן היורה והכי משמע קרא יהיה את בשוט המשנו אל מנוחי וגו' את לאו ונהי משר לאלהם יורה לרעה מילתא בעלמא הוא והורתא דברייתא למיתני כי האי גוונא : מה מלקוש לברכה . שת"א לדורשו לשבר גרנות ולהפיל פירות מאליהם שלויים בתוהו הפסוק ולאי אתה יכול לדורשן אלא לטובה שיורד על המלילות של הקשין ומעלה את השבולת בקשים . כדר' אמר דילמא מלקוש קללה הוא והכי משמע שמל וקשה כלומר מל את הבתים והאילנות ומשבר וקשה להבואה : שמעלה הקשין . וברכה דקרא למאי מים גודות בימין ומעיוה (גמגום) : שמפיל את הבתים . ומשמעו כדלקמן שמל קשיותן של ישראל א"נ שמל דבר הקשה האחר ומשבר את הבתים כלומר אין בו הקלה גרנות והשרת פירות לפי שאי"א לו : הקשים . מין הרבה כדמתרגמינן גלגל כקאש ומלקוש לשון ארבה כמו וסה נקב אחד גזי המלך (עמוס ז) : אם סמוכה גלדקה . אלמא יורה לטובה :

אין

---

רעגינט אין חשון. יורה. ווייל יורה איז טייטש ווייזן. דער רעגין ווייזט די מענטשין זיי זאלין בקלעבין זייערע דעכער. אונ זיי זאלין אריין נעמען אלע פירות פון פעלד אין שטוב אונ אין די שפייכערס. אונ זייא זאלין מאהן אלץ וואס זייא דארפין מאהן אויף ווינטער. אנדערע זאגין דריבער רופט מען דעם ערשטין רעגין יורה. ווייל ער מאכט זאט די ערד מיט וואסער. אונ ער טרינקט איהר אן מיט וואסער ביז צום אבגרונד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק תלמיה רוה. איהרע בייטין מאך זאט מיט וואסער. נחת גדודיה. בערוהיג די מענטשין. ברביבים תמוגגנה. מיט די טראפינס רעגין מאכסטו פייכט די ערד. צמחה תברך. דו טוהסט בענטשין איהרע שפראצונג. אנדערע זאגין דריבער רופט מען דעם ערשטין רעגין יורה. ווייל ער גיהערט שטיל. אונ ניט מיט כעס. פרעגט די גמרא טאמער איז ניט אזוי. פון וואנען ווייסט דוא או מען רופט דעם ערשטין רעגין יורה פון וועגין דיא ברכה וואס דורך איהם איז. טאמער דריבער רופט מען דעם ערשטין רעגין יורה. פון וועגין די קללה וואס דורך איהם איז. ווייל ער ווארפט אראפ אלע פירות וואס זענען נאך געבליבן אויף די ביימער פון זומער. אונ ער פר פלייצט אלע פרזייהונג. אונ ער פאר פלייצט די בוימער. ענטפערט די גמרא עס שטייט אין פסוק מלקוש נעבין יורה ומלקוש איז טייטש דער שפעטיגער רעגין וואס ער קומט אין ניסן. אזוי וויא מען רופט דעם שפעטערדיגען רעגין מלקוש. ווייל ער קומט צו אברכה. אזוי רופט מען דעם פריערדיגען רעגין יורה ווייל ער קומט צו אברכה. פרעגט די גמרא טאמער איז ניט אזוי. מלקוש ווייזט אויך אויף אקללה. דער רעגין ווארפט איין די הייזער. אונ ער צו ברעכט די בוימער. אונ ער ברייגגט דעם איישעריק אויף די תבואה. ענטפערט די גמרא עס שטייט אין פסוק יורה נעבין מלקוש. אזוי וויא מען רופט דעם פריערדיגען רעגין יורה. ווייל ער קומט צוא אברכה. אזוי רופט מען דעם שפעטערדיגען רעגין מלקוש. ווייל ער קומט צו אברכה. פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסין מיר אז יורה מיינט מען אברכה. ענטפערט דיא גמרא ווארום עס שטייט אין פסוק קינדער פון ציון פרייט אייך מיט אייער גאט. ווארום ער הט ניגעבין צו אייך דעם ערשטין רעגין וואס הייסט מורה צו גוטען. אונ ער הט גימאכט נידערין פון אייערטוועגין דעם רעגין וואס הייסט מורה אונ דעם רעגין וואס הייסט מלקוש. אין דעם ערשטין חודש. דאס איז ניסן וועין סימן יז :

אמר

**טז אמר** רב חסדא גשמים שירדו על מקצת מדינה ועל מקצת מדינה לא ירדו אין בהם משום ועצר אינו והכתיב (עמוס ד) וגם אנכי מנעתי מכם את הגשם בעוד שלשה חדשים לקציר והמטרתי על עיר אחת ועל עיר אחת לא אמטיר חלקה אחת תמטר וחלקה אשר לא תמטיר עליה תיבש ואמר רב יהודה אמר רב שתיהן לקללה לא קשיא הא דאתא טובא הא דאתא כדמיבעי ליה אמר רב (אסי) [אשי] דיקא נמי דכתיב תמטר תהא מקום מטר ש"מ:

**יז אמר** רבי אבהו מאימתי מברכין על הגשמים משיצא חתן לקראת כלה מאי מברך א"ר יהודה א"ר מודים אנחנו לך ה' אלהינו על כל טיפה וטיפה שהורדת לנו ורבי יוחנן מסיים אלו פינו מלא שירה כים ולשוננו רנה כהמון גליו וכו' עד אל יעזבונו רחמיך ה' אלהינו לא עזבונו ברוך רוב ההודאות ולא כל ההודאות אמר רבא איסא אל ההודאות

אמר

פירוש

אין בהם משום ועצר. דאותן של אותה מדינה שירדו להם גשמים מוכרין לאחרים: ואמר רב יהודה אמר רב שתיהן לקללה. אותן שירדו ואותן שלא ירדו מפני שרוב גשמים קלקלו את תבואתם: הא דאתיא מיעוטא טובא. יותר מדאי שתיהן לקללה: כדמיבעי ליה. אין בהם משום ועצר שאותה מדינה מספקת לאותה מדינה: תמטר. תהא מקום מטר כלומר יותר מדאי:

מאימתי מברכין על הגשמים. בפרק הרואה אמרי' על הגשמים אומר הטוב והמטיב והכא פריך מן ברכה דתקין לה רבנן ומשני הא דהוא תיהוא והא דשמע משמע: חתן לקראת כלה (יוצאה) [כיוצא] כ"כ שמתפשטת ונראה יוצאה אחרת ובוקעת כנגדה מפני מורי נ"א כשהטיפות מקלחין מים בוקע מקלח וזה מקלח כנגדו: רוב

---

**טז אמר** . רב חסדא האט גיזאגט אויב אויף אביסל לאנד האט גענידערט רעגן . אונ אויף אביסל לאנד האט ניט גענידערט . דאס איז ניט די קללה וואס די תורה האט גיזאגט איך וועל אויף האלטין דעם רעגן : ווארום די האלבע לאנד וואס אין איהר האט גירעגינט . וועט פאר קויפין תבואה צו די האלבע לאנד וואס אין איהר האט ניט גירעגינט . פרעגט דיא גמרא עס איז דאך ניט אזוי . ווארום עס שטייט אין פסוק נאך האט גיזאגט איך וועל פאר מיידין פון אייך דעם רעגן דרייא חדשים פאר דעם שניט . אויף איין שטאט וועל איך מאכין רעגענין . אונ אויף איין שטאט וועל איך ניט מאכין רעגענען . איין פעלד וועט ברעגינט ווערין אונ די פעלד וואס אויף איהר וועט ניט רעגענען . וועט אלץ פארטריקינט ווערין . האט רב יהודה גיזאגט פון רבס וועגין אונ בייד שטעט אונ ביידע פעלדער וועלין זיין צו א קללה . אויף דעם ארט וואס וועט רעגענען . וועט זיין צו פיל רעגין . וועלין די תבואה פאר פוילט ווערין . אונ וואו עס וועט ניט רעגענען וועט גאר ניט וואקסין . זעהן מיר דאך אז אויף איין ארט רעגינט אונ אויף איין ארט רעגינט ניט איז א קללה . ניט ווי רב חסדא האט גיזאגט . זאגט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא . אז אויף איין ארט רעגינט גאר ניט אונ אויף דעם אנדערין ארט רעגינט צו פיל . איז טאקי א קללה . ווארום אויף ביידע ערטער איז ניטא קיין תבואה . אבער אז אויף איין ארט רעגינט וויא מען דארף . אפילו אויף דעם אנדערין ארט רעגינט גאר ניט . איז דאס גיט קיין קללה . ווארום איין ארט וועט געבין תבואה צו דעם אנדערין ארט . רב אשי זאגט מען זעהט אז דער פסוק מיינט . עס וועט זיין צו פיל רעגין . ווארום עס שטייט תמטר . דער ארט וועט ווערין פול מיט די וואסר פון רעגין :

**יז אמר** . רבי אבהו האט גיזאגט ווען מאכט מען א ברכה אויף רעגין . אז עס גייט אזוי פיל רעגין אז אויף דיא טייכלאך ווערט בלעזיל . אונ איין בלעזיל גייט געגין דאס אנדערע בלעזיל . אזוי וויא א חתן גייט געגין א כלה . מאכט מען א ברכה . וואס זאל ער זאגין . האט רב יהודה גיזאגט פון רבס וועגין . ער זאל זאגין מודים אנחנו לך יי' אלהינו על כל טיפה וטיפה שהורדת לנו . מיר לויבין דיך אונזער גאט אויף יעדער טראפין רעגין וואס דוא האבט אונז גימאכט נידערין . אונ רבי יוחנן האט גיזאגט נאך מער . אלו פינו מלא שירה כים . ביז ולא עזבונו חסדיך . אזוי וויא עס שטייט אין נשמת אונ ער האט אויס גילאזין דיא ברכה . ברוך רוב ההודאות . גילויבט איז גאט מיט פיל לויבונג . פרעגט דיא גמרא מיט פיל לויבונג זאגט מען אויף גאט . מען דארף דאך זאגין מיט אלע לויבונג . האט רבא גיזאגט מען זאל

זאגין

אמר רב פפא הלכך נימרינהו לתרוייהו אל ההודאות ורוב ההודאות] :

**יח אמר** רבי אבהו גדול יום הגשמים מתחיית המתים דאלו תחיית המתים לצדיקים ואלו הכא בין לצדיקים בין לרשעים ופליגא דרב יוסף דאמר רב יוסף מתוך שהיא שקולה כתחיית המתים קבעוה בתחיית המתים . אמר רב יהודה גדול יום הגשמים כיום שנתנה בו תורה שנאמר (דברים לב) יערף כמטר לקחי ואין לקח אלא תורה שנאמר (משלי ד) כי לקח טוב נתתי לכם תורתי אל תעזובו . רבא אמר יותר מיום שנתנה בו תורה שנאמר יערוף כמטר לקחי מי נתלה במי הוי אומר קטן נתלה בגדול . רבא רמי כתיב יערף כמטר לקחי וכתיב תזל כטל אמרתי אם ת"ח הגון הוא כטל ואם לאו עורפהו כמטר . תניא היה ר' בנאה אומר כל העוסק בתורה לשמה תורתו נעשית לו סם חיים שנאמר (משלי ג) עץ חיים היא למחזיקים בה ואומר (שם) רפאות תהי לשרך ואומר (שם ח) כי מוצאי מצא חיים וכל העוסק בתורה שלא

הודאות . כלומר ברוב ההודאות אתה קורא להקב"ה : ולא כל ההודאות . והכי משמע ברוך אתה רוב ההודאות ולא בכל אלא כך חותם בא"י אמ"ה אל ההודאות דמשמע כל ההודאות : למימרינהו לתרוייהו . ברוך אתה ברוב ההודאות במרבים ההודאות הלא של כל ההודאות משמע ומתחלה היה משמע רוב ממש ולא מרובות וכמו כן גיבהבה של מלך גדול בהשבחות אל ההודאות : רבעי . עכו"ם אינן חיים באמר כי חולעתם לא תמות ואשם לא תכבה : ופליגא דרב יוסף . דאיהו אמר כתחיית המתים ולא יותר שבה חיים בני אדם שהתבואה גדלה בו : כמטר לקחי . הטוב

זאגין די ברכה ברוך אל ההודאות . געלויבט איז דער גאט וואס ער איז געלויבט . רב פפא זאגט דריבער דארף מען זאגין ביידע . ברוך אל ההודאות ורוב ההודאות . געלויבט איז דער גאט פון אלע לויבונג מיט פיל לויב :

**יח** אמר . רבי אבהו האט געזאגט דער טאג וואס אין איהם גייט רעגין . איז גרעסער וויא דער טאג וואס אין איהם וועלין לעבעדיג ווערין די מתים . ווארום מתים וועלין נאר לעבעדיג ווערין צדיקים . אונ רעגין גייט פאר צדיקים אונ פאר רשעים . אונ רבי אבהו קריגט אויף רב יוסף . ווארום רב יוסף האט געזאגט וויל רעגין איז גלייך צו תחית המתים דריבער דער מאנט מען דעם רעגין אין דער ברכה פון תחית המתים . מען זאגט מחיה מתים אתה רב להושיע . משיב הרוח ומוריד הגשם . ווארום רעגין מאכט וואקסין די תבואה . אונ דיא תבואה גיט לעבין צו די מענטשין . רב יהודה האט געזאגט דער טאג וואס אין איהם גייט רעגין איז אזוי גרויס וויא דער טאג וואס אין איהם איז געגעבין געווארין די תורה . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק יערוף כמטר לקחי . מיין לקח איז אזוי וויא רעגין . אונ לקח מיינט מען דיא תורה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק כי לקח טוב נתתי לכם תורתי אל תעזובו . א גוטע לערנונג האב איך אייך געגעבין איהר זאלט ניט פארלאזין מיין תורה . רבא זאגט דער טאג וואס אין איהם גייט רעגין איז גרעסער וויא דער טאג וואס אין איהם איז געגעבין געווארין די תורה . ווארום עס שטייט אין פסוק יערוף כמטר לקחי . מיין תורה זאל זיין אזוי וויא דער רעגין . ווער וויל זיך פאר גלייכין צו וועמען . דער קלענערער וויל זיך פאר גלייכין צום גרעסערין . אז משה ווינט פאר גלייכט די תורה צום רעגין . איז דאך דער רעגין גרעסער ווי די תורה . רבא האט געפרעגט אין איין פסוק שטייט יערוף כמטר לקחי . מיין תורה הרגת אזוי ווי דער רעגין . אונ אין איין פסוק שטייט תזל כטל אמרתי . מיין תורה רינט אזוי וויא טהא . אויב ער איז א תלמיד חכם אונ א צדיק איז זיין תורה אזוי גוט פאר דער וועלט אזוי וויא טהא . אונ אויב ער איז א תלמיד חכם אונ א רשע זאלסטו איהם הרגין מיט דעם כח פון די רעגירונג אזוי ווי דער רעגין וואס קומט מיט שטורעם אונ ער האקט אויס אונ ליגט איין די תבואה . מיר האבין געלערנט רבי בנאה פלעגט זאגין דער וואס לערנט תורה וועגין גאט האט געבאטין . ווערט דיא תורה צו איהם א סם פון לעבין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די תורה איז א בוים פון לעבין צו די מענטשין וואס האלטין איהר . נאך זאגט דער פסוק די תורה וועט זיין א היילונג צו דיין לייב . נאך זאגט דער פסוק דער וואס געפינט מיך ודי תורה) דער האט געפונען לעבין . אונ דער וואס לערנט

שלא לשמה נעשית לו סם המות שנאמר יערף כמטר לקחי ואין עריפה אלא הריגה שנאמר (דברים כא) וערפו שם את העגלה בנחל:

**יתיב** א"ל (ר"ז לר' ירמיה) [ר' ירמיה לר' זירא] ליתי מר ליתני א"ל חליש לבאי ולא יכילנא לימא מר מלתא דאגדתא א"ל הכי אר"י מ"ד (דברים כ) כי האדם עץ השדה וכי אדם עץ השדה הוא אלא משום דכתיב (שם) כי ממנו תאכל ואותו לא תכרות [וכתיב אותו תשחית וכרת] הא כיצד אם ת"ח הגון הוא ממנו תאכל ואותו לא תכרות ואם לאו אותו תשחית וכרת.

לקח למטר: יערוף. כמו אף שמיו יערפו טל ובהקים יערפו טל שהוא מרבה פירות: כתיב הכא כטל. דמשמע נחת: עורפהו כמטר. הורגהו: כסם. משום כאשר לוני ה' אלהי ולא כדי לקנתרני:

כי אדם עץ השדה. אלא מקיש אדם לעץ השדה מה עץ השדה אם עץ מאכל הוא ממנו תאכל ואותו לא תכרות אף ת"ח אם הגון הוא ממנו אכול למוד הימנו ואם לאו אותו תשחית סור מעליו: ברזל בברזל יחד. ואיש יחד פני רעהו מה ברזל זה אחד מחדד את חברו כגון סכין על גבי חברתה: אינה דולקת יחידי. עץ אחד אינו דולק אלא ב' או ג' ביחד: ביחידי. בלא חבר ביחדדו: במוסיפין ופשות. דכתיב נואלנו חבר נואלנו מתרגמינן די

**אמר** רבי חמא ברבי חנינא מ"ד (משלי כז) ברזל בברזל יחד לומר לך מה ברזל זה אחד מחדד את חברו אף ב' תלמידים מחדדין זה את זה בהלכה. אמר רב ב"ה למה נמשלו דברי תורה כאש שנאמר (ירמיה כג) הלוא כה דברי כאש נאם ה' לומר לך מה אש אינו דולק יחידי אף דברי תורה אין מתקיימין ביחידי היינו דאמר רבי יוסי בר חנינא מ"ד (שם כ) חרב אל הבדים ונואלו חרב על שונאיהם של ת"ח שעוסקין בד בבד בתורה ולא עוד

אלא

---

לערנט תורה ניט ווייל גאט האט געבאטין. נאר ווייל ער וויל וויסען די חכמה פון דיא תורה. אזוי וויא ער לערנט אנדערע חכמות. ווערט די תורה צו אים א סם המות. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק יערוף כמטר לקחי. יערוף איז טייטש הרגנן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וערפו שם את העגלה בנחל. מע זאל אפ האקין דעם קאפ פון די קאלב אין טאהל. איז דא אויך דער טייטש משה רבינו זאגט דיא תורה ווערט איהם הרגנן אזוי וויא דער רעגין וואס קומט מיט שטורעם האקט אוים און לייגט איין די תבואה אין פעלד. ווערין מהרש"א):

**יתיב** אמר. רבי ירמיה האט געזאגט צו רבי זירא קום לערנען. האט רבי זירא געזאגט מיין הארץ איז שוואך און איך קען ניט איצט לערנען. האט רבי ירמיה געזאגט צו רבי זירא זאג איין זאך פון אגדתא ווער זאל דרשנן פסוקים פון תנ"ך. האט רבי זירא געזאגט אזוי האט געזאגט רבי יוחנן וואס מיינט דער פסוק דער מענטש איז א בוים פון א פעלד. איז דען דער מענטש א בוים פון פעלד. נאר ווייל אין איין פסוק שטייט פון דעם בוים וועסטו עסין זאלסטו איהם ניט אפ שניידין. און אין איין פסוק שטייט דו זאלסט דעם בוים פאר דארבען און אפ שניידין ווי מיינט מען. אויב אויף דעם בוים וואקסט ניט פירות צום עסין. זאלסטו איהם אפ שניידין. ביי דעם מענטשין איז אויך אזוי. אויב ער איז א תלמיד חכם און פרום. זאלסטו פון איהם עסין לערנען תורהו און דוא זאלסט איהם ניט פאר שניידען. און אויב ער איז א תלמיד חכם און איז ניט פרום. זאלסטו פון איהם ניט לערנען. און דו מעגסט איהם פאר דארבען און פאר שניידען. רבי חמא ברבי חנינא הט געזאגט וואס מיינט דער פסוק ברזל בברזל יחד. יחד איז טייטש שארפען. אזוי ווי איין אייזן שארפט דעם אנדערין. אזוי צוויי תלמידי חכמים וואס לערנען צו זאמען שארפט איינער דעם אנדערין. דער ווערט קלוג דורך דעם און דער ווערט קלוג דורך דעם. רבה בר בר חנה זאגט פאר וואס איז געגליכען דיא תורה צו פייער. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק נאט זאגט מיינע רייד זענען אזוי ווי פייער. אזוי ווי פייער ברענט ניט אליין איין האלץ ברענט ניט. נאר אז עס ליגט צוויי דריי שטיקלאך האלץ צו זאמען ברענט. אזוי די תורה הט ניט קיין קיום ביי דעם תלמיד חכם וואס לערנט אליין. נאר מיט חברים אדער מיט תלמידים זאל מען לערנען. דס איז אזוי ווי רבי יוסי בר חנינא הט געזאגט. וואס מיינט דער פסוק חרב אל הבדים ונואלו. אשווערד ווערט ח"ו קומען אויף די תלמידי חכמים וואס לערנען תורה איינציג ווייז. בדים איז אזוי ווי בדד. אליין. און נאך

אלא שמטפשין [שנאמר ונואלו ולא עוד אלא שחוטאין] כתיב הכא ונואלו וכתיב התם (במדבר יב) אשר נואלנו ואשר חטאנו ואבע"א מהכא (ישעיה יט) נואלו שרי צוען וגו'. אמר רב נחמן בר יצחק למה נמשלו דברי תורה כעץ שנאמר (משלי ג) עץ חיים היא למחזיקים בה לומר לך מה עץ קטן מדליק את הגדול אף ת"ח קטנים מחדדים את הגדולים והיינו דאמר רבי חנינא הרבה למדתי מרבותי ומחברי יותר מרבותי ומתלמידי יותר מכולם:

**ב רבי** חנינא בר פפא רמי כתיב (ישעיה כא) לקראת צמא התיו מים וכתיב (שם נה) הוי כל צמא לכו למים אם תלמיד (חכם) הגון הוא לקראת צמא התיו מים ואם לאו הוי כל צמא לכו למים. רבי חנינא בר חמא רמי כתיב (משלי ה) יפוצו מעינותיך חוצה וכתיב (שם) יהיו לך לבדך אם תלמיד הגון הוא יפוצו מעינותיך חוצה ואם לאו יהיו לך לבדך. אמר רבי חנינא בר אידי למה נמשלו דברי תורה למים דכתיב (ישעיה נה) הוי כל צמא לכו למים לומר לך מה מים מניחין מקום גבוה והולכין למקום נמוך אף דברי תורה אין מתקיימין אלא במי

שמטפשין: שחוטאין. דכתיב ונואלו גבי חטאת: ואבע"א מהכא נואלו שרי צוען וגו'. ההוא לא מצרים והוטה היינו חטאה: תורה כעץ. דכתיב עץ חיים היא למחזיקים בה כשמדליק את האור מצית את העצים דקין תחלה: קטנים מחדדין. שמשאלין כל שעה:
התיו. משמע להוליך לו מים: וכתיב לכו למים. ילך הוא עצמו: אם ת"ח הגון. ברוצה ללמוד ממך מנוס לרב לילך אצלו במקומו: ואם לאו. ילך הוא אצל הרב: יפוצו מעינותיך חוצה. אם

---

מער איז זיי װעלין נאַרעש װערין. די חָכְמָה פון די תּוֹרָה װעט אָפּ גיטאָהן װערין פון זייא, אַזוי װי עס שטייט אין פּסוק וְנוֹאֲלוּ. זיי װעלין נאַרעש װערין. אונ נאָך מער איז זיי זינדיגען. דא שטייט וְנוֹאֲלוּ. זיי װעלין נאַרעש װערין. אונ דאָרטין שטייט אֲשֶׁר נוֹאַלְנוּ וַאֲשֶׁר חָטָאנוּ. מיר זענען נאַרעש גיװאָרין האָבען מיר גיזינדיגט. אָדער פון דעם פּסוק נוֹאֲלוּ שָׂרֵי צוֹעַן. די הערין פון צוען זענען נאַרעש גיװאָרין. אונ האָבען פאַר אירט די מִצְרַיִם. אונ אַז איינער פאַר אירט דעם אַנדערין איז אַזינד. אַזוי דא אויך אַז דער תַּלְמִיד חָכָם װערט נאַרעש אין דיא תּוֹרָה קיים ער ניט צו פּסקנן אַריכטיגען דין. אונ זאָגט אויף טְרֵיף כָּשֵׁר. זינדיגט ער דאָך. רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק זאָגט פאַר װאָס איז די תּוֹרָה געגליכען צו האָלץ. אַזוי װיא עס שטייט אין פּסוק די תּוֹרָה איז אַבוים פון לעבין צו די װָס האַלטען איר. נאָר אַזוי װי האָלץ די קליינע אונ דינע שטיקלאַך האָלץ צינדען אָן דעם גרויסען האָלץ. אַזוי דיא קליינע קינדער שאַרפען דעם שֵׂכֶל פון די גרויסע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים. װייל די קינדער פרעגין קשיות אונ דער תַּלְמִיד חָכָם מוז זיי ענפערין. פון דעם װערט איהם גישאַרפט דער שֵׂכֶל. דָס איז אַזוי װי רַבִּי חֲנִינָא הָט גזאָגט איך האָב פיל גילערנט פון מיינע רַבִּים. אונ פון מיינע חֲבֵרִים האָב איך נאָך מער גילערנט װיא פון מיינע רַבִּים. אונ פון מיינע תַּלְמִידִים האָב איך נאָך מער גילערנט װי פון אַלע:

**ב** רַבִּי חֲנִינָא בַּר פַּפָּא הָט גיפרעגט אין איין פּסוק שטייט געגין דעם דאָרשטיגען זאָלט איר ברייגען װאַסער. דאַרף מען טראָגען דיא װאַסער צום דאָרשטיגען. אונ אין איין פּסוק שטייט װער עס איז דאָרשטיג זאָל גיין צום װאַסער דאַרף דער דאָרשטיגער גיין צו די װאַסער. נאָר אויב דער תַּלְמִיד װאָס איז דאָרשטיג צו לערנען תּוֹרָה איז פרום. זאָל דער רַבִּי גיין צו איהם ער זאָל איהם לערנען תּוֹרָה. אונ אויב דער תַּלְמִיד װאָס איז דאָרשטיג צו לערנען תּוֹרָה איז ניט פרום. זאָל דער תַּלְמִיד גיין צום רַבִּי לערנען תּוֹרָה. רַבִּי חֲנִינָא בַּר חָמָא הָט גיפרעגט אין איין פּסוק שטייט דיינע קװאַלען זאָלען פאַר שפּרייט װערין אין דיא גאַס. אונ אין איין פּסוק שטייט דיינע קװאַלען זאָלען זיין נאָר פאַר דיר אַליין. אויב דער תַּלְמִיד װָס װיל ביי דיר לערנען תּוֹרָה איז פרום. זאָלסטו פאַר שפּרייטען דיינע קװאַלען פאַר איהם אונ זאָלסט איהם לערנען די תּוֹרָה װָס דו קענסט. אונ אויב ער איז ניט פרום. זאָלסטו די תּוֹרָה האַלטען נאָר פאַר זיך. אונ זאָלסט מיט איהם ניט לערנען. רַבִּי חֲנִינָא בַּר אִידִי הָט גזאָגט פאַר װָס איז די תּוֹרָה געגליכען צו װאַסער. אַזוי װי עס שטייט אין פּסוק אַלע דאָרשטיגע.

זאלען

כגון הוא אמור לו (דברי) [סתרי] תורה ואם לאו יהיו לך לבדך ואין לזרים אתך : בשלשה משקין הללו . מים יין וחלב זו התורה שאין נותן בה כלום ויודעה ולומדה : בפחות שבכלים . במנא דפחרא : [במנא דפחרא . בדרך שחוק אמר ובתמיה מה את חומרה לי והלא אביך נותן יין בכלים מכוערים של חרס : והלא במאי לירמי . אם לא בכלי חרס הא כולהו עבדי הכי : ותקיף . החמיץ : כי היכי דאמרה לי . אי נחכמה מפוארה בכלי מכוער : הני אמרי לה : דיין משתמר בכלי מכוער אף התורה מתקיימת בי יותר משאלו הייתי נאה : אי הוו כנו . אותן נאים שהם חכמים : טפי הוו גמירי . בה"א

במי שדעתו שפלה. ואמר רבי אושעיא למה נמשלו דברי תורה לשלשה משקין הללו במים וביין ובחלב דכתיב הוי כל צמא לכו למים וכתיב (שם) לכו שברו ואכולו ולכו שברו בלא כסף ובלא מחיר יין וחלב לומר לך מה שלשה מיני משקין הללו אין מתקיימין אלא בפחות שבכלים אף ד"ת אין מתקיימין אלא במי שדעתו שפלה עליו והיינו דאמרה ליה ברתיה דקיסר לרבי יהושע בן חנניא אי חכמה מפוארה בכלי מכוער אמר לה (בתי מלכא) אביך (במאי) רמי חמרא (אמרת ליה) במאני דפחרא (אמר לה כ"ע במאני דפחרא ואבוך במאני דפחרא) אמרה ליה אלא במאי נירמי אמר לה כגון אתון דחשיביתו רמו במאני כספא ודהבא אזלה אמרה ליה לאבוה רמי להמרא במאני דדהבא וכספא ותקיף אמר לה לברתיה מאן אמר לך הכי אמרה ליה ר' יהושע בן חנניא (מאי אמרת ליה הכי והכי אמרי ליה) קרייה לר' יהושע בן חנניא א"ל אמאי אמרת לה הכי א"ל כי היכי דאמרה לי איהי הכי אמרי לה והא איכא דשפירי

וגמירי

---

וואלען גיין צום וואסער. אזוי ווי וואסער גייען אוועק פון אהויכן ארט אונ זייא ווערין פאר זאמעלט אין אנידעריגען ארט. אזוי די תורה גייט אוועק פון דעם מענטשין וואס איז הויך ביי זיך. אונ זי גייט נאר צו דעם מענטש וואס איז ביי זיך נידעריג. רבי אושעיא הט גזאגט פאר וואס איז די תורה געגליכען צוא דיא דריי ערליי משקה. צו וואסער. צו וויין. צו מילך. ווארום עס שטייט אין פסוק אלע דארשטיגע זאלען גיין צו וואסער נאך שטייט אין פסוק גייט קויפט אונ עסט. גייט קויפט אן געלט אונ אן פאר טאהשונג וויין אונ מילך. צו זאגן דיר אזוי ווי די דריי ערליי משקה האלטען זיך אנדערש נית נאר אין די וועלוועלפסטע כלים. אין ערדענע כלים. אזוי דיא תורה הט נאר אקיום ביי דעם מענטש וואס ער איז ביי זיך וואלוויל אונ נידעריג. דאס איז וואס די טאכטער פון קיסר האט גזאגט צו רבי יהושע בן חנניא אזוי אשיינע חכמה אין אמיאוסה כלי. ווארום רבי יהושע איז נית שיין גיוועזן. הט רבי יהושע צו איר גזאגט אין וואס האלט דיין פאטער וויין. הט זי גזאגט אין ערדענע כלים. הט רבי יהושע צו איר גזאגט אלע מענטשין האלטען וויין אין ערדענע כלים. אונ דיין פאטער וואס ער איז אקיסר זאל ער אויך האלטען וויין אין ערדענע כלים. האט זי גיפרעגט ביי רבי יהושע אין וועלכע כלים זאלען מיר דען האלטען וויין. האט רבי יהושע צו איר גזאגט אזעלכע לייט ווי איר זענט דארפט איר האלטען וויין אין זילבערנע כלים אונ אין גאלדענע כלים. האט זי גזאגט צום פאטער ער זאל האלטען דיא וויין אין גאלדענע אונ אין זילבערנע כלים. האט דער פאטער אזוי גיטאהן. אונ די וויין איז זויער גיווארין. הט דער קיסר גזאגט צו די טאכטער ווער האט דיר גזאגט אז מען זאל האלטען די וויין אין גאלדענע אונ אין זילבערנע כלים. הט די טאכטער גזאגט. רבי יהושע בן חנניא הט מיר אזוי גזאגט. האט דער קיסר גזאגט צו די טאכטער וואס האסטו איהם גזאגט. האט די טאכטער דער ציילט וואס זי הט צו איהם גזאגט. הט מען גירופען רבי יהושע בן חנניא צום קיסר. הט דער קיסר גזאגט צו רבי יהושע פאר וואס האסטו גזאגט צו מיין טאכטער מען זאל האלטען די וויין אין גאלדענע אונ זילבערנע כלים. האט רבי יהושע גזאגט אזוי ווי זי הט צו מיר גזאגט אזוי האב איך צו איר גזאגט. ווייל איך בין מיאוס דריבער בין איך ביי מיר נידעריג. דריבער דער האלט זיך די תורה ביי מיר. פרעגט די גמרא עס איז דאך דא שיינע מענטשין אונ קענען אויך לערנען. זאגט די גמרא אז זיי וואלטען גיוועזן מיאוס וואלטען זיי נאך מער גיקענט. נאך קען מען זאגען פאר וואס איז די תורה געגליכען גיווארין צו די דריי ערליי משקה. וואסער וויין

מילך

ותמירי (סס ע"ב) אי הוו סנו טפי הוו גמירי. ד"א מה שלשה משקין הללו נפסלים בהיסח הדעת אף דברי תורה משתכחין בהיסח הדעת:

**כא אמר** רבי חמא בר חנינא גדול יום הגשמים כיום שנבראו שמים וארץ שנאמר (ישעיה מה) הרעיפו שמים ממעל ושחקים יזלו צדק תפתח ארץ ויפרו ישע וצדקה תצמית יחד אני ה' בראתיו בראתים לא נאמר אלא בראתיו. אמר רבי אושעיא גדול יום הגשמים שאפי' ישועה פרה ורבה בו דכתיב תפתח ארץ ויפרו ישע. אמר רבי תנחום בר חנילאי אין הגשמים יורדים אלא א"כ נמחלו עונותיהן של ישראל שנאמר (תהלים פה) רצית ה' ארצך שבת שבות יעקב נשאת עון עמך כסית כל חטאתם סלה. אמר ליה זעירי מדיהבת לרבינא אתון מהכא מתניתו לה אנן מהכא מתנינן לה (מ"א ח) ואתה תשמע השמים וסלחת לחטאת וגו'. א"ר

לגלה לבטפיל דעתו ובא לידי שכחה: בהיסח הדעת. שאם לא ישמרם יפה יהו נפסלין או נופל לתוכן דבר מיאוס ונפסלין מלשתות בדבר קל יותר משמן ודבש שמתיך בהם עכים לפי כפבולת למעלה ואפשר אדם מטל העליון וזורקו לחוץ והתחתון בר ונקי מה שאין כן במשקה גלול שאינו עב: בהיסח הדעת. אם אינו מחזירם תמיד. ע"כ: בראתים לא נאמר. דמשמע אשהקים יזלו קאי אלא אני ה' בראתיו לטל ומטר ש"מ שמשתכת ומהפלא בו הקב"ה: ישועה פרה ורבה בו. מלילי זכות נכנסין לפניו ביום הגשמים שאמר לישועה מתוך בעת רצון הוא ישנה דקרא ויפרו ישע ואימתי בזמן שהשחקים יזלו צדק: רצית ה' ארצך. במים: נשאת עון עמך. מיד. ס"נ א"ע מר זעירי מדיהבת לרבינא כו' זעירי סתם מן הראשונים ורבינא סוף הוראה ולא ראו זה את זה: ואתה תשמע השמים וגו'. ואומר ונתת מטר על

מילך. אזוי ווי די דרייע ערליי משקה ווערין קאליע אז מען היט זייא ניט. אויב עס פאלט אריין אין זיי אמיאוסע זאך ווערין זיי אין גאנצען קאליע. ווייל זיי זענען שיטער אז אין זייא פאלט אריין אמיאוסה זאך ווערט דאס אין גאנצען פאר מיאוסט. אבער בוימאייל אדער האניק אז עס פאלט אין זיי אריין אמיאוסע זאך ליגט עס פון הויבין והאניק איז געדיכט. און אויף בוימאייל שווימט פון הויבין נעמט מען אראפ פון הויבין און אונטען איז ריין. און אז אבלי מיט וואסער אדער מילך אדער ווין פאלט אום ווערט ארויס גיגאסען אין גאנצען מיט איין מאהל ווייל זיי זענען שיטער. ואבער אבלי מיט בוימאייל אדער מיט האניק אז עס פאלט אום בלייבט נאך פיל אינווייניג. ווייל זיי זענען געדיכטו. אזוי אז מען פר געסט אין דער תורה און מען היט זי ניט מען זאל איר שטענדיג חזרין ווערט זי פאר געסין פון דעם מענטשין ביז אין גאנצין:

**כא** אמר. רבי חמא בר חנינא האט גזאגט דער טאג וואס אין איהם גייט רעגין איז אזוי גרויס ווי דער טאג וואס אין אים איז בשאפען גיווארין די הימעל און די ערד. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די הימלען וואס הייסען שמים גיבען רעגין פון הויבין. און די הימלען וואס הייסען שחקים פון זיי טוהט רינען גירעכטיגקייט. דו עפינסט די ערד מערט זיך הילף. און עס שפראצט צדקה. צו זאמען מיט די הילף. איך גאט האב איהם בשאפען. איך האב זיי די הימלען בשאפען שטייט ניט. נאר עס שטייט איך האב איהם בשאפען. דעם טאה און דעם רעגין. זעהן מיר אז גאט בריהמט זיך מיט די בשאפונג פון טהא און רעגין. אזו ווי ער בריהמט זיך מיט די בשאפונג פון הימעל און ערד. רבי אושעיא האט גזאגט דער טאג וואס אין איהם גייט רעגין איז גרויס פאר גאט. אז אין איהם ווערט גימערט הילף פאר דיא וועלט. גאט איז אין דעם טאג מיט רחמנות אויף דער וועלט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ווען עס גייט רעגין פון הימעל עפינטסו די ערד און די הילף ווערט גימערט. רבי תנחום בר חנילאי האט גזאגט עס גייט ניט קיין רעגין סיידין מען איז פריער מוחל די עבירות פון די יודען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק. אז דו גאט האסט בווילינט דיין לאנד וצו געבין זיי רעגין. פריער האסטו צוריק גיקערט יעקב ווי זאלען תשובה טאהן צו דירו. און האסט פר געבין די עבירות פון דיין פאלק. האסטו צו גידעקט זייערע עבירות אויף אייביג. זעירא פון דיהבת האט גזאגט צו רבינא איר לערנגט דם אפ פון דעם פסוק. מיר לערנען דם אפ פון דעם פסוק שלמה המלך האט גזאגט צו גאט דו זאלסט הערין אין הימעל זייער גיבעט און זאלסט פאר

געבין

א"ר תנהום בריה דרבי חייא איש כפר עכו אין הגשמים נעצרין אא"כ נתחייבו שונאיהן של ישראל כליה שנאמר (איוב כד) ציה גם חום יגזלו מימי שלג שאול חטאו א"ל זעירי כדיהבת לרבינא אתון מהכא מתניתו לה אנן מהכא מתנינן לה (דברים יא) ועצר את השמים ולא יהיה מטר וגו' ואבדתם מהרה:

**אמר** רב חסדא אין הגשמים נעצרים אלא בשביל בטול תרומות ומעשרות שנאמר (איוב כד) ציה גם חום יגזלו מימי שלג מאי משמע תנא דבי ר' ישמעאל בשביל דברים שצויתי אתכם בימות החמה ולא עשיתם יגזלו מכם מימי שלג בימות הגשמים אמר רבי שמעון בן פזי אין הגשמים נעצרין אלא בשביל מספרי לה"ר שנאמר (משלי כה) רוח צפון תחולל גשם ופנים נזעמים לשון סתר. אמר רב סלא אמר רב המנונא אין הגשמים נעצרין אלא בשביל עזי פנים שנאמר (ירמיה ג) וימנעו רביבים ומלקוש לא היה ומצח אשה זונה

ערוך בהפלה הבאמה: ציה גם חום יגזלו מימי שלג. כשלים גם חום נוזלים מימות השלג שלוק יורדין מטר כשהפטן בידיע שבאול חטאו: ונא יהיה מטר. וסמיך ליה והבדתם:

ליה. דרים לשון ליווי דברים שצויתי אתכם בימות החמה תרומות ומעשרות: יגזלו מימי שלג. את המטר: רוח לשון תחולל גשם ופנים נזעמים לשון סתר: תחולל תבטל כמו לא יחל דברו כשהמריבין ביממות דרות לשון ברוך הוא מוביא אותו לעולם מה שגשמים נעצרין ופנים נזעמים שמראה הקב"ה שאינו מביא מטר לעולם. מפני לשון סתר רכילות ופשט המקרא כשם פרות לשון החולל גשם כך פנים נזעמים מפני לשון סתר: וימנעו רביבים. משום דמצח אשה זונה היה לך עמא: היה. משמע כבר נכבל: הענו היה.

געבן זייערע זינד און זארסט געבן רעגן אויף דיין לאנד. רבי תנחום דער זוהן פון רבי חייא פון דארף עכו האט געזאגט דער רעגן ווערט אנדערש ניט אויף געהאלטען סיידען דיא יודען האבען געטאהן אזעלכע עבירות וואס זיי זענען פאר שולדיגט געווארען מען זאל זיי פר לענדען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק. אז די טריקעניש און די היץ נעמען אוועק די וואסער. און דעם שניי. עס גייט ניט קיין רעגן. איז א סימן אז די יודען האבען געטאהן אזעלכע עבירות. וואס זיי דארפען פאר לענדט ווערין ביז אין גרוב. זעירא פון דיהבת האט געזאגט צו רבינא איר לערונט דס אפ פון דעם פסוק; מיר לערנען דס אפ פון דעם פסוק. משה רבינו הט געזאגט גאט וועט אויף האלטען דעם הימעל און עס וועט ניט זיין קיין רעגן. און איר וועט געשווינט פאר לארען ווערין:

**רב** אמר. רב חסדא הט געזאגט דער רעגן ווערט נאר אויף געהאלטען ווייל מען גיט ניט תרומות און מעשרות. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ציה גם חום יגזלו מימי שלג. פרעגט די גמרא וואס ווייסען מיר פון דעם פסוק. דבי רבי ישמעאל הט געלערנט אוב מען גיט ניט וואס איך האב געבאטען מען זאל געבין זומער. דאס איז תרומה און מעשר וועט מען ביי אייך אוועק נעמען די וואסער (דעם רעגין פון ווינטער. ואין ארץ ישראל וואקסט ווינטער). רבי שמעון בן פזי הט געזאגט דער רעגין ווערט נאר אויף געהאלטען דורך די מענטשין וואס ריידען לשון הרע. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק. דער צפון ווינט שטערט דעם רעגין. און וואס נאט ווייזט אפנים פון כעס און שיקט דעם צפון ווינט ער זאל שטערין דעם רעגין. דאס איז ווייל מענטשין ריידען מיט אפארבארגענעם צונג זיי ריידען לשון הרע אין דער שטיל. רב סלא הט געזאגט פון רב הכנונאס ווענין דער רעגין ווערט נאר אויף געהאלטען ווייל מענטשין האפען העזה. זיי זינדיגען פאר גאט און שעמען זיך גאר ניט מיט זייערע עבירות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די רעגין זענען פאר מיטען געווארען. און דער שפעטעדיגער רעגין איז אויך ניט געוועזן. ווייל דוא האסט אשטערין אזוי וויא אזונה. דוא שעהמסט דיך ניט מיט דיינע עבירות. אזוי ווי אזונה שעמט זיך ניט מיט איר זנות. נאך האט געזאגט רב סלא פון רב הסנונאס ווענין דער מענטש וועס איז אעזות פנים. וועט ער געוויס קומען צו דער עבירה ער זאל סונה זיין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער שטערין פון אאשה זונה איז געוועזן צו דיר. דוא וועסט דיך בהעפטין מיט אזונה. רב נחמן זאגט דער מענטש וואס איז אעזות פנים איז געווים אז ער האט שוין סונה געוועזן. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער שטערין פון אאשה זונה

זונה היה לך וגו'. ואמר רב סלא אמר רב המנונא כל אדם שיש לו עזות פנים סוף נכשל בעבירה שנאמר (שם) ומצח אשה זונה היה לך רב נחמן (בר יצחק) אמר בידוע שנכשל בעבירה שנאמר היה לך ולא נאמר יהיה לך. אמר רבה בר הונא כל אדם שיש לו עזות פנים מותר לקרותו רשע שנאמר (משלי כא) העז איש רשע בפניו. רב נחמן בר יצחק אמר מותר לשנאותו שנאמר (קהלת ח) ועז פנים ישונא אל תקרי ישונא אלא ישנא. אמר רב קטינא אין הגשמים נעצרין אלא בשביל בטול תורה שנאמר (שם י) בעצלתים ימך המקרה בשביל עצלות שהיה בישראל שלא עסקו בתורה נעשה שונאו של הקב"ה מך ואין מך אלא עני שנאמר (ויקרא כז) ואם מך הוא מערכך ואין מקרה אלא הקב"ה שנאמר (תהלים קד) המקרה במים עליותיו רב יוסף אמר מהכא (איוב לז) ועתה לא ראו אור בהיר הוא בשחקים ורוח עברה ותטהרם ואין אור אלא תורה שנאמר (משלי ו) כי נר מצוה ותורה אור בהיר הוא בשחקים תני דבי רבי ישמעאל אפי' בשעה שרקיע נעשה בהורין בהורין להוריד טל ומטר רוח עברה ותטהרם:

**כג** א"ר אמי אין הגשמים נעצרין אלא בעון גזל שנאמר (איוב לו) על כפים כסה אור בעון כפים כסה אור ואין כפים אלא חמס שנאמר (יונה ג) ומן החמס אשר בכפיהם ואין אור אלא מטר שנאמר (איוב לז) יפיץ ענן אורו מאי תקנתיה ירבה בתפלה שנאמר

שיש בו עזות פנים: רשע בפניו. ואין בו משום מלקות כדאמרינן במסכת קדושין משום דכל זה בלבד מותר לקראתו רשע. מותר לשנאתו. אע"ג דכתיב ואהבת לרעך כמוך: ועז פנים ישונא. ועז כתיב חסר וא"ו מי שהוא עז פנים ישנא בשי"ן וא"ל: מך. כמו שאין בו כח להוריד טל ומטר: ועתה לא ראו אור. מפני שלא ראו אור תורה: אפי' כשהשמים בהורין. כמו בהרת מגומר בעבים ורוצה להוריד גשמים רוח עברה ותטהרם מפזרת העבים:

המלאך. אף ברי שמו יפיץ ענן אורו גשם שלו

---

זונה איז געוועזן צו דיר. שטייט אין פסוק איז געוועזן. און עס שטייט ניט עס וועט זיין. רבה בר הונא זאגט דער מענטש וואס איז אעזות פנים מעג מען איהם רופען רשע: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק העז איש. דער מענטש וואס איז אעזות פנים. רשע בפניו. מעג מען שטיין פאר זיין פנים און איהם רופען רשע. רב נחמן בר יצחק זאגט מען מעג איהם פיינט האבען אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ועז פנים ישונא. זאלסט ניט לייענען ישונא. נאר ישנא. דער מענטש וואס איז אעזות פנים מעג ער געפיינדט ווערין. רב קטינא האט געזאגט דער רעגין ווערט נאר אויף געהאלטען ווייל מען לערונט ניט תורה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בעצלתים ימך המקרה. וועגין די פוילקייט וואס איז געוועזן ביי די יודען וואס זייא האבען ניט געלערונט תורה. ווערט גאט מך. ארעם [עם זעהט אויס אז גאט איז ארעם]. ער קען ניט געבין מטהא און רעגין [מך איז טייטש ארעם. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ואם מך הוא מערכך. אויב ער איז ארעם צו געבין דיין שאצונג. און מקרה מיינט מען גאט אזוי וויא עס שטייט אין פסוק המקרה במים עליותיו. זיינע באלקינס [דעם הימעל] האט ער געמאכט פון וואסער. רב יוסף זאגט פון דעם פסוק ועתה לא ראו אור בהיר הוא בשחקים ורוח עברה ותטהרם. אור מיינט מען די תורה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ותורה אור. זאגט דער פסוק ועתה לא ראו אור. איצט אז די יודען האבען ניט געזעהן די ליכטיגקייט פון דער תורה. [זייא האבען ניט געלערונט תורה]. בהיר הוא בשחקים. דבי רבי ישמעאל האבען געלערונט אפילו ווען דער הימעל ווערט געפלעקט מיט וואלקינס און עס וויל גיין רעגין. קומט אווינט און פר טרייבט די וואלקינס און מאכט ריין דעם הימעל. [בהיר איז טייטש פלעקין]:

**כג** אמר. רבי אמי האט געזאגט דער רעגין ווערט נאר אויף געהאלטען דורך דיא עבירה וואס איינער גזלת ביי דעם אנדערין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק על כפים כסה אור. דורך די זינד פון כפים האט ער בדעקט דעם אור. כפים מיינט מען דעם רויב וואס מען טוהט מיט די הענט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ומן החמס אשר בכפיהם. פון די רויב וואס אין זייערע הענט. און אור איז טייטש רעגין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק יפיץ ענן אורו. דער

מלאך

שנאמר (שם לו) ויצו עליה במפגיע ואין פגיעה אלא תפלה שנאמר (ירמיה ז) ואתה אל תתפלל בעד העם הזה וגו' ואל תפגע בי. ואמר רבי אמי מ"ד (קהלת י) אם קהה הברזל והוא לא פנים קלקל אם ראית רקיע שקהה כברזל מלהוריד טל ומטר בשביל מעשה הדור שהן מקולקלין שנאמר והוא לא פנים קלקל מה תקנתן יתגברו ברחמים שנאמר (שם) וחילים יגבר ויתרון הכשיר חכמה כל שכן אם הוכשרו מעשיהם מעיקרא. ר"ל אמר אם ראית תלמיד (דף ה) שתלמודו קשה עליו כברזל בשביל משנתו שאינה סדורה עליו שנאמר והוא לא פנים קלקל מאי תקנתיה ירבה בישיבה שנאמר וחילים יגבר ויתרון הכשיר חכמה כ"ש אם משנתו סדורה לו מעיקרא כי הא דריש לקיש הוה מסדר מתניתא ארבעים זמנין כנגד ארבעים יום שנתנה תורה ועייל לקמיה דרבי

ויצו: הקב"ה: עליה. (במפגיע) על הגשם שהגד: במפגיע. כשיתפלל עליה כמו אל תפגע בי: קהה הברזל. כמו הקהה את שיניו ושיני בנים תקהינה: והוא לא פנים קלקל. שקלקלו הדורות: כל שכן אם הוכשרו מעשיו קודם לכן וכו'. והכי משמע ויתרון הכשר ויתרון שהכשיר לחכמה אם הכשירו מעשיהם מתחלה שיהא כגשמים יותר מבחילים יגבר שכן מגבירין חיילים ועומדין בתפלה בזמן שקלקלו: שתלמודו קשה עליו כברזל. שקשה הוא לו מרוב קושיות: בשביל משנתו שאינה סדורה לו. ואינו זוכר מה כתיב בה ולפיכך אינו יודע בפרק א"נ שגורסה בטעות פוטר על החיוב ומחייב על הפטור ותקשי עלה מדוכתא אחריתי והכי משמע קרא והוא לא (פנים) שאינו יודע במועטו מפני שפנים קלקל בקלקל במשנה שהיא קודם לגמרא: ירבה בישיבה. שיסדירו נמי בישיבה משנתם שנאמר וחיילים בין התלמידים אבם חילות: ויתרון הכשיר. כשסדר משנתו מתחלה: כנגד מ' יום שנתנה התורה. שהתקיים בידו: ועל עייל קמיה דרבי יוחנן. למימר

---

מאך וואס הייסט אף בריער וועט פאר שפרייטען דעם וואלקן פון זיין רעגין. זאגט דער פסוק פון וועגין די רויב וואס זיי טוהען הט גאט בדעקט דעם רעגין ער זאל ניט נידערין אויף דער וועלט. וואס זאל מען טאהן אז עס גייט ניט קיין רעגין. מען זאל פיל בעטין צו גאט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ויצו עליה במפגיע: גאט האט געבאטען אויף דעם רעגין ער זאל נידערין אויף דער וועלט. ווייל מען האט פיל גיבעטין צוא איהם וועגין דעם רעגין. מפגיע איז טייטש בעטין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צו ירמיה הנביא ואל תפגע בי. דו זאלסט מיך נישט בעטין. נאך האט רבי אמי גזאגט וואס מיינט דער פסוק אם קהה הברזל. אויב דוא וועסט זעהן דער הימעל איז אזוי ווי אייזין. עס גייט ניט פון איהם קיין טהוא אונ קיין רעגין. זאלסטו וויסען אז דאס איז ווייל דער דור איז זינדיג. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק והוא לא פנים קלקל. פאר וואס ווייזט ניט גאט צו דעם דור א פרייליכען פנים: ווייל זיי האבען קאליע גימאכט זייערע מעשים. וואס זאל מען טאהן עס זאל גיין רעגין. מען זאל שטארק בעטין גאט זאל רחמנות האבען אונ געבין רעגין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וחילים יגבר. אלע צוזאמען זאלען זיך שטארקין מיט גיבעט פאר גאט. אין פסוק שטייט ווייטער ויתרון הכשר חכמה. אויב זיי זענען גיוועזען כשרה אונ פרומע יודען פון פריער. זיי האבען ניט גזינדיגט. האבען זיי נאך מער חכמה גיטאהן. ווארום די רעגין זענען גיקומען צו דער צייט אין זייער תפלה. ריש לקיש האט גזאגט אויב דוא האסט גיזעהן א תלמיד וואס זיין לערנען איז אויף איהם שווער אזוי ווי אייזין. ווייל ער פרעגט פיל קשיות. אונ ער ווייס זייא ניט צו פאר ענטפערין. דאס איז ווייל ער הט פאר געסען פיל משנות וואס ער הט גילערונט אזוי ווי עס שטייט אין פסוק והוא לא פנים קלקל. ווייל ער גידיינקט ניט דעם פנים ודי משנות וואס זיי זענען דער פנים פון די גמרא. דריבער איז ביי איהם קאליע די גמרא אונ ער קען ניט פאר ענטפערין די קשיות וואס איהם הארט אויף די גמרא. וואס זאל ער טאהן. ער זאל פיל לערנען אין א ישיבה צווישען תלמידי חכמים. וועלען זיי איהם דער מאנען אלע משנות. אונ וועלען איהם ענטפערין תירוצים אויף זיינע קשיות. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וחילים יגבר. ער זאל זיך שטארקין צו זיצען צווישען פיל תלמידי חכמים. ויתרון הכשר חכמה. אונ אויב ער הט גוט איין גיחזרת זיינע משנות. איידער ער האט אן גיהויבען צו לערנען גמרא. האט ער גיטאהן א חכמה. ווארום איצט וועט ער אליין קענען ענטפערין זייגע אלע קשיות. ריש לקיש פלעגט חזרין יעדער ברייתא פערציג מאהל. געגין די פערציג טעג וואס אין זייא איז גינעבען

ור' יוחנן. רב אדא בר אהבה מסדר מתניתא עשרין וארבע זימנין כנגד תורה נביאים וכתובים ועייל לקמיה דרבא. רבא אמר אם ראית תלמיד שתלמודו קשה עליו כברזל בשביל רבו שאינו מסביר לו פנים שנאמר והוא לא פנים קלקל מה תקנתיה ירבה עליו רעים שנאמר וחילים יגבר ויתרון הכשיר חכמה כל שכן אם הוכשרו מעשיו בפני רבו מעיקרא:

גמרא: כנגד תורה נביאים וכתובים. שהם כ"ד ספרים: בפנים קלקל. שהלכה לו פנים רעות: ירבה רעים. לפייס כיתנו שיסביר לו פנים ע"כ:
משתכין עליו כנחשת. שהרקיעים פנים כעין דיכלי"א כשהרקיע כב"ת דבוק טפי בשעלו הלידה בשעלין מלהוריד טל ומטר: לוחשי לחישות. בבכל בקין מתפללין תפלה נלחש: יגיד עליו רעו. יתפלל עליו חברו וגבי גשמים כתיב באיוב: ואין יתרון לבעל הלשון. כלומר מה הנאה יש לבעל

**בד ואמר** רבי אמי מאי דכתיב (קהלת י) אם ישוך הנחש בלא לחש ואין יתרון לבעל הלשון אם ראית דור שהשמים משתכין עליו כנחשת מלהוריד **טל** וממר בשביל **לוחשי** להישות שאין באותו הדור מאי תקנתן ילכו אצל מי שיודע **ללחוש** וילחוש דכתיב (איוב לו) יגיד עליו רעו ואין **יתרון** לבעל **הלשון** וכל מי שיודע ללחוש **ואינו** לוחש מה **הנאה** יש לו ואם לחש ולא נענה מה תקנתיה ילך אצל חסיד שבדור וירבה עליו בתפלה שנאמר (שם) ויצו עליה במפגיע ואין פגיעה אלא תפלה שנאמר (ירמיה ז) ואתה אל התפלל **בעד** העם **הזה** ואל תשא בעדם רנה ותפלה ואל **תפגע** בי ואם לחש **ונענה והגים דעתו** עליו מביא אף לעולם

שנאמר

געגעבען געווארען די תורה. דער נאך איז ער אביין געגאנגען פאר רבי יוחנן צו לערנען פון איהם **גמרא**. רב אדא בר אהבה פלעגט חזרן יעדער ברייתא פיר און צוואנציג מאהל. געגען **די** פיר און צוואנציג ספרים וואס אין תורה נביאים כתובים. דער נאך איז ער אביין געגאנגען פאר **רבא צו** לערנען פון איהם גמרא. רבא הט געזאגט אויב דוא האסט געזעהן א תלמיד וואס **זיין** לערנען איז אויף איהם שווער אזוי ווי אייזין. דאס איז וועיל דער רבי האט ניט געלערנט **מיט** איהם מיט אפרייליכען פנים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק והוא לא פנים קלקל. וועיל דער רבי האט ניט געוויזען צום תלמיד אפרייליכען פנים דריבער איז ביי איהם קאליע געווארען **זיין** לערנען. וואס זאל דער תלמיד טאהן. ער זאל שיקען פיל גוטע פריינד צו זיין רבי מען **זאל** איהם איבער בעטין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וחילים יגבר. ער זאל זיך שטארקען **צו** שיקען פיל גוטע פריינד צו זיין רבי איהם איבער צו בעטין. ויתרון הכשיר חכמה. און אויב דער תלמיד האט קיין מאהל ניט דער צערינט זיין רבי. און דעם רבי איז אייביג **געפעלן אלץ** וואס ער הט געטאהן. איז געוויס א גרויסע חכמה פון דעם תלמיד:

**כד** ואמר. נאך האט רבי אמי געזאגט וואס מיינט דער פסוק אם ישוך הנחש **בלא** לחש ואין יתרון לבעל הלשון. אויב דו האסט געזעהן א דור וואס אין זיין צייט איז דער הימעל **רויט אזוי** ווי קופער און ער זעהט אויס אזוי ווי אבלי וואס איז בדעקט מיט ראסט וועיל מען **ניצט** ניט מיט איר אזוי איז דער הימעל בדעקט מיט ראסטן וועיל ער איז אויף געהאלטען געווארען **פון צו** נידערין טהא און רעגן. דו ווייסט פאר וואס דאס איז. וועיל דער דור דאווינט ניט. **וואס** זאל מען טאהן. זאלען זיי גיין צו דעם מענטש וואס ווייס ווי צוא דאווענען וועט ער בעטין פון ג-טט וועגן אויף רעגן. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק יגיד עליו רעו. זיין חבר זאל בעטין פון זיינט וועגן. ואין יתרון לבעל הלשון מיינט מען. און דער וואס קען מתפלל זיין פאר **זיין חבר** און ער איז ניט מתפלל. וואס פאר הנאה האט ער פון זיין קענען. און אויב ער הט **מתפלל** געוועזן. און ער איז ניט געענטפערט געווארען. עס גייט נאך ניט קיין רעגן. **וואס זאל מען טאהן**. זאל מען גיין צום פרומסטען פון דעם דור. וועט ער פיל בעטין אויף דעם רעגן ביז **גאט** וועט איהם ענטפערין און וועט געבין רעגן. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק **ויצו** עליה במפגיע. **גאט** האט געבאטען אויף דעם רעגן ער זאל נידערין אויף דער וועלט. וועיל מען הט פיל געבעטן **צו** איהם וועגן דעם רעגן. מפגיע איז טייטש בעטין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט **הט** געזאגט צו ירמיה הנביא ואל תפגע בי. דוא זאלסט מיך ניט בעטין. **און אויב** דער פרומער

האט

שנאמר (איוב לו) מקנה אף על עולה. רבא אמר שני תלמידי חכמים שיושבין בעיר אחת ואין נוחין זה לזה בהלכה מתקנאין באף ומעלין אותו שנאמר מקנה אף על עולה :

**כה אמר** (רבי לוי) [ריש לקיש] מ"ד (קהלת י) אם ישוך הנחש בלא לחש ואין יתרון לבעל הלשון לעתיד לבא מתקבצות ובאות כל החיות אצל הנחש ואומרות לו ארי דורס ואוכל זאב טורף ואוכל אתה מה הנאה יש לך אמר להם ואין יתרון לבעל הלשון. אמר רבי אמי אין תפלתו של אדם נשמעת אא"כ משים נפשו בכפו שנאמר (איכה ג) נשא לבבנו אל כפים אוקים (ר') שמואל (בר נחמני) אמורא עליה ודרש (תהלים עח) ויפתוהו בפיהם ובלשונם יכזבו לו ולבם לא נכון עמו ולא נאמנו בבריתו ואף על פי כן והוא רחום יכפר עון וגו' קשיין אהדדי לא קשיא הא

הלכות שידע ללמוד ואינו לומד : מקנה אף על עולה. מקנא אף על מי שעולה ומגיס דעתו : ואין נוחין זה לזה וגו'. והכי משמע בשביל שצריך להגיד זה לזה ולהיות נוחין בהלכה ואינם נוחים : מקנה. מתקנאים ומתגרין באף ומעלין אותו ומביאים אותו עליהן. ליבא אתרינא גרסינן ונוחין זה לזה בהלכה מתקנאין באף והכי משמע מי שיגיד עליו רעו שנוחין זה לזה מתקנאין באף ומעלין אותו מעליהן :

ארי דורס ואוכל. מיד ואינו מתירא : טורף ואוכל. שמוליך לחוריו ואוכל שם שמפחד מן הבריות ולכלן יש להן הנאה ולך : מה הנאה יש לך. שאתה נושך בני אדם והורגן והוא אומר : אין יתרון לבעל הלשון. שמספר לה"ר אע"פ שאין לו הנאה ולפי' מביאו הקב"ה בדין אלא נחש כדי שיתביישו מפני שהסית אדם הראשון ומתביישין עמו מספרי לה"ר : ולבם לא נכון עמו. עם הקב"ה ואעפ"כ כתיב בסמוך והוא רחום יכפר עון ושומע תפלתם והיכי אמרה שאין תפלתו נשמעת אא"כ שמים נפשו בכפו כלומר שנפשו מכוונת בכפו

---

האט מתפלל געוועז. און ער איז גיענפערט געווארען. עס איז גיגאנגען רעגען. דורך דעם איז דער פרומער ביי זיך גרויס געווארען. ברייננגט ער דעם כעס פון גאט אויף דער וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מקנה אף על עולה. גאט גיט זיין כעס אויף דער וועלט. דורך דעם מענטש וואס ער איז ביי זיך גרויס געווארען. רבא זאגט צוויי תלמידי חכמים וואס וואוהנען אין איין שטאט. און אז מען דארף קלערין אין אדין קומען זיי ניט צו זאמען מיט גוטען קלערין דעם דין. נאר יעדער איז וויזען אז ער קען בעסער לערנען ווי זיין חבר. רייצען זיי אויף זיך דעם כעס פון גאט. און ברייננגען אים אויף זיך. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מקנה אף על עולה. גאט גיט זיין כעס אויף אמענטש. ווייל דער מענטש איז ביי זיך גרויס:

**כה** אמר. ריש לקיש האט גיזאגט וואס מיינט דער פסוק אם ישוך הנחש בלא לחש ואין יתרון לבעל הלשון. אז משיח וועט קומען וועלין זיך פערזאמלען אלע חיות און וועלין קומען צום שלאנג. און וועלין זאגין צו איהם. גלייב אז ער חאפט אמענטשין אדער אבהמה שטעלט ער אויף איהם ארויף די פוס און עסט איהם שוין. אוואלף אז ער חאפט אמענטשין אדער אבהמה. פאר שלעפט ער איהם אין זיינע לעגער און עסט איהם שפעטער. האבין זיי הנאה. אבער דוא שלאנג וואס פאר הנאה האסטו פון דעם וואס דוא בייסט אמענטשין און הרגעסט איהם. זאגט דער שלאנג צו זיי וואס פאר הנאה האט גיהאט דער מענטש וואס ער הט גירעט לשון הרע. רבי אמי האט גיזאגט די תפלה פון מענטשין ווערט אנדערש ניט גיהערט סיידין ער טוהט זיין נשמה אין זיין האנט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מ"ר וועלין טראגין אונזער הארץ צו די הענט. מען מיינט ער זאל דאווענען מיט זיין גאנצין הארצין אזוי וויא ער דאווינט מיט זיין גוף. ער זאל נישט נאר רעדין און אין הארצין אין זינען האבען אנדערע זאכין. נאר אזוי וויא ער רעט אזוי זאל ער אין זינען האבען. שמואל האט גישטעלט איין אמורא נעבין זיך און האט גידרשת דעם פסוק זייא האבען איהם איבער גירעט מיט זייער מויל. און מיט זייער צינג האבען זייא פאלש גירעט צו איהם. און זייער הארץ איז ניט גיוועזן פעסט מיט איהם. און זייא זענען ניט גיוועזן אמת אין זיין פאר בינדונג. פון דעסטוועגין איז גאט דער בארמיג און פאר גיבט זייערע עבירות: זעהן מיר דאך אפילו די הארץ טראכט אנדערש וויא די מויל רעט. פון דעסטוועגין איז די תפלה גוט. איז דאך אקשיא אויף רבי אמי. ענטפערט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא: אז אמענטש דאווינט אליין אן אמנין. ווערט זיין תפלה אנדערש

ניט

הא ביחיד הא בצבור :

**כן א"ר** אמי אין גשמים יורדים אלא בשביל בעלי אמנה שנאמר (תהלים פה) אמת מארץ תצמח וצדק משמים נשקף : ואמר רבי אמי בוא וראה כמה גדולים בעלי אמנה מחולדה ובור ומה המאמין בחולדה ובור כך המאמין בהקב"ה עאכ"ו . אמר רבי [יוחנן] כל המצדיק את עצמו מלמטה מצדיקין עליו את הדין מלמעלה שנאמר אמת מארץ תצמח וצדק משמים נשקף ר' חייא בר אבין אמר רב הונא מהכא (תהלים ל) וכיראתך

(מנחון) : בצבור . הפלתו נשמעת אע"פ שאין לב כלם שלם כדכתיב ויפתוהו בפיהם בדבריהם בלשון רבים : ביחיד . אינו נשמע אא"כ לבו מכוון ע"כ :

בזמן שאמת מארץ תצמח . פי' אמונה נמצא ובמצאן אז צדק משמים נשקף דהיינו גשמים שהם צדקה : מחולדה ובור . שהמיתו ב' בני אדם ממי הוא באגדה מעשה בבחור אחד שנתן אמונתו לריבה אחת ביתומה אמרה מי מעיד והיה שם בור אחד וחולדה אמר הבחור בור וחולדה עדים בדבר לימים עבר על אמונתו ונשא אחרת והוליד ב' בנים אחד נפל לבור ומת ואחד נשכתו חולדה ומת אמרה לו אשתו מה מעשה הוא זה שבנינו מתים במיתה משונה ואמר לה כך וכך היה המעשה : כשאמין בהקב"ה . שמאמינו עד בינו לבין חברו עאכ"ו :

המצדיק עצמו . המכשיר ומקשט מעשיו : מצדיקים עליו . מדקדקים (עליו) [עמו חסי'] כחוט השערה יותר משאלו מקלקל מעשיו כדי למרק עונותיו : האמת מארץ תצמח אז צדק גו' . צדק אין כתיב כאן אלא צדק דמשמע דין : וכיראתך עברתך . על

---

ניט גיהערט סיידין ער דאווינט מיט כונה . ער האט אין זינען דאס גאנצע דאווענען . און אז צעהן מענטשין אדער מעהר דאווענען צו זאמען . אפילו זיי רעדין נאר מיט דעם מויל און דאס הארץ זייערע איז פאר טראכט אין אנדערע זאכין . ווערט אויך זייער תפלה צו גיהערט :

**כן אמר** . רבי אמי האט גיזאגט עס גייט אנדערש ניט קיין רעגין סיידין עס איז דא ערליכע מענטשין אויף דער וועלט . גייט דער רעגין דורך זייער זכות . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אמת מארץ תצמח . אז אויף דער ערד שפראצט אמת . מענטשין האנדלען ערליך אויף דער וועלט . וצדק משמים נשקף . ווערט גיקוקט פון הימעל מען זאל געבין רעגין . נאך האט רבי אמי גיזאגט קום און זעה ווי גרויס זענען די אמתה מענטשין וואס גלויבין אין גאט . דאס ווייזין מיר פון א חולדה מיט א גרוב . ווען האט א מאהל גיטראפען א בחור האט צו גיזאגט איין מיידיל ער זאל מיט איהר חתונה האבין . האט זיא גיזאגט צום בחור ווער וועט זיין דא דער עדות אז דוא האסט מיר אזוי צו גיזאגט . און זייא זענען גישטאנען נעבין א ברונען און א קאץ איז אויך גישטאנען נעבין ברונען . האט דער בחור גיזאגט דער ברונען און דיא קאץ זאלין זיין אונזערע עדות . אין א צייט שפעטער האט דער בחור ניט גיהאלטין זיין ווארט און ער האט גינומען איין אנדער ווייב . און ער האט גיהאט מיט איהר צווייא קינדער . איין קינד איז אריין גיפאלין אין א ברונען און איז גישטארבין . און דאס אנדערע קינד איז גיקומען איין קאץ און האט איהם א ביס גיטאהן און ער איז גישטארבין . האט דאס ווייב גיזאגט צום מאן וואס קען דאס זיין וואס אונזערע קינדער זענען גישטארבען מיט אזוי א טויט . האט ער איהר דער ציילט די גאנצע מעשה וויא אזוי ער האט צו גיזאגט די מיידיל ער זאל זי נעמען פאר א ווייב און ער האט גימאכט א ברונען מיט א קאץ פאר עדות . מאדאך אז איינער האט צו גיזאגט אזאך צו זיין חבר . און ער האט גינומען פאר עדות א ברונען מיט א קאץ . איז ער אזוי גישטראפט גיווארין אז ער האט ניט גיהאלטין זיין ווארט . אז ער האט גינומען איין עדות גאט . און ער האט ניט מקיים גיווען . וועט ער געוויס גישטראפט ווערין . רבי יוחנן האט גיזאגט דער וואס ווערט א צדיק אויף דער וועלט . מאכט מען איהם פאר א צדיק אין הימעל אויך . מען זעהט נאך אלץ וואס ער טוהט . און אויף די קלענסטע עבירה שטראפט מען איהם באלד אויף דער וועלט . זיין עולם הבא זאל בלייבין אין גאנצין . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אז דער אמת היבט אן צו שפראצין פון דער ערד . ווערט פון הימעל גיקוקט מיט דין . רבי חייא בר אבין האט גיזאגט פון רב הונא ווענין פון דעם פסוק וכיראתך עברתך . דער מענטש וואס האט מורא פאר דיר . אויף דעם מענטשין ווייזט דוא דיין כעס מעהר וויא אויף אנדערע מענטשין . און דוא שטראפסט איהם אויף די קלענסטע עבירה . זיין

ולם

על מי בהוא. יהא אורך אפו מחזיק עבירתן למחק עונותיו ופשטיה דקרא מי יודע עוז וכח לאליה אותו לנוס מפניך כיון אפך וכיראתך עברתך כפי שהיה יראוי ותפחד כך יש לחירא ולהפחד תעברתך: פגעת את שש ועושה צדק (כמי ששמח ועושה צדק) אלה העושים כך: בדרכיך יזכרוך. אתה פוגע בו את הוסף כלום כמו ויפגע בו וימת (בהם עולם ונושע) קרא הכי הוא פגעת את שש ועושה צדק והם העושים (כך) בדרכיך יזכרוך בלוקן דרכים שאתה מיסרן ביסורין יזכרוך לטובה ואומרין הן אתה קצפת (ונחטא) בשביל (שחטאנו) [שהטאנו] בהם עולם ונושע ושבשבילם נושע לעוה"ב ע"כ:

שמחבלת. כמו הבלי יולדה אף השמים עוצין כן יוקבה לעולם ועל הטא הוא:

נאמרה עצירה באשה וכו'. כלומר על כולן מבקשין רחמים: פלג. בריכה: כמין קובה. אהל מלא מים: מלא נגבע. (אם גז:) הקב"ה רוב גשמים

וכיראתך עברתך ר"ל אמר מהכא (ישעיה סד) פגעת את שש ועושה צדק בדרכיך יזכרוך הן אתה קצפת ונחטא בהם עולם ונושע. אמר ריב"ל כל השמח ביסורין שבאים עליו מביא ישועה לעולם שנאמר בהם עולם ונושע:

**כן אמר** ריש לקיש מ"ד (דברים יא) ועצר את השמים בשעה שהשמים נעצרין מלהוריד (טל ו) מטר דומה לאשה שמחבלת ואינה יולדת והיינו דאמר ריש לקיש משום בר קפרא נאמרה עצירה בגשמים ונאמרה עצירה באשה (ע"כ) נאמרה עצירה באשה שנאמר (בראשית כ) כי עצור עצר ה' בעד כל רחם ונאמרה עצירה בגשמים דכתיב (דברים יא) ועצר את השמים נאמר לידה באשה ונאמר לידה בגשמים נאמר לידה באשה דכתיב (בראשית ל) ותהר ותלד בן ונאמר לידה בגשמים דכתיב (ישעיה נה) והולידה והצמיחה נאמר פקידה באשה ונאמר פקידה בגשמים נאמר פקידה באשה דכתיב (בראשית כא) וה' פקד את שרה ונאמר פקידה בגשמים דכתיב (תהלים סה) פקדת הארץ ותשוקקה רבת תעשרנה פלג אלהים מלא מים. מאי פלג אלהים מלא מים תנא כמין קובה יש ברקיע שממנה גשמים יוצאים. אמר רבי שמואל בר נחמני מאי דכתיב (איוב לז) אם

---

עולם הבא זאל זיין אין גאנצין. ריש לקיש זאגט פון דעם פסוק פגעת את שש ועושה צדק דו האסט געשלאגין דעם פרומען מענטש וואס ער האט זיך גיפרייט צו טאהן מצות. בדרכיך יזכרוך. פון דעסטוועגין זאגט ער אז דיינע וועגין, דיין פירונג איז גוט. און ער דער מאנט דיך צו גוטען. ער זאגט הן אתה קצפת ונחטא. דו האסט גיצערנט וויל מיר האבין געזינדיגט. בהם. דורך דעם וואס מיר זענען גישטראפט גיווארין אויף דער וועלט. עולם ונושע. וועלין מיר שוין זיין גיהאלפין אויף אייביג. רבי יהושע בן לוי זאגט דער מענטש וואס גאט האט אויף איהם געשיקט יסורים. און ער פרייט זיך מיט דיא יסורים. דער מענטש ברייגט אהילף צוא דער וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בהם עולם ונושע. דורך די יסורים וואס דר מענטש האט וועט דיא וועלט גיהאלפין ווערין:

**כן** אמר ריש לקיש האט גיזאגט וואס מיינט דער פסוק ועצר את השמים. ער וועט אויף האלטין דעם הימעל. ווען דיא הימלען ווערין אויף גיהאלטין פון צו מאכען נידערין רעגין. איז דאס גלייך אזוי וויא אאשה וואס האט ווייען. און זיא גיבארט ניט דאס קינד; דאס איז אזוי וויא ריש לקיש האט גיזאגט פון בר קפרא'ס וועגין. ביי רעגין שטייט דר ווארט עצירה. אויף האלטין. ועצר את השמים ולא יהיה מטר. ער וועט אויף האלטין דעם הימעל און עס וועט ניט זיין קיין רעגין. און ביי איין אשה שטייט אויך דער ווארט עצירה. אויף האלטין. כי עצור עצר ה' בעד כל רחם. גאט האט אויף גיהאלטין אלע מוטער לייבער זיא זאלין ניט קענען גיבארין; ביי איין אשה שטייט דער ווארט לידה; גיבארין. ותהר ותלד בן. דיא איז מעוברת גיווארין און האט גיבארין א זוהן. און ביי רעגין שטייט אויך דער ווארט לידה. גיבארין. והולידה והצמיחה; דער רעגין מאכט דיא ערד זאל גיבארין און מאכין שפראצין. ביי איין אשה שטייט דער ווארט פקידה. גידיינקען. וה' פקד את שרה. גאט האט גידיינקט שרהן. און עס שטייט ביי רעגין אויך דער ווארט פקידה. גידיינקען. פקדת הארץ ותשוקקה. דוא האסט גידיינקט דיא ערד און האסט איהר אן גיטרונקען מיט רעגין. זאגט די גמרא וואס מיינט דער פסוק פלג אלהים מלא מים. מיר האבען גילערנט אין הימעל איז דא אשטוב וואס זיא איז פול מיט וואסער. און פון די שטוב גייט דער רעגין. רבי שמואל

**לשבט** אם **לארצו** אם לחסד ימציאהו. אם לשבט **בהרים וגבעות** אם לחסד ימציאהו בארצות בשדות ובכרמים אם לשבט לאילנות אם לארצו לזרעים אם לחסד ימציאהו בורות שיחין ומערות :

**כח בימי** רבי שמואל בר נחמני הוה כפנא ומותנא אמרי היכי נעביד נבעי רחמי אתרתי לא אפשר אלא נבעי רחמי אמותנא וכפנא נסבול אמר להו רבי שמואל בר נחמני נבעי רחמי אכפנא דכי יהיב רחמנא שובעא לחיי הוא דיהיב דכתיב (תהלים קמה) פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון ומנא לן דלא מצלינן אתרתי דכתיב (עזרא ג) ונצומה ונבקשה מאלהינו על זאת מכלל דאיכא אחריתי . במערבא אמרי משמיה דר' הני מהכא (דניאל ב) ורחמין למבעא מן קדם אלה שמיא על רזא דנה מכלל דאיכא אחריתי . בימי ר' זירא גזור גזירה וגזור דלא לכיתב בתעניתא אמר להו ר' זירא נקבלינה עלוון ולכי בטיל גזירת ליתביה

פירוש

לזרעי אם יורדים כמו כשבט במכה בכח והוא בחשובה הקב"ה מורידן על הרים וגבעות מקום שאין שם ת"ב . אבל אם לחסד שיורדין במתק ימציאהו לארצו לא"י :
אתרתי . לא בעינן רחמי אהדדי כדלקמן : נבעי רחמי אכפנא . דליתיב שובעא ומותנא ליבטיל ממילא : דכי יהיב רחמנא שובעא לחיי הוא דיהיב . לחיים ולא למתים דלינו מביא שובע כדי להמית בני אדם אלא כדי שיחיו : משביע לכל חי רצון . שובע ניתן לבני אדם חיים : על זאת . על הדא משמע בעזרא כתיב : על רזא דנה : בדניאל כתיב : דלא ליתכו בתעניתא . דלא כתיב דליהוי ברכה לעולם בבכיין : נקבל עלוון . יומי תעניתא דמשום קבלה מהני לן בתעניתא וכי בטיל

---

בַּר נַחְמָנִי הָאט גִיזָאגְט וָואס מֵיינְט דֶער פָּסוּק דֶער רֶעגְן גֵייט אָדֶער צוּ אַרוּט . אָדֶער צוּ זַיי לַאנְד אָדֶער צוּ חֶסֶד . אוֹיבּ דֶער רֶעגְן גֵייט צוּ אַרוּט . צוּם שְׁטְרָאפִין . גֵייט עֶר נָאר אוֹיף דִי בֶּערְג ווּא עֶס וַואקְסְט נִיט . אוֹיבּ דֶער רֶעגְן גֵייט צוּ גוּטֶען קוּמְט עֶר אִין לַאנְד אוֹיף דִיא פֶעלְדֶער אוּנ אוֹיף דִי וַויין גֶערְטְנֶער . אָדֶער אַזוֹ מֵיינְט דֶער פָּסוּק אוֹיבּ עֶס גֵייט אַשְׁטַארְקֶער רֶעגְן אַזוֹי וִויא אַרוּט וָואס שְׁלָאגְט מִיט שְׁטַארְקַייט . דֶער רֶעגְן אִיז גוּט צוּ בּוֹימֶער . אוּנ אוֹיבּ דֶער רֶעגְן גֵייט צוּם לַאנְד . עֶס גֵייט אַשְׁטִילֶער רֶעגְן . דֶער רֶעגְן אִיז גוּט צוּ דִיא זַאר זֵייהוּנְג . אוּנ אוֹיבּ דֶער רֶעגְן גֵייט מִיט חֶסֶד . דָאס מֵיינְט מֶען אַז עֶר גֵייט אַזוֹי פִיל בִּיז עֶס ווֶערְט פוּל אַלֶע בְּרוּנֶעס אוּנ קֶעלֶערס מִיט וַואסֶער פוּן אַזוֹי אַיין רֶעגְן הָאט דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט הֲנָאָה :

ענען אין צער וועל איך אויך זיין מיט זיי אין צער. און דער וואס האט צער ווען אלע יודען האבין צער. איז ער זוכה צו זעהן ווען אלע יודין וועלין געטרייסט ווערין. און טאמער וועט אמענטש זאגין ווער וועט דאס עדות זאגין אויף מיר: צו איך האב יא צער פון זייער צער, אדער ניין. זאגט די גמרא די שטיינער פון דעם מענטשינס שטוב. און די בעלקעס פון דעם מענטשינס שטוב, זייא וועלין עדות זאגין אויף דעם מענטשין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער שטיין פון וואנט וועט שרייען און דער ציגעל וואס צווישען די האלץ וועט שרייען און וועט אום זאגין אלץ וואס דער מענטש טראכט און טוהט. דבי רבי שילא זאגין די צוויי מלאכים וואס בגלייטין שטענדיג דעם מענטשין זייא זאגין עדות אויף איהם אלץ וואס ער טראכט און טוהט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וועט געביטען זיינע מלאכים זייא זאלין דיך היטען און אכטונג געבין אויף אלץ וואס דוא טוהסט. רבי חדקא זאגט דיא נשמה פון דעם מענטשין זי זאגט עדות אויף דעם מענטש אויף אלץ וואס ער טוהט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פאר די וואס ליגט אין דיין שויס וואס איז דיא נשמה. זאלסטו דיך היטען צו עפענען דיין מויל מיט שלעכטס. ווארום די נשמה וועט אלץ אויס זאגין. אנדערע זאגין די גלידער פון מענטשין זאגין עדות אויף איהם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זאגט איר אליין זענט מיינע עדות אויף אלץ וואס איר טוהט. שמואל האט גזאגט דער מענטש וואס פאסט אטאג ווען מע דארף ניט פאסטען. איז דאס אעבירה. און שמואל האלט אזוי ווי דער תנא. ווארום מיר האבען גילערונט רבי אלעזר הקפר זאגט. ביי אנזיר וואס ער האט גיטאהן אנדר ער זאל ניט טרינקען ווין שטייט אין פסוק ער זאל ברענגען אקרבן ווייל ער האט געזינדיגט אויף אמענטש. אויף וועלכען מענטש האט ער דען געזינדיגט. ער האט דאך קיין מענטשין גאר ניט גיטאהן. נאר ער האט זיך אליין גיטאהן. ער האט גיטאהן צער זיין איינענעם גוף. וואס ער האט איהם ניט גיגעבין ווין צו טרינקען. מאדאך אז מען טוהט אן צער זיין אייגענעם גוף מען גיט איהם ניט ווין צו טרינקען. הייסט דאס אעבירה. אז מען טוהט אן צער דעם גוף און מען גיט איהם גאר ניט צו עסין. איז דאך געוויס אעבירה. רבי אלעזר זאגט דער וואס פאסט אטאג ווערט ער גירופען אהייליגער. ווארום עס שטייט אין פסוק ביי אנזיר ער זאל זיין הייליג ער זאל לאזין וואקסען די האר פון זיין קאפ. מאדאך דער נזיר וואס ער טוהט נאר אן צער זיין גוף וואס ער גיט איהם ניט ווין צו טרינקען. הייסט ער אהייליגער. דער וואס טוהט אן צער זיין גוף און גיט איהם אטאג גאר ניט צו עסין. ער פאסט

אגאנצין

אחת כמה וכמה ולשמואל הא איקרי קדוש ההוא אגדל פרע קאי ורבי אלעזר הא איקרי חוטא ההוא דמסאיב נפשיה. ומי אמר רבי אלעזר הכי והא אמר רבי אלעזר לעולם (יראה) [ימוד] אדם עצמו (ע"ב) כאלו קדוש שרוי בתוך מעיו שנאמר (הושע יא) בקרבך קדוש לא קשיא הא דמצי לצעורי נפשיה הא דלא מצי לצעורי נפשיה ריש לקיש אמר נקרא חסיד שנאמר (משלי יא) גומל נפשו איש חסד [ועוכר שארו אכזרי]. אמר רבי ירמיה [בר אמי] אמר ריש לקיש אין תלמיד חכם רשאי לישב בתענית מפני שממעט ממלאכת שמים אמר רב ששת האי בר בי רב דיתיב בתעניתא כלבא ליכול שירותיה:

(פ"א) מב אל אמונה ואין עול (דברים לב) אל אמונה כשם שנפרעין מן הרשעים לעולם הבא אפילו על עבירה קלה שעושין כך נפרעין מן הצדיקים בעולם הזה על עבירה קלה שעושין ואין עול כשם שמשלמים שכר לצדיקים בעולם הבא אפילו על

מצוה

קא דריש בשביל שמתוך כך מתמרקין עונותיו שמתענה: לשמואל קדוש יהיה אגדל פרע קאי. שבעבורו אסור בתגלחת אבל הוא עצמו לא נקרא קדוש ולר' אלעזר חוטא דמסאיב כתרגומו מאשר חטא על הנפש שבא המקרא על שנטמא במת: כאלו קדוש שרוי בתוך מעיו. כאלו כל מעיו קדוש ואסור להכחישן דהכי משמע בקרבך קדוש כלומר דאסור להתענות בקרבך קדוש ריש"י דקרא קדרים בשביל שקדוש שרוי בקרבך לא אבא בעיר שלמעלה עד שאבנה ירושלים של מטה ורמיזא בעלמא הוא: הא דמצי מצער נפשיה. שיכול לסבול התענית (ומשבח להקב"ה) [ומשבחו הקב"ה] אבל מי שאינו יכול להתענות נקרא חוטא: נקרא חסיד. המתענה דכתיב גומל נפשו איש חסד מפריש עצמו ממאכל ומשתה כמו ביום הגמל את יצחק שברי"ר בלע"ז מפי מורי אי נמי גומל לשון תגמול שמבליה נפשו לקונו: ועוכר שארו. המתענה ומכחיש בשרו נקרא אכזר: שממעט במלאכת שמים. חלש הוא ואינו יכול ללמוד: שירותיה. סעודתו כלבא ניכול סעודתו ולכך המתענה אינו מועיל לו אלא כמי שמתענה מפני שאין לו מה יאכל:

כשם שמשלם לצדיקים כו' כך משלם לרשעים בעוה"ז. כדי לטורדם מן העולם הבא כדכתיב ומשלם לשונאיו אל פניו להאבידו: ואין עול. שאין עושה

---

אנאנצין טאג. דער הייסט דאך געווים אהייליגער. פרעגט די גמרא איז דאך אקשיא אויף שמואל אין פסוק שטייט דאך דער נזיר איז אהייליגער. ענטפערט די גמרא שמואל זאגט דער ווארט קדוש גייט ניט אויף דעם נזיר. דער נזיר איז הייליג: נאר דער ווארט קדוש גייט אויף די האר זיינע. די האר וואס דער נזיר שערט אפ זענען הייליג מען טאר ניט קיין הנאה האבין פון זייא. איז דאך אקשיא אויף רבי אלעזר אין פסוק שטייט דאך אז אנזיר הייסט אזינדיגער. דאס מיינט מען אז דער נזיר האט זיך מטמא גיוועז אן אמת. הייסט ער אזינדיגער. פרעגט די גמרא צו האט דען רבי אלעזר אזוי גזאגט אז מען פאסט הייסט מען אהייליגער. רבי אלעזר האט דאך גזאגט אמענטש זאל אייביג רעכענען אז אהייליגקייט רוהט אין זיינע גידערים. אונ ווייל זיינע גידערים זענען הייליג. דריבער טאר ער זיי ניט מאגער מאכען אונ טאר ניט פאסטען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק בקרבך קדוש. אין דיר איז הייליג. זאגט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא אז ער קען פאסטען. מעג ער פאסטען. אונ עס איז אמצוה דאס פאסטען. אבער אז ער קען ניט פאסטען. טאר ער ניט פאסטען. ריש לקיש זאגט דער וואס פאסט הייסט אחסיד. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גומל נפשו איש חסד. דער וואס גיוויינט אפ זיין גוף אטאג פון עסין אונ טרינקען: הייסט ער אחסיד. ועוכר שארו אכזרי. אבער דער וואס פאסט ביז ער ווערט מאגער. דער מענטש הייסט ארוצח אויף זיך אליין. אונ דאס טאר מען ניט. רבי ירמיה בר אבא האט גזאגט ריש לקיש זאגט אתלמיד חכם טאר ניט פאסטען. ווייל ער וועט זיין שוואך פון תענית וועט ער ווייניגער לערנען דעם טאג. רב ששת האט גזאגט דער וואס לערנט אין בית המדרש אז ער פאסט אטאג. זאל מען זיין עסין אוועק געבין דעם הונט:

מב אל אמונה ואין עול. גאט איז אמת אונ ער טוהט ניט קיין אומרעכט. מיט וואס איז גאט אמת. אזוי וויא גאט שטראפט דיא רשעים אויף יענער וועלט אפילו אויף דיא קלענסטע עבירה וואס זייא האבין גיטאהן. אזוי שטראפט גאט די צדיקים אויף דיא וועלט אפילו אויף דיא קלענסטע עבירה וואס זייא טוהען: מיט וואס טוהט גאט ניט קיין אומרעכט. אזוי וויא ער בצאהלט שכר צו די צדיקים אויף יענע וועלט אפילו אויף די קלענסטע מצוה וואס זייא האבין גיטאהן. אזוי בצאהלט ער שכר צו די רשעים אויף דיא וועלט אפילו אויף

מצוה קלה שעושים כך משלמים שכר לרשעים בעולם הזה אפילו על מצוה קלה שעושין. צדיק וישר הוא אמרו בשעת פטירתו של אדם לבית עולמו כל מעשיו נפרטין לפניו ואומרים לו כך וכך עשית במקום פלוני ביום פלוני והוא אומר הן ואומרים לו חתום וחותם שנאמר (איוב לג) ביד כל אדם יחתום ולא עוד אלא שמצדיק עליו את הדין ואומר להם יפה דנתוני לקיים מה שנאמר (תהלים נא) למען תצדק בדברך וגו':

(ע"ב) **מר** עוקבא איקלע לגינזק בעו מיניה במה שמש משה כל שבעת ימי המלואים לא הוה בידיה אזל ושאיל בי מדרשא א"ל בחלוק לבן רב כהנא מתני בחלוק לבן שאין לו אימרא. (דף יד ע"ב) [אמר רבי אלעזר אין אדם חשוב רשאי ליפול על פניו אא"כ נענה כיהושע בן נון שנאמר (יהושע ז) ויאמר ה' אל יהושע קום לך למה זה אתה נופל על פניך]. ואר"א אין אדם חשוב רשאי לחגור שק על בשרו אלא אם כן נענה כיהורם בן אחאב שנאמר (מ"ב ו) ויהי כשמוע המלך את דברי האשה ויקרע את בגדיו והוא עובר על החומה וירא העם והנה השק על בשרו מבית ואר"א לא הכל

**פירוש**

דבר גלה דין לאמת וצדק: צדיק וישר. מצדיק דין על הצדיקים לפרוע מהם וע"ה טובה ויסורות עם הרשעים לפרוע כל זכותם בעוה"ז כדי לטורדן: יחתום. כותב מעשה כל אדם ומחתים יד כל אדם על כל מעשיו: למען תצדק בדברך. שהוא מצדיק עליו הדבריך באתה מראה לו ע"כ: במה שמש משה. דאלו באהרן כתיב בגדי כהונה דכתיב והלבשתם בבשעה שהיה (משה) עובד אהרן היה לבוש בגדי כהונה ועבודה דמשה גורם בכתוב היא אבל בגדי כהונה לא מצינו בו ומסתמא כדבר קשה אם עבד בבגדו של חול אלא בכה לבוש: בחלוק לבן. של פשתן עשוי לשם כך: שאין בו אימרא. שפה מתרגמינן אימרא כלי חבוב היה מחוט אחד כל החלוק ולא בבגדים שלנו שבתי הידים מדובקים בבגד הגוף בתפירה כדי שלא יתחשדו שמא בחוטו שפה הוציא מעות הקדש בבית שנאמר והייתם נקיים מה' ומישראל ע"כ: (רשאי ליפול על פניו. לבזות עצמו בפני הצבור שאם לא יענה יתביישו כך במעתי אלא א"כ יודעין בו שהוא הגון כיהושע שאמר לו הקב"ה קום לך למה זה אתה נופל וגו'): אלא א"כ נענה כיהורם. כלומר שיודעין בו שנענה כיהורם יהורם רשע היה אלא שהתענה על רעב שהיה בימיו ונענה דכתיב ויהי כאשר שלם בשק וגו': לא הכל.

---

די קלענסטע מצוה וואס זייא טוהען. אין פסוק שטייט צדיק וישר הוא. גאט איז אצדיק אונ ער טוהט וויא גלייך איז. מען האט גיזאגט ווען דער מענטש דארף שטארבין. רעכנט מען פאר איהם אלין וואס ער האט גיטאהן אויף דער וועלט. אונ מען זאגט צו איהם אזוי אונ אזוי האסטו גיטאהן אויף יענעם ארט אין יענעם טאג. אונ דער מענטש זאגט יא. זאגט מען צו איהם חתמה דיך. אונ ער חתמת. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק יעדער מענטש חתמת מיט זיין האנט. אונ נאך מער ער מאכט גירעכט דעם משפט. אונ ער זאגט צו זיי איהר האט מיך גוט גימשפט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט גיזאגט צו גאט דוא זאלסט גירעכט זיין מיט דיינע רייד:

**מר** עוקבא איז אמאהל גיקומען אין גינזק. האט מען גיפרעגט ביי אים ווי איז משה רבינו גיוועזן גיקליידט ווען ער האט מקריב גיוועזן די זיבען טעג פון מלואים. האט מר עוקבא ניט גיוואסט. איז ער גיקומען אין בית המדרש אונ האט גיפרעגט. האט מען איהם גיזאגט אין אווייסע העמד פון פלאקס. רב כהנא האט גילערנט אין די ווייסע העמד איז ניט גיוועזן קיין זיים. כען זאל איהם ניט חושד זיין אז ער האט עפעס אריין גילייגט אין דער זיים פון העמד פון די הייליגע געלט פון משכן. רבי אלעזר האט גיזאגט אצדיק טאר ניט פאלין מיט זיין פנים אויף די ערד אונ בעטין פאר גאט. סיידין ער ווייס גיוויס אז ער וועט גיענפערט ווערין אזוי וויא יהושע בן נון. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט צו יהושע שטיי אויף צו וואס ביזטו גיפאלין אויף דיין פנים. נאך האט רבי אלעזר גיזאגט אצדיק טאר ניט אן טאהן אזאק אויף זיין לייב. סיידין ער ווייס גיוויס אז ער וועט גיענפערט ווערין אזוי וויא יהורם בן אחאב. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וויא דער מלך האט גיהערט די רייד פון די אשה האט ער צוריסען זיינע קליידער אונ ער איז גיגאנגען אויף די מויער האט דאס פאלק גיזעהן אז ער גייט אין אזאק אויף זיין לייב אונטער די קליידער. נאך האט רבי אלעזר גיזאגט ניט אלע ווערין גיענפערט אז זייא פאלין מיט זייער פנים אויף די ערד. אונ ניט אלע ווערין גיענפערט אז זייא צו רייסין זייערע קליידער. משה אונ אהרן אז זייא זענען גיפאלען

הכל בנפילה ולא הכל בקריעה משה ואהרן בנפילה יהושע וכלב בקריעה משה ואהרן בנפילה שנאמר (במדבר יד) ויפול משה ואהרן וגו' יהושע וכלב בקריעה דכתיב (שם) ויהושע בן נון וכלב בן יפנה מן התרים את הארץ קרעו בגדיהם מתקיף לה רבי זירא ואי תימא רבי שמואל בר נחמני אי כתיב יהושע כדקאמרת השתא דכתיב ויהושע הא והא עבוד:

(דף טו) **מד ואמר** רבי אלעזר לא הכל בקימה ולא הכל בהשתחואה מלכים בקימה ושרים בהשתחואה מלכים בקימה שנאמר (ישעיה מט) כה אמר ה' גואל ישראל וגו' לבזה נפש וגו' מלכים יראו וקמו ושרים בהשתחואה שנאמר שרים וישתחוו מתקיף לה רבי זירא [ואיתימא רבי שמואל בר נחמני] אי כתיב ישתחוו כדקאמרינן השתא דכתיב וישתחוו הא והא עבוד ארנב"י אף (אנו נאמר) [אני אומר] לא הכל לאורה ולא הכל לשמחה צדיקים לאורה וישרים לשמחה שנאמר (תהלים לז) **אור זרוע לצדיק** ולישרי לב שמחה:

נענין בנפילה ולא הכל נענין בקריעה דיהושע וכלב שלא היו הטובים כמשה ואהרן לא זכו ליענות אלא בקריעה ומקרא בעלמא קא דריש. ויהושע בן נון כתיב בחריה דהאי ויפול וא"ו מוסיף על ענין ראשון:

לבזה נפש. לישראל הבזויים ומתועבים ועבדים מושלים בהם: לא הכל בקימה. לקראת ישראל נע"ל: ישרי לב. עדיפי מצדיקים:

---

גיפאלין אויף די ערד. זענען זייא געענפערט געווארין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק משה אונ אהרן זענען גיפאלין אויף דיא ערד. אונ יהושע מיט כלב אז זייא האבען צו ריסען זייערע קליידער. זענען זייא אויך געענפערט גיווארין: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק יהושע בן נון אונ כלב בן יפונה וואס זייא האבין אוים גיזעהן די לאנד האבין צו ריסען זייערע קליידער. דער נאך שטייט אין פסוק דער כבוד פון גאט איז צו זייא בעוויזען גיווארין. האט רבי זירא גיפרעגט אונ אנדערע זאגין רבי שמואל בר נחמני הט גיפרעגט אז אין פסוק וואלט גישטאנען יהושע בן נון אונ כלב בן יפונה. האבען צו ריסען זייערע קליידער. וואלטין מיר טאקי זאגין אזוי וויא דוא זאגסט. אז יהושע מיט כלב האבין ניט מעהר גיטאהן נאר צו ריסען דיא קליידער. אבער אז עס שטייט ויהושע. מיט א וא"ו. אונ יהושע מיט כלב. מיינט דער פסוק יהושע מיט כלב האבין ביידע זאכין גיטאהן. זיי זענען גיפאלין אויף זייער פנים. אונ האבין צעריסען זייערע קליידער אויך. זענען זייא געענפערט גיווארין. אבער מיט דעם צערייסין דיא קליידער אליין וואלטין זיי ניט געענפערט גיווארין:

**מד** ואמר. נאך האט רבי אלעזר גיזאגט ניט אלע וועלין אויף שטיין פאר די יודען. אונ ניט אלע וועלין זיך בוקין פאר די יודען. מלכים וועלין אויף שטיין. ודאס הייסט זייא וועלין די יודען ערליך האלטען) אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אזוי האט גיזאגט גאט דער אוים לייזער פון די יודען. די יודען וואס אלע פאר שעמען זיי היינט. ווען משיח וועט קומען וועלין קיניגען זיי זעהן אונ וועלין אויף שטיין פאר זיי. אונ שרים וועלין זיך בוקען צו דיא יודען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שרים וועלין זעהן די יודען אונ וועלין זיך בוקען פאר זייא. האט רבי זירא גיפרעגט. אונ אנדערע זאגין רבי שמואל בר נחמני האט גיפרעגט אז אין פסוק וואלט גישטאנען שרים ישתחוו. וואלטין מיר טאקי זאגין אזוי וויא דוא זאגסט. אז די שרים וועלין מעהר ניט טאהן נאר זייא וועלין זיך בוקען פאר די יודען. אבער איצט אז עס שטייט שרים וישתחוו. מיט א וא"ו. מיינט מען די שרים וועלין זיך בוקען אויך. זייא וועלין ביידע זאכין טאהן. אז דיא שרים וועלין זעהן איודען וועלין זייא זיך אויף שטעלין פאר איהם. אונ וועלין זיך בוקען פאר איהם. רב נחמן בר יצחק זאגט איך וועל אויך עפעס זאגין. ניט צו אלע וועט זיין ליכטיג. אונ ניט צו אלע וועט זיין שמחה. ביי דיא צדיקים וועט זיין ליכטיג. אונ ביי דיא גאנץ פרומע וועט זיין שמחה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אור זרוע לצדיק. ליכטיגקייט איז גיזייעט צום צדיק. ולישרי לב שמחה. אונ צו די פרומע הערצער איז אן גיברייט פרייד

פירוש: ואפר מקלה. אפר שרפה: בגדולה. מלוה בעלמא שלא לפורענות: הא כמי. דיסכין כרישייהו דכסילא ואב"ד כריסא אחשיבות הוא דאמרינן לכו אתון חשיביתו טפי כו': (אפר תחת אפר. פ"מ במקום תפלין דכתיב בהו פארך חבוש עליך

# סדר תעניות פרק שני

א [סדר תעניות] כיצד מוציאין את התיבה לרחובה של עיר ונותן אפר מקלה על גבי התיבה [ובראש הנשיא וכו' וכאו"א נותן בראשו וכו' מורידין לפני התיבה זקן ורגיל ויש לו בנים וביתו ריקם כדי שיהא לבו שלם בתפלה ואומר לפניהם כ"ד ברכות י"ח שבכל יום ומוסיף עליהן עוד שש ואלו הן זכרונות ושופרות וכו' על הראשונה הוא אומר מי שענה את אברהם בהר המוריה וכו' על השביעית הוא אומר מי שענה את דוד ואר. שלמה בנו בירושלים הוא יענה אתכם וישמע בקול צעקתכם היום הזה בא"י המרחם על הארץ] :

(ע"ב) גמ' ובראש הנשיא והדר תני כל אחד (נוטל ו) נותן בראשו איני והא (תנן) [ותניא] רבי אומר בגדולה מתחילין מן הגדול (ובקלקלה) [ובקללה] מתחילין מן הקטן בגדולה מתחילין מן הגדול שנאמר (ויקרא י) (וידבר משה אל אהרן ואל אלעזר ואל איתמר) [ויאמר משה אל אהרן ולאלעזר ולאיתמר] (ובקלקלה) [ובקללה] מתחילין מן הקטן דאמר מר בתחלה נתקלל נחש ואח"כ נתקללה חוה ואח"כ נתקלל אדם הא חשיבותא לדידהו דאמרי להו אתון חשיביתו למבעי עלן רחמי אכולי עלמא (דף טז) [והיכא מנה להו א"ר יצחק במקום תפלין שנא' (ישעיה סא) לשום לאבלי ציון לתת להם פאר תחת אפר] למה יוצאין לרחובה רבי

---

## פרק שני

א סדר. ווי אזוי האט מען געטאהן ווען מען האט געפאסט אויף רעגין. מען הט ארויס געטראגין דעם ארון קודש אויף דעם מארק פון שטאט. אונ מען האט ארויף געלייגט אש אויף דעם ארון קודש: אונ אויף דעם קאפ פון נשיא האט מען אויך ארויף געלייגט אש. אונ יעדער מענטש האט גינומען אביסול אש אונ האט ארויף גילייגט אויף זיין קאפ. דער נאך הט מען גישטעלט פאר דעם עמוד איין אלטען מאן וואס ער איז געוואוהנט צו דאווענן פאר דעם עמוד. אונ ער האט קינדער. אונ זיין שטוב איז ליידיג: ער איז אארעמער מאן. ער זאל דאווענן מיט זיין גאנצען הארצען. אונ ער זאגט פאר זיי פיר אונ צוואנציג ברכות. אכטצען ברכות אזוי ווי אלע טאג. אונ היינט זאגט ער נאך זעקס ברכות. זכרונות אונ שופרות [אזוי ווי עס שטייט אין די גמרא]. אויף דיא ערשטע ברכה זאגט ער מי שענה את אברהם בהר המוריה. [אונ ווייטער אזוי ווי עס שטייט אין די גמרא] אויף די זיבעטע ברכה זאגט ער ווער עס הט גיענטפערט דוד אונ זיין זוהן שלמה אין ירושלים. דער זאל אייך ענטפערן אונ ער זאל הערין דעם קול פון אייער גישריי דעם היינטיגען טאג. גלובט ביסטו גאט דער וואס האט רחמנות אויף די ערד:

גמרא. ובראש הנשיא. מען לייגט ארויף אש אויף דעם קאפ פון דעם נשיא. דער נאך נעמט יעדער אביסול אש אונ לייגט אויף זיין קאפ. פרעגט די גמרא עס איז דאך ניט אזוי מיר האבען דאך גילערנט רבי זאגט ביי אגרויסקייט הייבט מען אן פון דעם גרעסטן. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק משה האט גזאגט צו אהרן אונ צו אלעזר אונ צו איתמר. אונ ביי אשלעכטע זאך הייבט מען אן פון קלענסטין. ווארום דער תנא האט גזאגט פריער האט גאט גיפלוכט דעם שלאנג. דער נאך האט מען גיפלוכט חוה. דער נאך הט מען גיפלוכט אדם. ענטפערט די גמרא וואס מען גיט די אש פריער אויף דעם קאפ פון נשיא אונ אויף דעם קאפ פון דעם אב בית דין. דאס איז ביי זיי אגרויסקייט. מען זאגט צו זיי איר זענט טייער ביי גאט אונ איר קענט בעטין אויף אונז אונ אויף די גאנצע וועלט. אויף וועלכין ארט לייגט מען די אש אויף דעם קאפ. האט רבי יצחק גזאגט אויף דעם ארט וואו די תפילין ליגען. אזוי ווי עס שטייט

רבי חייא בר אבא אמר לומר זעקנו בצנעא ולא נענינו נבזה עצמנו בפרהסיא ר"ל אמר גלינו גלותינו מכפרת עלינו מאי בינייהו איכא בינייהו דגלו מבי כנישתא לבי כנישתא. ולמה מוציאין את התיבה לרחובה של עיר אמר רבי יהושע בן לוי לומר כלי צנוע היה לנו ינתבזה בעונינו. ולמה מתכסין בשקים אמר רבי חייא בר אבא לומר הרי אנו חשובים כבהמה ולמה נותנין אפר מקלה ע"ג תיבה אמר רבי יהודה בן פזי כלומר (תהלים צא) עמו אנכי בצרה ריש לקיש אמר (ישעיה סג) בכל צרתם לו צר. א"ר זירא מריש כי הוה חזינא להו לרבנן דיהבי אפר מקלה על גבי תיבה מזדעזע לי כל גופי ולמה נותנין אפר בראש כל אחד ואחד פליגי בה רבי לוי בר חמא ורבי חנינא חד אמר הרי אנו חשובים לפניך כאפר וחד אמר כדי שיזכור לנו אפרו של יצחק מאי בינייהו איכא בינייהו עפר סתם. ולמה יוצאין לבית הקברות פליגי בה רבי לוי בר חמא ורבי (חמא בר) חנינא חד אמר הרי אנו חשובין לפניך

ואמרינן אלו תפלין): בצנעה, בבהכ"נ: גלינו. שילאנו מבית הכנסת: גלותנו. היא מכפרת עלינו: דגלו מבי כנישתא לבי כנישתא אחריתי. גלות היכא פרהסיא ליכא: נתבזה בעונינו. וידוי: חוגרין שקין. תניא בירושלמי שהיו חוגרין שק ויוצאין לבה"ק ותוקעין בקרנות ובעי ליה ... שקין למה ובית הקברות למה ותקיעת שופר למה: כבהמה. דמשער בהמה היינו מנולה של עזים: עפר סתם. שאינו אפר מקלה זכירת אפרו של יצחק

אין פסוק מען וועט טאהן צו די וואס טרויערן אויף ציון מען וועט געבין די תפילין אויף דעם ארט וואו די אש איז געלעגין: ווען מיר אז די אש ליגט אויף דעם ארט וואו דיא תפלין דארפין ליגען. פרעגט די גמרא צו וואס גייט מען ארויס אין גאס. רבי חייא בר אבא האט געזאגט מיר זאגין מיר האבין געשריגען אין אשטילען ארט. אין שוהל. אונ מיר זענען נים געענפערט געווארין. איצט וועלין מיר אונז פאר שעמען אונ מיר וועלין שרייען אין דיא גאס. ריש לקיש זאגט אזוי האבין זיי געזאגט. מיר זענען פאר טריבען געווארין פון די שוהל אין גאס. אונזער גלות זאל אויף אונז מכפר זיין. פרעגט די גמרא אין וואס קריגט רבי חייא מיט ריש לקיש. ענפערט די גמרא זיי קריגען אויב מען איז ניט גיגאנגען אין גאס מתפלל זיין. נאר מען איז גיגאנגען פון איין שוהל אין די אנדערע שוהל. נאך ריש לקיש איז אזוי אויך גוט. ווארום זיי זענען פאר טריבען געווארין פון זייער ארט. אונ נאך רבי חייא מוז מען גאר גיין אין גאס מתפלל זיין. פרעגט די גמרא צו וואס טראגט מען ארויס דעם ארון קודש אין דיא גאס פון שטאט. האט רבי יהושע בן לוי געזאגט מיר זאגין. מיר האבין גיהאט אבעהאלטענע זאך. דעם ארון קודש וואס ער איז גישטאנען אין שוהל. איז ער אויך פאר שעמט געווארין דורך אונזערע זינד. פאר וואס דעקט מען זיך צו מיט זעק. רבי חייא בר אבא זאגט. מיר ווייזען אז מיר זענען גירעכענט אזוי ווי בהמות. ווארום פאר צייטיגע זעק זענען גיוועזן גימאכט פון בהמות פון ציגען האר. פאר וואס לייגט מען אש אויף דעם ארון הקודש. רבי יהודה בן פזי זאגט צוא ווייזען אז גאט האט אויך צער ווען דיא יודען האבען צער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זאגט עמו אנכי בצרה. איך בין מיט דיא יודען אין דער צרה. ריש לקיש זאגט פון דעם פסוק בכל צרתם לו צר. ווען די יודין זענען אין אצרה. איז גאט אויך אין דיא זעלביגע צרה. רבי זירא האט געזאגט דאס ערשטע מאהל וויא איך האב גיזעהן אז דיא רבנן לייגין אש אויף דעם ארון קודש. האט מיין גאנצער גוף געציטערט. פר וואס נעמט יעדער אביסול אש אונ לייגט ביי זיך אויף דעם קאפ. אין דעם קריגט רבי לוי בר חמא מיט רבי חנינא. איינער זאגט צו ווייזען אז מיר זענען גירעכנט פאר גאט אזוי וויא אש. אונ איינער זאגט פון וועגין גאט זאל אונז דער מאנען דיא אש פון יצחק. וואס איז דער אונטער שייד צווישען רבי לוי אונ רבי חנינא. דער אונטערשייד איז. אז מיר זאגין ווייל מיר זענען גירעכנט פאר גאט אזוי וויא אש. קען מען לייגין ערד אויך. אונ זאגין מיר זענען גירעכנט פאר גאט אזוי וויא ערד. אונ אז מיר זאגין מען זאל אונז דערמאנען די אש פון יצחק. מוז מען לייגין נאר אש ניט קיין ערד. פאר וואס גייט מען אויף דעם בית

הקברות

לפניך כמתים וחד אמר כדי שיבקשו המתים רחמים עלינו מאי בינייהו א"ב קברי נכרים מאי הר המוריה פליגי בה רבי לוי בר חמא ורבי חנינא חד אמר הר שיצא ממנו הוראה לישראל וחד אמר הר שיצא ממנו מורא לאוה"ע :

(דף טו) ב משנה והזקן שבהם אומר לפניהם דברי כבושין אחינו לא נאמר באנשי נינוה וירא האלהים את שקם ואת תעניתם אלא (יונה ג) וירא האלהים את מעשיהם כי שבו מדרכם הרעה וכן הוא אומר בקבלה (יואל ב) וקרעו לבבכם ואל בגדיכם ושובו אל ה' אלהיכם :

ליכא כתם לא גרסינן אלא איכא ביניהו עפר : קברי נכרים . במקום שאין קברי ישראל לבקש רחמים אסי' על עצמן ליכא כ"ם עלינו : מאי הר המוריה וכו' . איידי דאיירי בפלוגתא דרבי לוי ורבי (חמא) [חנינא] הנא נמי הא פלוגתא מאי הר המוריה דאברהם קרא למקום העקידה ה' יראה וכתיב אל ארץ המוריה חד אמר הר שיצא הוראה הוראה לישראל כי מציון תצא תורה וגו' מספיק ליעקב ולשכת הגזית שבה עמדו הנביאים המוכיחים לישראל : מורא לאה"ע . ששומעין גדולתן של ישראל ומתפחדין עליה כך במעשי . ל"א הר המוריה הר סיני מורא לאה"ע במתן תורה דכתיב ארץ יראה ושקטה ע"כ :

אע"ג דלאו חכם . אלא ע"ה בתמיה הא ודאי חכם עדיף . אם יש שם זקן והוא חכם אומר

(דף טז) גמ' תנו רבנן יש שם זקן אומר זקן ואם לאו אומר חכם ואם לאו אומר אדם של צורה אטו זקן דאמרינן אע"ג דלאו חכם הוא אמר אביי ה"ק יש שם זקן והוא חכם אומר זקן והוא חכם אין שם זקן והוא חכם אומר חכם אין שם לא זקן ולא חכם אומר אדם

---

הַקְבָרוֹת . אִין דֶעם קְרִיגְט רַבִּי לֵוִי בַּר חָמָא אוּנ רַבִּי חֲנִינָא . אֵיינֶער זָאגְט צוּ וַוייזֶען אַז מִיר וֶועגֶען גִירֶעכוּנְט פַאר גָאט אַזוֹי וִויא מֵתִים . אוּנ אֵיינֶער זָאגְט פוּן וֶועגֶן דִי מֵתִים זָאלֶין בֶּעטִין פַאר אוּנְז אַז מֶען זָאל אוֹיף אוּנְז רַחֲמָנוּת הָאבִּין . וָואס אִיז דֶער אוּנְטֶערְשֵׁייד צְווִישֶׁען רַבִּי לֵוִי אוּנ רַבִּי חֲנִינָא . דֶער אוּנְטֶערְשֵׁייד אִיז . אוֹיבּ עֶס אִיז נִיטָא קֵיין יוּדִישֶׁע קְבָרִים . אוֹיבּ מֶען זָאל גֵיין אוֹיף קְבָרִים פוּן אַנְדֶערֶע פֶעלְקֶער . אַז מִיר זָאגִין וַוייל מִיר וֶועגֶען גִירֶעכוּנְט פַאר גָאט אַזוֹי וִויא מֵתִים . קֶען מֶען גֵיין אוֹיף קְבָרִים פוּן אַנְדֶערֶע פֶעלְקֶער אוֹיךְ . אוּנ זָאגִין מִיר וֶועגֶען גִירֶעכוּנְט פַאר גָאט אַזוֹי וִויא מֵתִים . אוּנ אַז מִיר זָאגִין דִי מֵתִים זָאלֶין בֶּעטִין פַאר אוּנְז . דִי מֵתִים פוּן דִיא עַכּוּ"ם קֶענֶען פַאר זִיךְ נִיט בֶּעטִין . וֶועלֶין זֵייא פַאר אוּנְז בֶּעטִין . פַאר וָואס רוּפְט מֶען דֶעם בַּארְג מוֹרִיָה . אִין דֶעם קְרִיגְט רַבִּי לֵוִי בַּר חָמָא מִיט רַבִּי חֲנִינָא . אֵיינֶער זָאגְט וַוייל פוּן דֶעם בַּארְג וֶוערְט גִיפְּסֶקְנְט דִינִים צוּ דִי יוּדֶען . וָואוּ אוֹיף דֶעם בַּארְג אִיז גִיוֶועזֶען דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ . אוּנ דָארְט זֶענֶען גִיזֶעסֶין דִיא סַנְהֶדְרִין וָואס זֵייא הָאבִּין גִיפַּסְקְנְט דִינִים צוּ אַלֶע יוּדֶען . אוּנ אֵיינֶער זָאגְט וַוייל פוּן דֶעם בַּארְג אִיז גִיוֶוען אַמוֹרָא אוֹיף אַלֶע פֶעלְקֶר . וַוייל דִיא פֶעלְקֶער הָאבֶּען גִיהֶערְט אוּנ הָאבִּין גִיזֶעהֶן דִי נִסִּים וָואס עֶס אִיז גִיטָאהְן גִיוָוארִין אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס עֶר אִיז גִישְׁטַאנֶען אוֹיף דֶעם בַּארְג . הָאבִּין זֵייא מוֹרָא גִיהַאט :

ב משנה . וְהַזָּקֵן . אוּנ דֶער עֶלְטְסְטֶער וָואס צְוִוישֶׁען זֵייא הָאט גִיזָאגְט פַאר זֵייא מוּסָר: בְּרִידֶער . בַּייא דִיא מֶענְטְשִׁין פוּן נִינְוֵה שְׁטֵייט נִיט גָאט הָאט גִיזֶעהְן זֵייעֶרֶע זֶעק מִיט זֵייעֶר פַאסְטֶען . נָאר עֶס שְׁטֵייט . גָאט הָאט גִיזֶעהְן זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים זֵייא הָאבֶּען צוּרִיק גִיקֶערְט פוּן זֵייעֶר שְׁלֶעכְטִין וֶועג . אוּנ אַזוֹ הָאבִּין גִיזָאגְט דִי נְבִיאִים . צוּ רַייסְט אַייעֶרֶע הֶערְצֶער נִיט אַייעֶרֶע קְלֵיידֶער אוּנ קֶערְט אַייךְ צוּרִיק צוּ גָאט :

תָּנוּ רַבָּנָן . דִי רַבָּנָן הָאבִּין גִילֶערְנְט אוֹיבּ עֶס אִיז דָא צְווִישֶׁען זֵייא אַאַלְטֶער מַאן : זָאל דֶער אַלְטֶער זָאגִין דִי מוּסָר . אוּנ אוֹיבּ נִיט . זָאל דֶער חָכָם וְדֶער לַמְדָן וָואס צְווִישֶׁען זֵיי זָאגִין דֶעם מוּסָר : אוּנ אוֹיבּ עֶס אִיז נִיטָא צְווִישֶׁען זֵייא אַחָכָם (אַלַמְדָן) . זָאל זָאגִין דֶעם מוּסָר דֶער שֶׁענְסְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס צְווִישֶׁען זֵיי וְדָאס מֵיינְט מֶען דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין הוֹיךְ אוּנ גְרָאבּ אוּנ אַשֵׁיינֶע אָסָאבֶּע) . פְרֶעגְט דִי גְמָרָא וָואס מִיר זָאגִין פְרִיעֶר אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַאַלְטֶער מַאן זָאל דֶער אַלְטֶער זָאגִין מוּסָר . מֵיינְט מֶען דֶען אַאַלְטֶר אֲפִילוּ עֶר אִיז נִיט קֵיין לַמְדָן . גֶעווִיס אִיז אַיוּנְגֶער מַאן אַלַמְדָן בֶּעסֶער וִויא אַאַלְטֶער מַאן אַעַם הָאָרֶץ . הָאט אַבַּיֵי גִיזָאגְט אַזוֹ מֵיינְט מֶען . אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַאַלְטֶער מַאן אוּנ עֶר אִיז אַלַמְדָן . זָאל דֶער אַלְטֶער וָואס עֶר אִיז אַלַמְדָן

זאגין

אדם של צורה אחינו לא שק ולא תענית גורמין אלא תשובה ומעשים טובים גורמין שכן מצינו באנשי נינוה שלא נאמר בהם וירא האלהים את שקם ואת תעניתם אלא וירא האלהים את מעשירם כי שבו מדרכם הרעה. (יונה ג) ויתכסו שקים האדם והבהמה מאי (עבוד) [הוו עבדי] אסרי את הבהמה לחוד והולדות לחוד אמרו רבונו של עולם (אם אתה מרחם עלינו אנו מרחמים על אלו נ') אם אין אתה מרחם עלינו אין אנו מרחמים על אלו. (שם) ויקראו אל אלהים בחזקה מאי אמור (אמר רב שמואל) אמרו לפניו רבונו של עולם עלוב ושאינו עלוב (יכול ושאינו יכול) צדיק ורשע מי נדחה מפני מי. (שם) וישובו איש מדרכו הרעה ומן החמס אשר בכפיהם כאי ומי החמס אשר בכפיהם אמר שמואל אפילו גזל מריש ובנאו בבירה מקעקע את הבירה כולה ומחזיר מריש לבעליו:

אין יהוא תכס: אדם של צורה. בעל קומה כדי שישמעו ויקבלו דבריו להמריך לה הלב: מאי אמור. באנשי נינוה דכתיב בהו בחזקה דמשמע בכח גלית הדין: מי נדחה מפני מי. כוי לומר צדיק מפני רשע: אם (אין) אתה מרחם וכו'. כלומר כשם שאתה רוצה שנרחם על אלו דכתיב ורחמיו על כל מעשיו כן תרחם עלינו: מריש: קורה: בירה. מגדל:

**ג עמדו** בתפלה מורידין זקן לפני התיבה וכו'. תנו רבנן עמדו בתפלה אע"פ שיש שם זקן וחכם אין מורידין לפני התיבה אלא אדם הרגיל איזהו רגיל

ר'

---

זאגין מוסר. אויב עס איז ניטא אאלטער מאן וואס ער איז אלמדן. זאל זאגין אלמדן מוסר אפילו ער איז איונגער מאן. אויב עס איז ניטא קיין למדן. ניט קיין אלטער למדן אונ ניט קיין יונגער למדן. זאל זאגין דעם מוסר דער שענסטער מענטש וואס צווישען זיי. ער זאל זאגין ברידער. ניט דורך דעם זאק אונ ניט דורך דעם תענית וועט מען גיהאלפען ווערין. נאר דורך תשובה אונ גוטע מעשים וועט מען גיהאלפען ווערען. אונ אזוי געפינען מיר ביי דיא מענטשין פון נינוה. עס שטייט ניט ביי זיי גאט האט גיזעהן זייער זאק אונ זייער פאסטין. נאר עס שטייט גאט האט גיזעהן זייערע מעשים. אז זיי האבין צוריק גיקערט פון זייערע שלעכטע וועגין. אין פסוק שטייט בייא די מענטשין פון נינוה זיי האבין באדעקט מיט זעק די מענטשין אונ די בהמות. וואס האבין זיי גיטאהן מיט די בהמות. זאגט די גמרא זיי האבין אן גיבונדען די בהמות בזונדער אונ די קעלבער בזונדער. אונ זיי האבין גיזאגט רבונו של עולם אויב דו וועסט רחמנות האבין אויף אונז וועלין מיר רחמנות האבין אויף די בהמות. אונ אויב דו וועסט ניט רחמנות האבין אויף אונז. וועלין מיר אויף די בהמות אויך ניט רחמנות האבין. אין פסוק שטייט זיי האבין גערופען צו גאט מיט שטארקייט. וואס האבין זיי גיזאגט. זיי האבין גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם אז עס איז דא אפארשעמטער אונ קיין פאר שעמטער. אצדיק אונ ארשע. ווער זאל פארשטויסען ווערין פאר וועמען. געווים דארף פאר שטויסין ווערין דער אונ פאר שעמטער אונ דער רשע. פאר דעם פאר שעמטין אונ דעם צדיק. פאר וואס ווילסטו פאר שטויסין די פאר שעמטע אונ די צדיקים וואס צווישען אונז. אונ ווילסט זיי הרגען דורך די רשעים: אין פסוק שטייט זיי האבין צוריק גיקערט יעדער מענטש פון זיין שלעכטין וועג. אונ פון דיא רויב וואס אין זייערע הענט. וואס מיינט מען פון די רויב וום אין זייערע הענט. האט שמואל גזאגט אפילו איינער האט גינזלת ביי זיין חבר אבעלעק אונ ער האט דעם בעלעק איין גיבאהט אין זיין שטוב האט ער צו וואדפען די גאנצע שטוב אונ האט ארויס גינומען דעם בעלעק אונ האט איהם אוועק גיגעבין צוריק צו זיין חבר:

**ד עמדו.** אז מען האט זיך גישטעלט דאווענען. האט מען גישטעלט איין אלטען מאן פאר דעם עמוד. תנו רבנן. די רבנן האבען גילערנט ווען מען האט זיך גישטעלט דאווענען. אפילו דארט איז גיוועזן אאלטער מאן אונ אלמדן. פון דעסטוועגין הט מען איהם ניט גישטעלט צום עמוד דאווענען. נאר מען האט גישטעלט צום עמוד אזעלכין וואס איז רגיל. וואס מיינט

מעי

מטופל ואין לו. יש לו טפלים ואין לו במה להפרנס שלבו דואג עליו : ויש לו יגיעה. במתכוין יותר בתפלה הגונה : ופרקו נאה (מפ' לקמן) : ושפל ברך. עניו : ומרוצה לעם. נוח לבריות ומסכימין לתפלתו : נעימה. נכימי קנה במתוק הלב : ורגיל לקרות כו'. ביתו בפסוקים של תפלה סדורים בפיו : היינו מטופל ואין לו היינו ביתו ריקם. היינו הנו זהו : ביתו ריקם מן העבירה. שאין חמס וגזל בביתו : ופרקו נאה. לפי שעמד על בהרותיו היה נאה בלי שם רע : זהו שליח צבור שאינו הגון. דבע שהקב"ה שונא אותו יותר מכלן והוא נותן בקולו לפניו : [צעקה לאליהו. כל מי שענה את אליהו הוא שומע צעקה : ותפלה לשמואל. שומע תפלה דכתיב ביה תפלה קבצו את כל ישראל המצפתה והתפלל בעדכם:

ר' יהודה אומר מטופל ואין לו ויש לו יגיעה בשדה וביתו ריקם ופרקו נאה ושפל ברך ומרוצה לעם ויש לו נעימה וקולו ערב ובקי לקרות בתורה ונביאים וכתובים ולשנות במדרש הלכות והגדות ובקי בכל הברכות כולן ויהבו ביה רבנן עינייהו בר' יצחק בר אמי. (ע"ב) היינו מטופל ואין לו היינו ביתו ריקם אמר רב חסדא זהו שביתו ריקם מן העבירה. (זקן) ופרקו נאה אמר אביי זה שלא יצא לו שם רע בילדותו. (ירמיה יב) היתה לי נחלתי כאריה ביער נתנה עלי בקולה על כן שנאתיה מאי נתנה עלי בקולה אמר מר זוטרא בר טוביה אמר רב ואמרי לה אמר רבי חמא אמר רבי אלעזר זה שליח צבור היורד לפני התיבה שאינו הגון: [ובחותמה הוא אומר מי שענה וכו' והזן הכנסת אומר להם הריעו בני אהרן הריעו וכן בכל ברכה וברכה באחת אומר תקעו ובאחת אומר הריעו. (דף יז) על הראשונה הוא אומר מי שענה את אברהם וכו', תנא יש מחליפין צעקה לאליהו ותפלה לשמואל: על השביעית הוא אומר מי שענה את דוד וכו' סברי יונה בתר דוד ושלמה הוה מ"ט דקדים ליה ברישא משום דבעי למיחתם מרחם

---

מען דאַרף. רבי יהודה זאָגט דאס מיינט מען אַזעלכין וואס האָט פיל קינדער אונ ער האָט ניט קיין פרנסה. אונ ער הָט אַשׁטיקול פעלד. אונ זיין שטוב איז ליידיג. אונ זיין פּרק איז שיין. ואַזוי ווי שיין ער לערנט. אַזוי שיין איז ער מקיים) אונ ער איז ביי זיך נידעריג. אונ אַלע מענטשין האָבען איהם ליב. אונ ער האָט אַשיינעם אונ אַזיסען קול. אונ ער קען לערנען תורה נביאים כתובים. מדרש. דינים. אגדתות. אונ ער ווייס אַלע ברכות. האָבין די רבנן גיגעבין זייערע אויגין אויף רבי יצחק בר אמי: אַז אין איהם איז דאָ אַלע מדות. פרעגט די גמרא אַז מען זאָגט ער האָט פיל קינדער אונ ער הָט ניט קיין פרנסה. איז דאָך זיין שטוב ליידיג. וואָרום שטייט ווייטער נאָך אַמאָהל זיין שטוב איז ליידיג. האָט רב חסדא גזאָגט מען מיינט זיין שטוב איז ליידיג פון עבירות. אין זיין שטוב איז ניטאָ קיין גיגזלתה זאַך: זיין פרק איז שיין (די צייט פון זיין לעבין איז גיווען שיין). האָט אביי גזאָגט דאס מיינט מען עם איז אויף איהם ניט אַרוים גיגאַנגען אַשלעכטער נאָמען אין זיין יוגענד. אין פסוק שטייט נאָט זאָגט מיין נחלה איז גיוואָרין (די יודין זענען גיוואָרין) אַזוי ווי אַלייב אין וואַלד דיא האָט גיגעבין (ווי האָט געשריגען) אויף מיר מיט איר קול דריבער האָב איך איר פיינד. וואס מיינט מען זי הָט גיגעבין אויף מיר מיט איר קול. האָט מר זוטרא בר טוביה גזאָגט פון רבס וועגין. אונ אַנדערע זאָגין רבי חמא הָט גזאָגט פון רבי אלעזרס וועגין. דאס מיינט מען אַחזן ווס ער איז אַרשע אונ ער שטעלט זיך פאר דעם עמוד דאַווענען. הָט גאָט פיינט צו הערין זיין קול. אונ ווען דער פרומער חזן לאָזט אוים אין אַתענית די ברכה. זאָגט ער מי שענה. אונ דער גבאי פון שוהל זאָגט צו זיי איר כהנים וואס איר זענט די קינדער פון אהרן בלאָזט אַתרועה. אונ אַזוי זאָגט דער גבאי צו יעדער ברכה. ביי איין ברכה הייסט ער בלאָזין אַתקיעה אונ ביי איין ברכה הייסט ער בלאָזין אַתרועה. אויף די ערשטע ברכה זאָגט דער חזן מי שענה את אברהם. מיר האָבין גילערנט אַנדערע זאָגין ווען ער זאָגט מי שענה את אליהו. זאָל ער אוים לאָזין שומע צעקה. אונ ווען ער זאָגט מי שענה את שמואל. זאָל ער אוים לאָזין שומע תפלה. אויף די זיבעטע ברכה זאָל ער זאָגין מי שענה את דוד. פרעגט די גמרא יונה איז דאָך גיוועזען נאָך דוד אונ שלמה. פאר וואס זאָגט מען פריער מי שענה ליונה. דער נאָך זאָגט מען מי שענה לדוד ושלמה. ענטפערט די גמרא ווייל ער וויל אוים לאָזין ברוך מרחם על הארץ. אונ

דוד

מרחם על הא"ץ. רבי אומר אומר אני כהן אסור לשתות יין לעולם אבל מה אעשה שתקנתו קלקלתו] :

ד ת"ר מלך מסתפר בכל יום כהן גדול מע"ש לע"ש כהן הדיוט אחד לשלשים יום. מלך מסתפר בכל יום מ"ט אמר רבי אבא בר יבדא אמר קרא (ישעיה לג) מלך ביפיו תחזינה עיניך. כה"ג מערב שבת לערב שבת מ"ט אמר רב שמואל בר יצחק הואיל ומשמרות מתחדשות. כהן הדיוט אחד לל' יום מנא לן אתיא פרע פרע מנזיר כתיב הכא (יחזקאל מד) וראשם לא יגלחו ופרע לא ישלחו וכתיב התם (במדבר ו) קדוש יהיה גדל פרע וכו' :

כך אסור כו'. כלומר אי חיישינן לשמא יבנה יהא אסור לעולם אפי' המליך משמרתו וכו': אבל מה אעשה שתקנתו קלקלתו. דהוי כמה שנים שלא חזרה בירה וקלקלה זו תקנתי לשתות יין בשביל ולשמא יבנה לא חיישינן]:

מסתפר בכל יום. מגלח: מע"ש לע"ש. ולא יפסם מלגלח יותר: ומשמרות מתחדשות. בכל שבת ומשמרת שלא ראהו עד עכשיו וכא לראותו הדבר נאה שיראהו ביופיו:

ספינו בלילה. לשון צעקה: אי שמים. גרסי' כלומר אתה ה' להקב"ה היו צועקים על אותם שגזרו עליהם גזירות קשות והיו אומרים להם לנפי

(דף יח) ה תניא בעשרים ותמניא ביה אתא בשורתא טבתא ליהודאי דלא יעידון מן אורייתא שפעם אחת נגזרה גזרה על ישראל שלא יעסקו בתורה ושלא ימולו את בניהם ושיחללו שבתות מה עשה (יהושע) [יהודה] בן שמוע וחבריו הלכו ונטלו עצה כמטרוניתא אחת שכל גדולי העיר מצויין אצלה אמרה להם בואו והפגינו בלילה עמדו והפגינו בלילה ואמרו אי שמים לא אחיכם אנחנו לא בני אב אחד אנחנו

---

דוד אונ שלמה האבין גיבעטין פאר ארץ ישראל. רבי זאגט. איך זאג אבהן פאר קיין מאהל ניט טרינקען קיין וויין. טאמער וועט היינט גיבאהט ווערין דער בית המקדש. אבער וואס זאל איך טאהן ווייל עס איז שוין אזוי אלאנגע צייט אונ דער בית המקדש איז נאך ניט גיבאהט גיווארין דריבער מעג ער טרינקען וויין :

ד תנו רבנן. די רבנן האבין גילערונט עס איז אמצוה אז אמלך זאל שערין זיינע האר אלע ערב שבת. אונ אפראסטער כהן זאל שערין זיינע האר איין מאהל אין דרייסיג טאג; פאר וואס דארף אמלך שערין זיינע האר אלע טאג. האט רבי אבא בר זבדא גיזאגט ווייל עס שטייט אין פסוק דעם מלך מיט זיין שיינקייט וועלין זעהן דיינע אויגין. דארף אמלך זיין שיין. פאר וואס דארף דער כהן גדול שערין זיינע האר אלע ערב שבת. האט רבי שמואל בר יצחק גיזאגט. ווייל אלע שבת קומען אנדערע כהנים אין בית המקדש מקריב צו זיין קרבנות די גאנצע וואך; אונ די כהנים וואס האבען נאך קיין מאהל ניט גיזעהן דעם כהן גדול. אונ זייא זעהן איהם איצט דאס ערשטע מאהל. דארף דער כהן גדול שיין אויס זעהן פאר זיי. אונ דיא האר זיינע זאל זיין אפ גישאהרין. פון וואנען ווייסען מיר אז אפראסטער כהן דארף שערין זיינע האר איין מאהל אין דרייסיג טעג. מיר לערנען אגזרה שוה פרע פרע פון אנזיר. דא ביי די כהנים שטייט ופרע לא ישלחו. זיי לאזען ניט וואקסען די האר. אונ דארט ביי אנזיר שטייט גדל פרע. ער זאל לאזין וואקסען די האר. אזוי ווי אנזיר דארף לאזין וואקסען די האר ביז דרייסיג טעג ווארום סתם נזיר איז אויף דרייסיג טעגו. איז דאך די האר וואס וואקסט ביז דרייסיג טעג הייסט פרע. אז ביי די כהנים שטייט פרע לא ישלחו מיינט מען אז די האר הייסט שוין פרע. זיי האבין שוין גיוואקסען דרייסיג טאג. טאר מען זייא שוין ניט לאזין לענגער וואקסען. נאר מען מוז זיי אפ שערין :

ה תניא. מיר האבען גילערונט דעם אכט אונ צוואנציגסטען טאג אין אדר איז גיקומען אגוטע בשורה צו די יודען זייא זאלין נישט אפ גיטאהן ווערין פון די תורה. ווארום אמאהל האט מען גוזר גיווען אגזירה אויף די יודען זיי זאלין ניט לערנען די תורה. אונ זיי זאלין ניט מל זיין זייערע קינדער. אונ זייא זאלין מחלל שבת זיין. וואס האט גיטאהן יהודה בן שמוע מיט זיינע חברים. זיי זענען גיגאנגען צו אגרעפין וואס די גרעסטע מענטשין פון שטאט קומען אריין צו איהר. אונ זייא האבען גיפרעגט ביי איהר אעצה. האט זיא גיזאגט צו זייא גייט ביי נאכט אונ שרייט. זענען זיי אויף גישטאנען ביי נאכט אונ זענען גיגאנגען אין די גאסין אונ האבען געשריגען

אנחנו לא בני אם אחת אנחנו מה נשתנינו מכל אומה ולשון שאתם גוזרין עלינו גזירות קשות ובטלום ואותו היום עשאוהו יום טוב . (ע"ב) [ר"ג גזר תעניתא בתריסר אמרו ליה רבנן יום טוריינוס הוא אמר להו יום טוריינוס גופיה בטולי בטליה הואיל ונהרגו בו שמעיה ואחיה אחיו] . תניא ניקנור אחד מאפרכי יוונים היה ובכל יום ויום היה מניף ידו על יהודה וירושלים ואומר אימתי תפול בידי ואעשה בה מה שלבי חפץ וכשגברו בית חשמונאי ונצחום (נכנסו חיילות שלו ו) קצצו בהונות ידיו ורגליו ותלאום בשערי ירושלים ואמרו פה שהיה מדבר בגאות ידים שהיו מניפות על יהודה וירושלים (ורגלים שהיה מחשב בהם) תעשה בהם נקמו זו . מאי טוריינוס אמרו (כשהרג) [כשבקש] טוריינוס (להרוג) את לוליאנוס ואת פפוס אחיו בלודקיא אמר להם אם מעמו של חנניה מישאל ועזריה אתם יבא אלהיכם ויצילכם מידי כדרך שהציל לחנניה מישאל ועזריה מיד נבוכדנצר אמרו לו חנניה מישאל ועזריה צדיקים גמורים היו וראוין ליעשות להם נס ונבוכדנצר מלך הגון היה וראוי לעשות נס על ידו ואותו רשע הדיוט הוא ואינו ראוי לעשות נס על ידו ואנחנו נתחייבנו הריגה למקום ואם אין אתה

בקב"ה וכי לא אחיכם וכו' : [שמעיה ואחיה . חסידים היו ולא פי' מי הם דאותו שאכלו אחרים עידו היה ולא שמעיה] : אפרכי . דוכ"ס (ולוליאנוס ופפוס אחיו . לדיקים גמורים היו : מלודקיא . או היא לוד והיינו דאמרי' בעלמא הרוגי לוד אין כל בריה יכולה לעמוד במחיצתן [בג"ע] . י"א שנהרגו ע"י בתו של מלך שנמצאת הרוגה ואמרו היהודים הרגוה וגזרו גזירה על שונאיהם של ישראל ועמדו אלו ופדו את ישראל ואמרו אנו הרגנוה והרג אלו בלבד : נתחייבנו הריגה . על

---

געשריגען אי שמים . זענען מיר דען נים איערע ברידער . זענען מיר דען ניט אלע פון איין פאטער . זענען מיר דען ניט אלע פון איין מוטער . פאר וואס זענען מיר געענדערט געווארין פון אלע פעלקער וואס איהר זענט גוזר אויף אונז אזעלכע שווערע גזרות . האט מען מבטל געוועזן די גזרות . אונ דעם טאג וואס מען גימאכט יום טוב . רבן גמליאל האט אמאהל גוזר געוועזן מען זאל פאסטין דעם צוועלפטין טאג אין אדר . האבען די רבנן גיזאגט צו רבן גמליאל . דער צוועלפטער טאג אין אדר איז דאך איום טוב פון טוריינוס . האט רבן גמליאל גיזאגט צו דיא רבנן דעם יום טוב טוריינוס האט מען שוין מבטל גיוועזן . ווייל דעם טאג איז גיהרגת געווארין שמעיה מיט זיין ברודער אחיה ׃

תניא . מיר האבען גילערונט ניקנור איז גיוועזן איינער פון די גריכישע גענעראלין . אלע טאג פלעגט ניקנור אויף הייבין זיין האנט אויף יהודה אונ ירושלים . אונ ער האט גיזאגט ווען וועט שוין יהודה מיט ירושלים פאלין אין מיין האנט איך זאל מיט זיי טאהן וואס מיין הארץ גלוסט . אז די חשמונאים האבען זיך גישטארקט אונ האבען איין גינומען די גריכישע זעלנער . זענען די חשמונאים אריין גיקומען אין דעם היל פון ניקנור . אונ זיי האבין אפ גיהאקט די גראבע פינגער פון זיינע הענט אונ פון זיינע פיס . אונ זיי האבען דאס אויף גיהאנגען אויף די טויערין פון ירושלים . אונ זיי האבין גיזאגט די מויל וואס האט גירעט מיט גרויסקייט אונ די הענט וואס האבען אויף גיהויבין אויף יהודה אונ ירושלים . זאל מיט זיי גיטאהן ווערין אזוי אנקמה . זאגט די גמרא וואס איז גיוועזן מיט טוריינוס ער הט גיוואלט הרגנן דעם לוליאנוס אונ זיין ברודער פפוס אין דיא שטאט לודקיא . ווארום די טאכטער פון מלך איז גיפונען געווארין אגיהרגתה . האט מען גיזאגט אז די יודען האבען איהר גיהרגת . האט מען גיוואלט הרגנן דיא יודען . איז גיקומען לוליאנוס אונ זיין ברודער פפוס אונ זיי האבען גיזאגט צום מלך מיר האבען גיהרגת דיין טאכטער . ווייל זייא האבען גיוואלט מציל זיין די יודען . האט טוריינוס גיזאגט צו לוליאנוס אונ פפוס אויב איהר זענט פון דיא פאלק פון חנניה מישאל ועזריה זאל קומען אייער גאט אונ זאל אייך רעטין פון מיין האנט אזוי וויא ער האט גירעטעט חנניה מישאל ועזריה פון דיא האנט פון נבוכדנצר . האבען זייא גיזאגט צו טוריינוס חנניה מישאל ועזריה זענען גיוועזן אמתה צדיקים . אונ זייא זענען ווערט גיוועזן מען זאל זיי טאהן אנס . אונ נבוכדנצר איז גיוועזן אריכטיגער מלך . איז ער ווערט גיוועזן אז דורך איהם זאל גיטאהן ווערין אנס . אבער דו רשע ביזט אפראסטער מענטש אונ

אתה הורגנו הרבה הורגים יש ביד המקום הרבה דובים יש הרבה אריות יש הרבה נמרים יש שפוגעין בנו ולא מסרנו הקב"ה בידך אלא שעתיד ליפרע דמינו מידך אעפ"כ הרגם מיד. אמרו לא זזו משם עד שבאת דיופלי מרומי ופצעו את מוחו בגיזרין:

הטה של חייבי מיתות ב"ד: דיופלי. שני שרים ולשון יוני הוא וכן בדיופלי של מלכים לשון שרים: בגיזרין. מקלות כמו שני גזרי עצים ע"כ: לעריהם. בה"י: באשקלון. בארץ פלשתים: על שאכלו זאבים. שהיה תיה רעה ומכה מהלכת היא: שנראו. וכאו בעיר: מתריעין בעניא: המטרפת. מלשון טרף אכלת ומלשון טלטול פרופה וכו':

## סדר תעניות אלו פרק שלישי

(דף יט) א מעשה שירדו זקנים מירושלים לעריהם וגזרו תענית על שנראה כמלא פי תנור שדפון באשקלון ועוד גזרו תענית על שאכלו זאבים ב' תינוקות בעבר הירדן ר' יוסי אומר לא על שאכלו אלא על שנראו. על אלו מתריעין בשבת על עיר שהקיפוה נכרים או נהר ועל הספינה המיטרפת בים רבי יוסי אומר לעזרה ולא לצעקה שמעון התימני אומר אף על הדבר ולא הודו לו חכמים:

ב וכן שפסקו גשמים בין גשם לגשם ארבעים יום מתריעין עליהן מפני שהוא מכת בצורת. מאי מכת בצורת (ע"ב) אמר רבי חנינא סאה בסלע ושכיחא בצורתא ארבעה

---

דוא ביזט ניט ווערט אז דורך דיר זאל גיטאהן ווערין אנם. אונ מיר זענען פאר שולדיגט גיוואָרין צו גאט מיר זאלין גיהרגת ווערין · אונ אויב דוא וועסט אונז ניט הרגנן האט גאט פיל זאכין וואס קענען אונז הרגנן. ער האט פיל בערין. אונ פיל לייבין. אונ פיל לעמפערטין. וואס קענען אונז הרגנן. נאר פאר וואס האט גאט אונז גיגעבין אין דיין האנט דוא זאלסט אונז הרגנן ; ווייל גאט וויל אפ גיצאהלט ווערין אונזער בלוט פון דיר · פון דעסטוועגין האט טורייגוס זייא באלד גיהרגת · מען זאגט אז טורייגוס איז נאך ניט אוועק גיגאנגען פון אָרט. זענען באלד גיקומען צוויי שרים פון רוים אונ האבען צו שפאלטין זיין מוח מיט שטעקינס:

## פרק שלישי

א מעשה · עס האט אמאהל גיטראפען אז די אלטע לייט זענען גיגאנגען פון ירושלים אין זייערע שטעט וואס אין ארץ ישראל · אין וועג האבין זיי גיזעהן אז אין די שטאט אשקלון איז אוים גיקלאפט גיוואָרין פון ווינט אביסול תבואה אז מען וואלט דיא ביסול תבואה גימאלען אונ מען וואלט גימאכט פון דעם ביסול מעהל ברויט וואלט דער ברויט נאר גרויס גיוועז ווי די טויל פון הויבין · האבען די אלטע לייט גיהייסען פאסטען אויף די צרה. נאך האט גיטראפען וועלף האבען אויף גיגעסין צוויי קינדער אויף דער זייט ירדן ; האט מען גיהייסען פאסטען · רבי יוסי זאגט די וועלף האבען ניט גיגעסין קיין קינדער. נאר די וועלף זענען גיזעהן גיוואָרין אין שטאט ; האט מען גיהייסין פאסטין · זאגט דיא גמרא אויף די זאכען בלאזט מען שופר אפילו אום שבת ; אז גוים האבין ארום גערינגולט ובעלאגערט א שטאט · אדער א טייך הט פאר פלייצט ביז צום שטאט. אדער א שיף וואס הייבט אן צוא טריינקען אין ים · רבי יוסי זאגט מען מעג בלאזין שופר אויף דיא דרייא זאכען אום שבת אז מענטשין זאלען העלפין אונ זאלען קומען העלפין. אבער שרייען מיט שופר בלאזין צוא גאט אום שבת טאר מען ניט . שמעון התימני זאגט אויף א מגפה מעג מען אויך שופר בלאזען אום שבת • אונ דיא חכמים האבען ניט מודה גיוועזן צוא איהם אויף דער זאך :

ב וכן : אונ אויב עס איז גינאנגען רעגין. דער נאך הט פערציג טעג ניט גירעגינט. שרייט מען צו גאט מיט שופר בלאזין אונ מען בעט אדער עס זאל באלד גיין רעגין אדער עס אדער עס זאל שוין נאר ניט גיין קיין רעגין נאך עטליכע טעג · ווארום אז דער רעגין

וועט

ארבעה ולא שכיחא כפנא אמר רבי יוחנן לא שנו אלא בזמן שהמעות בזול ופירות ביוקר אבל מעות ביוקר ופירות בזול מתריעין עליה מיד דאמר רבי יוחנן נהירנא כד הוו קיימי ד' סאין בסלע והוו נפישי נפיחי כפן בטבריא מדלית איסר. תניא אמר רבי אלעזר בן פרטא מיום שחרב בית המקדש נעשו גשמים צימוקין לעולם יש שנה שגשמיה מרובין ויש שנה שגשמיה מועטין וכו' שנה שגשמיה מרובין למה"ד לעבד שנתן לו רבו פרנסתו בבת אחת נמצא ריחים טוחנות מן הכור מה שטוחנות מן הקב ונמצאת עיסה אוכלת מן הכור כמו אוכלת מן הקב:

כפנא. רעב ורעב קשה מתלוות לפי שאין להביא כאופי: מעות ביוקר. אין מעות מצויות להן: נהירנא. אני זוכר: מדליה איסר. מאין מעות: צימוקין. שיורדין בקושי מלבון ושדים צומקים: פרנסתו בב"א. פרנסה כל השנה ונותן אותה ביחד: נמצא ריחים טוחנות וכו'. שכן דרך בעה"ב מן הקמח בריחיים וכן כשהגשמים יורדין מרובין ומרביעין את הארץ ומה שהיו עושים מן המעוט ומה שסרות מכמה וכולנו מן הכור כולעה מן המיעוט:

תנו

---

ווען אויף ניהאלטען ווערין נאך עטליכע טעג דער נאך ווען אן הייבין גיין רעגין ווען זיין אבצורה. וואס איז דאס בצורת. האט רבי חנינא גזאגט אז אסאה ווייץ קאסט אטאלער נאר מען בעקומט צו קויפען. דאס הייסט בצורת (איקרות) אבער אז אסאה ווייץ קאסט פיר טאלער. אונ מען בעקומט ניט צו קויפען. דאס הייסט אהונגער. רבי יוחנן זאגט דס איז נאר גילערונט גיווארין אז געלט איז וואלוויל (מען פארדינט) אונ תבואה איז טייער. אבער אז געלט איז טייער (מען פארדינט ניט) אונ תבואה איז וואלוויל. שרייט מען באלד צו גאט מיט שופר בלאזין: ווארום רבי יוחנן הט גזאגט איך גידיינק עס איז אמאהל גיוועז תבואת וואלוויל אז מען הט פאר קויפט פיר סאה ווייץ פאר איין טאלער. פון דעסטוועגין איז גיוועז אין טבריא פיל מענטשין וואס זענען גיוועז גישוואלין פאר הונגער ווייל זיי האבען ניט גיהאט קיין געלט מיט וואס צו קויפען עסין מיר האבען גילערונט רבי אלעזר בן פרטא הט גזאגט פון דעם טאג ווען דער בית המקדש איז חרוב גיווארין איז דער רעגין איינגעטריקנט גיווארין. עס רעגינט ניט אלע יאהר גלייך. איאהר רעגינט פיל. אונ איאהר רעגינט ווייניג. דער יאהר וואס אין איהם רעגינט פיל צו וואס איז ער גלייך. צו אקנעכט וואס דער בעל הבית הט איהם גיגעבין זיין פרנסה מיט איין מאהל אויף אלאנגע צייט. אונ ער שיט אריין אין די מיהל אכור ווייץ מיט איין מאהל. ווערט איהם פארלארין מעהל אין דיא מיהל פון אגאנצין כור אזוי ווי עס ווערט פארלארין פון איין קב. ווארום פון די ווייץ וואס עס ווערט גימאלען מוז בלייבען אביסול מעהל אין די מיהל צווישען די שטיינער ווס מען קען זיי ניט ארויס נעמען. דמשל אהאלבע קווארט מעהל מוז בלייבען אין די מיהל פון אקב מעהל. אונ אז מען מאלט הונדערט קבין יעדער קב בזונדער. בלייבט אין די מיהל פופציג קווארט מעהל אונ אז מען מאלט אכור מעהל מיט איין מאהל (אכור איז דרייסיג סאה אונ אסאה איז זעקס קבין) בלייבט אויך אין דיא מיהל נאר איין האלבע קווארט מעהל. פאר דינט דאך דער קנעכט. אז דער בעל הבית וואלט איהם גיגעבין זיינע ווייץ ביסלאכווייז אונ ער וואלט ביסלאכווייז גימאלין. וואלט ער פון יעדער קב ווייץ בזונדער שאדין גיהאט אביסול מעהל. אזוי אז ער מאלט אגאנצין כור ווייץ מיט איין מאהל. האט ער אויך נאר שאדין די איינגענע ביסול מעהל וואס ער וואלט שאדין גיהאט פון איין קב. אונ ביי די טייג איז אויך אזוי. אז מען קנעט טייג אין אמולטער קלעבט זיך אן שטיקלאך טייג אין די מולטער. אונ אז מען קנעט אקליינע שטיקול טייג פון אקב מעהל בלייבט קלעבין אויף דיא מולטער דיא זעלביגע שטיקול טייג וואס עס בלייבט קלעבין פון אגרויסע שטיק טייג פון אכור מעהל. אונ אז דער קנעכט וואלט גיקנעטין צעהען מיינן. יעדער טייג פון אקב מעהל. צעהן מאהל אין די מולטער. וואלט איהם גיפעלט צעהן שטיקלאך טייג. היינט אז דער בעל הבית האט איהם גיגעבין די גאנצע טייג אין איין מאהל. קנעט ער אגרויסע שטיק טייג מיט איין מאהל פעלט איהם נאר איין שטיקול טייג. פאר

דינט

תניא פעם אחת עלו כל ישראל לרגל לירושלים ולא היה להם מים לשתות הלך נקדימון בן גוריון אצל הגמון אחד שהיה שם א"ל הלויני שתים עשרה מעינות מים לעולי רגלים ואני אתן לך שתים עשרה מעינות מים ואם לאו הריני נותן לך שתים עשרה ככרי כסף וקבע לו זמן כיון שהגיע זמנו ולא ירדו גשמים בשחרית שלח לו שגר לי או מים או מעות שלח לו עדיין יש לי שהות ביום וכן בצהרים וכן במנחה שלח לו שגר לי או מים או מעות שלח לו עדיין יש לי שהות ביום לגלג עליו אותו הגמון אמר אפשר כל השנה כלה לא ירדו גשמים (דף כ) ועכשיו ירדו גשמים מיד נכנס לבית המרחץ בשמחה (ובעוד שאותו הגמון) [עד שאותו הגמון נכנס בשמחתו] בבית המרחץ נכנס נקדימון בן גוריון לבית המקדש [כשהוא עצב] ונתעטף ועמד בתפלה ואמר לפניו רבונו של עולם גלוי וידוע לפניך שלא לכבודי עשיתי ולא לכבוד בית אבא עשיתי אלא לכבודך עשיתי כדי שיהו מים מצויין לעולי רגלים מיד עלו עבים וירדו להם גשמים עד שהיו מלאות כל המעיינות והותירו יצא אותו הגמון מן המרחץ ונקדימון בן

ואני הי' לך י"ב מעיינות מים. כלומר שירדו גשמים ויתמלאו כל המעיינות מים הרבה מעיינות לא היו נוטלין מ'מיכר כ"ב ולא חשתלחין מהליך כל כך כשמר מעיינות: ועכשיו ירדו

---

רינט ער דאך. אונ דא ביי דעם רעגין איז אויך אזוי. אז עס גייט רעגין ביסלאכווייז. יעדער טאג אביסול. פעלט פון יעדער רעגין אביסול. די וואסער וואס עס ווערט איין גיזאפט אין דיא הארטע ערד וואס פון איהר וואקסט גאר ניט. אונ אז עס גייט רעגין פינף טעג יעדער טאג אביסול. פעלט פינף ביסלאך וואסער. ווארום פון איין טאג ביז צום אנדערין טאג איז די הארטע ערד אפ געטריקונט גיווארין. זאפט דיא אויף מארגין נאך אמאהל איין. אונ אז דער רעגין וואלט גיגאנגען מיט איין מאהל אין איין טאג. וואלט נאר גיפעלט איין ביסול רעגין. ווארום אז די הארטע ערד וואלט איין גיזאפט גיווארין מיט דעם ערשטין ביסול וואסער וואלט זיא שוין מער ניט גיזאפט קיין וואסער דעם גאנצין טאג:

ג תנו רבנן. די רבנן האבין גילערנט אמאהל זענען אלע יודען גיקומען אין ירושלים אויף יום טוב. האבען זייא ניט גיהאט קיין וואסער צום טרינקען. איז גיגאנגען נקדימון בן גוריון צו אשרה וואס איז דארט גיוועזן. אונ ער האט גיזאגט צום שרה בארג מיר צוועלף קוואלין וואסער פאר די יודען וואס זענען גיקומען אויף יום טוב. אונ איך וועל דיר אפ געבין אנדערע צוועלף קוואלין וואסער. עס וועט גיין רעגין וועלין דיא צוועלף קוואלין צו ריק פול ווערין. אונ אויב עס וועט ניט גיין רעגין וועל איך דיר געבין צוועלף צענטנער זילבער: אונ מען האט אויס גיזעצט אצייט ביז וויא לאנג דער שרה זאל ווארטין אויף דעם רעגין. וויא עס איז גיקומען די צייט אונ עס איז ניט גיוועזן קיין רעגין. אין דער פריא האט דער שרה געשיקט צו נקדימון שיק מיר אדער וואסער אדער געלט. האט נקדימון געשיקט זאגין צום שרה איך האב נאך צייט אין טאג. האלבין טאג האט דער שרה נאך אמאהל געשיקט צו נקדימון שיק מיר וואסער אדער געלט. צו מנחה האט דער שרה נאך אמאהל געשיקט צו נקדימון שיק מיר וואסער אדער געלט. האט נקדימון געשיקט זאגין צום שרה איך האב נאך צייט אין טאג. האט דער שרה גילאכט פון נקדימון. אונ האט גיזאגט איז דאס מעגליך אגאנץ יאהר האט ניט גירעגינט. אונ איצט וועט רעגנען. דער וויל איז דער שרה גיגאנגען פריילאך אין באד. אונ אין דער צייט ווען דער שרה איז גיגאנגען פריילאך אין באד. איז גיגאנגען נקדימון בן גוריון אין בית המקדש טרויעריג. אונ ער האט זיך גישטעלט כתפלה זיין אונ ער האט גיזאגט פאר נאט רבונו של עולם דוא ווייסט דאך אז איך האב דאס ניט גיטאהן פון מיין כבוד וועגין. אונ ניט פאר מיין פאטערס כבוד וועגין. נאר פון דיין כבוד וועגין האב איך דאס גיטאהן. די יודען וואס זענען גיקומען אויף יום טוב אין ירושלים זאלען האבין וואסער צום טרינקען. זענען באלד אויף גיגאנגען וואלקינס אונ עס איז גיגאנגען רעגין ביז

אלע

נטפים. כתפים: נקדה. זהכה לשון מקדיר שהיתה מקדרת רקיע וזורחת:

ג"ג. נקדימון בן גוריון הא דאמרן: אחיא אחל אחל. כתיב במלחמות יהושע אחל וכתיב במלחמת משה אחל מה יהושע עמדה לו חמה במלחמתו (כדכתיב בהדיא) אף משה וכו' שכן

בן גוריון יצא מבית המקדש כשפגעו זה בזה א"ל תן לי דמי מים יותר שיש לי בידך א"ל יודע אני שאלהיך לא הרעיש את העולם אלא בשבילך אלא עדיין יש לי פתחון פה עליך שאוציא ממך מעותי שכבר שקעה חמה ומים ברשותי ירדו חזר ונכנס נקדימון בן גוריון לבית המקדש ונתעטף ועמד בתפלה אמר לפניו רבונו של עולם הודע שיש לך אהובים בעולמך חכשם שעשית לי נס בראשונה כן עשה לי נס באחרונה) מיד נשבה הרוח ונתפזרו העבים חרחה חמה אמר אותו הגמון אלמלא (שנקדה) [שנקדרה] חמה היה לי פתחון פה עליך שאוציא ממך את מעותי, תנא לא נקדימון שמו אלא בוני שמו ולמה נקרא שמו נקדימון (שנקדה) [שנקדרה] חמה בעבורו:

**ת"ר** רבנן שלשה נקדה להם חמה ואלו הן משה ויהושע ונקדימון בן גוריון. נקדימון בן גוריון הא דאמרן (ויש גירסא אחרת בשלמא נקדימון בן גוריון גמ' יהושע נמי קרא דכתיב וכו'). יהושע דכתיב (יהושע י) וידום השמש וירח עמד אלא משה מנ"ל אר"א אתיא אחל אחל כתיב הכא (דברים ב) אחל תת פחדך וכתיב התם (יהושע ג) אחל גדלך אמר

---

אלע צוועלף קוואלין זענען פול געווארין מיט וואסער. אונ עס איז נאך מער רעגין געגאנגען. אז נאך מעהר קוואלין ווייא די צוועלף זענען אויך פול געווארין מיט וואסער. דער שררה איז ארוים געגאנגען פון באד. אונ נקדימון בן גוריון איז ארוים געגאנגען פון בית המקדש. האבין זיי באגעגינט איינער דעם אנדערין. האט נקדימון געזאגט צום שררה בעצאהל מיר פאר דעם רעגין וואס איז געגאנגען מעהר וויא די צוועלף קוואלין דאס קומט מיר ביי דיר. האט דער שררה געזאגט צו נקדימון. איך ווייס אז גאט האט געמאכט שטורעמען דיא וועלט מיט דעם רעגין נאר פון דיינעטוועגין. נאר פון דעסטוועגין קען איך נאך עפעגען די מויל געגין דיר אונ זאגין אז דוא מוזט מיר בעצאהלין דיא צוועלף צענטנער זילבער. ווארום דיא זוהן איז אונטער געגאנגען איידער עס האט אנגיהויבין צו רעגנען. איז די וואסער געקומען אין מיין צייט. איז נקדימון נאך אמאהל אריין געגאנגען אין בית המקדש אונ האט זיך געשטעלט מתפלל זיין. אונ ער האט געזאגט פאר גאט רבונו של עולם מאך וויסען אז דוא האסט אויף דער וועלט מענטשין וואס דוא האסט זיי ליב. אונ אזוי וויא דוא האסט מיר געטאהן פריער אנס. טוה מיר איצט נאך אמאהל אנס. האט באלד אבלאז געטאהן אווינט אונ די וואלקינס זענען אוועק געגאנגען אונ דיא זוהן האט געשיינט: האט דער שררה געזאגט צו נקדימון ווען די זוהן וואלט ניט אויף געשיינט וואלט איך געקענט עפענען אמויל געגין דיר איך זאל ביי דיר אפ נעמען מיין געלט. מיר האבען געלערנט זיין נאמען איז ניט געוועזן נקדימון. נאר בוני איז געוועזן זיין נאמען. פאר וואס האט מען אידם גירופען נקדימון. ווייל די זוהן האט געשיינט פון זיינעטוועגין:

**ת**נו רבנן. די רבנן האבין געלערנט דריי מענטשין זענען געוועזן וואס דיא זוהן הט געשיינט פון זייערט וועגין. דאס זענען זייא. משה רבינו: יהושע בן נון. אונ נקדימון בן גוריון. נקדימון בן גוריון הט מען שוין פריער גזאגט. יהושע. שטייט אין פסוק די זוהן איז שטיל געווארין אונ די לבנה איז געבליבען שטיין. אונ דיא זוהן הט געשיינט אגאנצין מעת לעת. נאר פון וואנען ווייסען מיר אז די זוהן האט געשיינט פון משהס וועגין. האט רבי אלעזר גזאגט איך לערין אגזרה שוה אחל אחל. דא ביי דער מלחמה פון משה שטייט אחל תת פחדך ואיך וועל אן הייבין געבין דיין מורא. אונ דארט ביי די מלחמה פון יהושע שטייט אחל גדלך ואיך וועל אן הייבען דיך גרויס צו מאכען) אזוי ווי ביי דיא מלחמה פון יהושע הט געשיינט די זוהן פון זייגעט וועגין. אזוי ביי די מלחמה פון משה הט אויך געשיינט די זוהן

**אמר ר' שמואל** בר נחמני אמר רבי יונתן אתיא תת תת כתיב הכא אחל תת פחדך וכתיב התם (שם י) ביום תת ה' את האמורי וגו' רבי יוחנן אמר אתיא מגופיה דקרא (דברים ב) אשר ישמעון שמעך ורגזו וחלו מפניך איםתי ורגזו וחלו מפניך בשעה שעמדה לו חמה למשה :

(איכה א) **היתה** ירושלים לנדה ביניהם אמר רב יהודה [אמר רב] לברכה כנדה מה נדה יש לה היתר אף ירושלים יש לה תקנה . (שם) היתה כאלמנה אמר רב יהודה לברכה כאלמנה ולא אלמנה ממש אלא כאשה שהלך בעלה למדינת הים ודעתו לחזור אליה . מלאכי ב) וגם אני נתתי אתכם נבזים ושפלים אמר רב יהודה לברכה דלא מוקמי מינה לא ריש נהרי ולא גזיריפטי . (מ"א יד) והכה ה' את ישראל כאשר ינוד הקנה במים אמר רב יהודה אמר רב לברכה דא"ר שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן מ"ד (משלי כז) נאמנים פצעי אוהב נעתרות נשיקות שונא טובה קללה שקלל אחיה השלוני את ישראל יותר מברכה שברכן בלעם הרשע . אחיה השלוני קללן בקנה אמר להן לישראל והכה ה' את ישראל כאשר ינוד הקנה מה קנה

זה

דרך הכתובים ילמד סתום מן המפורש כדמו כמו מדמה להבירו וג"ש אחד מי"ג מדות שהתורה נדרשת בהם : ולא אלמנה גמורה . דהא לא כתיב אלמנה אלא היתה כאלמנה כאשה שעומדת כאלמנות חיות על בעלה שהלך ועתיד לחזור : דלא מוקמי מינן ריש נהרי . מושלין : גזיריפטי . פרדיוסין בזיון : ונעתרות נשיקות שונא . נעתרות לשון הפך כדאמרינן במסכת סוכה (ויעתר לו) מה עתר זה מהפך את התבואה פורק"א בלע"ז : א"נ נעתרות לשון ריבוי ויתור אינקרים"ש בלע"ז כמו העתרתם

פון זיינעט וועגין . רבי שמואל בר נחמני הט גזאגט פון רבי יונתן וועגין איך לערין אגזרה שוה תת תת . דא ביי די מלחמה פון משה שטייט אחל תת פחדך . אונ דארט ביי דיא מלחמה פון יהושע שטייט ביום תת יי' את האמורי אזוי ווי ביי די מלחמה פון יהושע הט גישיינט די זוהן פון זיינעטוועגין . אזוי ביי די מלחמה פון משה הט אויך גישיינט די זוהן פון זיינעטוועגין רבי יוחנן זאגט פון פסוק אליין קענען מיר אפ לערנען אז די זוהן הט גישיינט פון משהס וועגין . עס שטייט אין פסוק גאט הט גזאגט צו משה מען וועט הערין דיין הערונג וועט מען ציטערין פאר דיר . ווען הט מען געציטערט פאר משה . ווען די זוהן האט גישיינט פון משהס וועגין :

**ה** היתה . אין פסוק שטייט ירושלים איז גיווארין אזוי ווי אנדה צווישען זיי . רב יהודה הט גזאגט פון רבס וועגין דס איז אברכה . אזוי ווי אנדה ווערט מותר צום מאן . אזוי ירושלים וועט אמאהל צוריק גאנט ווערין צו גאט . אין פסוק שטייט ירושלים איז גיווארין אזוי וויא אלמנה . הט רב יהודה גזאגט דאס איז אברכה . זי איז נאר אזוי ווי אאלמנה . אבער ניט קיין אלמנה . נאר אזוי ווי אאשה וואס דער מאן איז פון איר אוועק גיגאנגען אין אווייטע מדינה . אונ ער מיינט צוריק צו קומען צו איר : אזוי מיינט גאט ער זאל צוריק קומען צו ירושלים . אין פסוק שטייט גאט הט גזאגט אויף די יודען איך האב אייך גיגעבען איר זאלט זיין פאר שעמט אונ דער נידערט . הט רב יהודה גזאגט דס איז אברכה . ווען די גוים נישט מאכען פון אונז ניט קיין עלצטע איבער אטייך אפ צו נעמען בריק געלט . אונ ניט קיין עלצטע פון אשטאט . אין פסוק שטייט גאט וועט שלאגען די יודען אונ זיי וועלען זיך שאקלען אזוי וויא דער שטעקיל שאקלט זיך אין וואסער . הט רב יהודה גזאגט פון רבס וועגין דאס איז אברכה . ווארום רבי שמואל בר נחמני הט גזאגט פון רבי יונתנס וועגין ווס מיינט דער פסוק די וואונדען פון דעם גוטען פריינד זענען גיטריי . אונ די קושען פון דעם שונא זענען פיל ווס איז בעסער דער פאטש פון אגוטען פריינד ווי דער קוש פון אשונא . די קללה ווס אחיה השלוני האט גישאלטען די יודען איז בעסער ווי די ברכה וואס בלעם הרשע הט זיי גיבענשט . אחיה השלוני הט זיא גישאלטען מיט אשטעקיל . ער הט גזאגט צו די יודען גאט וועט שלאגען די יודען אונ זיי וועלען זיך שאקלען אזוי ווי אשטעקיל שאקלט זיך אין וואסער . אזוי ווי דער שטעקיל וואס שטייט אין וואסער . אז מען שנייט אפ פון איהם אשטיקיל וואקסט ער צוריק אויף . אונ דיא ווארצלען

זיינע

זה עומד במקום מים וגזעו מחליף ושרשיו מרובין ואפילו כל הרוחות שבעולם באות ונושבות בו אין מזיזין אותו ממקומו אלא הולך ובא עמהן דמטו הרוחות עמד הקנה במקומו וכך ישראל עומדין במים התורה אם הם גולין גזעיהן מחליפין ועוסקין בתורה ושרשיו מרובין ואפילו כל גליות שבר' רוחות השמים אין מזיזין אותן מכח התורה) אבל בלעם הרשע ברכן בארז שנאמר (במדבר כד) כארזים (עלי מים) מה ארז זה אינו עומד במקום מים ואין גזעו מחליף ואין שרשיו מרובין ואפילו כל הרוחות שבעולם נושבות בו אינו הולך ובא עמהן כיון שנשבה בו רוח דרומית עוקרתו והופכתו על פניו ולא עוד אלא שזכה קנה ליטול הימנו קולמוס לכתוב בו ספר תורה נביאים וכתובים :

ת תנו רבנן לעולם יהא אדם רך כקנה ולא יהא קשה כארז מעשה שבא רבי אלעזר ברבי שמעון ממגדול גדור מבית רבו והיה רוכב על חמור ומטייל על שפת הנהר ושמח שמחה גדולה והיתה דעתו גסה עליו מפני שלמד תורה הרבה (ע"ב) נזדמן לו אדם אחד שהיה מכוער ביותר אמר לו שלום עליך רבי ולא החזיר לו אמר לו ריקה כמה מכוער אותו האיש שמא כל בני עירך מכוערין כמותך אמר ליה איני יודע אלא לך ואמור לאומן

עלי דגריכם : כרכס בארז כארזים עלי מים ארז זה אינו עומד במקום מים וכו'. ואע"ג דכתיב בקרא כארזים עלי מים ההוא לאו בלעם קאמר ליה דבלעם אמר כארזים והמלאך השיבו עלי מים וכן כ לפי דבלעם קאמר כאהלים דזמנין מתייבשין וקאמר ליה המלאך נטיו דאין יבשין לעולם והיינו דכתיב ויהפוך ה' אלהיך לך את הקללה לברכה על ידי מלאך דהשיבו ע"י מלאך : אפי' כל הרוחות. פניס קנות : רוח דרומית. כיה קשה כד מרינן אלמלא בן נץ שמעמידה אין בריה יכולה לעמוד מפניה שנאמר המבינתך יאבר נץ יפרוש כנפיו לתימן :

ומטייל. לבמות : נזדמן לו אדם. יש ספרים שכתוב בהן אליהו ז"ל והוה נהכוין להוכיחו שלא ינהיג כדבר :

ביינע זענען פיל. אונ אפילו אלע ווינטען פון דער וועלט וועלען קומען אונ וועלען בלאזען אויף איהם וועלען זיי איהם ניט רירען פון ארט נאר ער גייט מיט דעם ווינט. אז די ווינטען ווערין שטיל בלייבט דער שטעקיל שטיין אויף זיין ארט. אזוי די יודען שטייען אויך אין וואסער. אין די תורה. אדכ זיי ווערין פאר טריבען פון די תורה. וואקסען זיי צוריק אויף אונ לערנען תורה. אונ זייערע ווארצלען זענען פיל. אלע פעלקער פון דער גאנצער וועלט וועלין קומען אוועק צו שטרסען די יודען פון די תורה. וועלען זיי ניט קענען. אבער בלעם דער רשע האט גיבענשט די יודען מיט אטענען בוים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אזוי וויא טענען בוימער. אזוי ווי דער טענען בוים שטייט ניט ביי וואסער. אונ אז מען האקט אפ פון איהם אשטיקול. וואקסט ער ניט אפ צוריק. אונ זיינע ווארצלען זענען ניט פיל. אונ אפילו אלע ווינטען פון דער וועלט וועלען בלאזען אין איהם וועט ער ניט מיט גיין מיט זיי. ער בייגט זיך ניט. אונ ווי דער דרום ווינט קומט אונ בלאזט אין איהם רייסט ער איהם אויס אונ קערט איהם אום מיט דעם ווארציל ארויף אונ מיט דעם שפיץ אויף די ערד. אונ נאך מער דער שטעקיל פון וואסער הט זוכה גיוועזן מען זאל מאכען פון איהם אפעדער צו שרייבען מיט אים אספר תורה אונ נביאים אונ כתובים :

ת תנו רבנן. די רבנן האבען גילערנט אמענטש זאל אייביג זיין ווייך ווי אשטעקיל. אונ ער זאל ניט זיין הארט אזוי ווי אטענען בוים. עס האט אמאהל גיטראפען רבי אלעזר ברבי שמעון איז גיקומען פון מגדול גדור פון זיין רבי. אונ ער האט גערייטען אויף אאייזיל שפאצירען ביי דעם ברעג טייך. אונ ער איז גיוועזן מיט גרויס שמחה. אונ ער איז ביי זיך גרויס גיוועזן. ווייל ער הט פיל תורה גילערנט. איז גיקומען פאר איהם אמענטש וואס ער איז גיוועזן שטארק מיאוס. הט דער מענטש גזאגט צו רבי אלעזר שלום אויף דיר רבי. האט רבי אלעזר אים ניט גיענפערט. דער נאך הט רבי אלעזר גזאגט צו דעם מענטש וויא מיאוס ביסטו דאס. אפשר זענען אלע מענטשין פון דיין שטאט אזוי מיאוס ווי דו. הט דער מענטש גזאגט צו רבי אלעזר איך וויים ניט. נאר גיי צו דעם בעל מלאכה וואס הט מיך גימאכט וצוא זאגט וואס ער הט מיך בשאפען אונ זאג צו איהם ווי מיאוס איז די כלי וואס דו האסט גימאכט.

לאומן שעשאני כמה מכוער כלי זה שעשית כיון שידע בעצמו שחטא ירד מן החמור ונשתטח לפניו וא״ל נעניתי לך מחול לי א״ל איני מוחל לך עד שתלך לאומן שעשאני ואמור לו כמה מכוער כלי זה שעשית היה מטייל אחריו עד שהגיע לעירו יצאו בני עירו לקראתו והיו אומרים לו שלום עליך רבי רבי מורי מורי אמר להם למי אתם קורין רבי רבי אמרו לו לזה שמטייל אחריך אמר להם אם זה רבי אל ירבו כמותו בישראל אמרו לו מפני מה אמר להם כך וכך עשה לי אמרו לו אעפ״כ מחול לו שאדם גדול הוא בתורה א״ל בשבילכם הריני מוחל לו ובלבד שלא יהא רגיל לעשות כן מיד נכנס רבי אליעזר ברבי שמעון ודרש לעולם יהא אדם רך כקנה ואל יהא קשה כארז:

באהרה. במקומה. אע״ג דאינה ראויה ליפול דהא קמה באהרה כמה שני אפ״כ כיון דרעועה היא לא הוו חלפי תותה אלא היו מקיפין כביתם

ו **ההיא** אשיתא רעיתא דהות בנהרדעא דלא הוה חלף רב ושמואל תותה אף על גב דקימה באתרה תליסר שנין ולא נפלה יומא חד איקלע רב אדא בר אהבה לחתם אמר שמואל לרב ניתי מר ונקיף א״ל לא צריכנא האידנא דהא איכא רב אדא בר אהבה בהדן דנפישא זכותיה ולא מסתפינא · רב הונא הוה ליה חמרא בההוא ביתא דהוה רעיעא בעא לפנויי עייליה לרב אדא בר אהבה להתם משכיה לרב אדא בר

---

ו׳ רבי אלעזר הט גיוואוסט אז ער הט געזינדיגט. איז ער אראפ געגידערט פון אייזיל אונ איז גיפאלען פאר דעם מענטש. אונ הט גזאגט צו איהם איך בין אונטער טעניג צו דיר. זיי מיר מוחל. הט דער מענטש גזאגט צו רבי אלעזר איך וועל דיר ניט מוחל זיין ביז דו וועסט גיין צו דעם בעל מלאכה וואס האט מיך גימאכט אונ דו וועסט זאגען צו איהם ווי מיאוס איז די כלי וואס דו האסט גימאכט. איז רבי אלעזר גיגאנגען נאך דעם מענטש ביז ער איז גיקומען צו זיין שטאט. זענען אלע מענטשין פון זיין שטאט ארויס גיגאנגען אנטקעגין רבי אלעזר אונ האבען גזאגט צו איהם שלום אויף דיר רבי רבי מורי מורי. האט דער מענטש גזאגט צו דיא מענטשין פון שטאט וועמען רופט איר רבי רבי. האבען די שטאט מענטשין גזאגט צו דעם מענטש. מיר רופען רבי צו דעם מענטש וואס גייט אינטער דיר. הט דער מענטש גזאגט צוא זיי אויב דער איז א רבי. זאל ניט פיל זיין ביי יודען אזוי וויא ער איז. האבען זיי גזאגט צוא דעם מענטש פר וואס. האט דער מענטש צו זיי גזאגט אזוי אונ אזוי האט דער רבי מיר גיטאהן. האבען זיי גזאגט צו דעם מענטש פון דעסטוועגין זייא איהם מוחל. ווארום ער איז א גרויסער למדן. הט דער מענטש צו זיי גזאגט פון אייערט וועגין ווייל איר בעט מיך וועל איך אים מוחל זיין. נאר ער זאל ווייטער ניט טאהן אזוי. איז באלד אריין גיגאנגען רבי אלעזר ברבי שמעון אונ האט גידרשת א מענטש זאל אייביג זיין ווייך וויא א שטעקיל אונ זאל ניט זיין הארט וויא א טענען בוים:

ז ההוא. אין די שטאט נהרדעא איז גיוועזן א שלעכטע וואנט. רב אונ שמואל פלעגין ניט גיין נעבין די וואנט. אפילו די וואנט איז גישטאנען אויף איר ארט דרייצעהן יאהר אונ איז ניט איין גיפאלען. אמאהל הט גיטראפען אז רב אדא בר אהבה איז גיקומען אין נהרדעא. האט שמואל גזאגט צו רב קום מיר וועלין גיין אויף א זייט אונ מיר וועלען ניט גיין נעבין די וואנט. הט רב גזאגט איצט דארפען מיר ניט גיין אן א זייט. מיר מעגין גיין נעבין די וואנט. ווארום רב אדא בר אהבה איז דא מיט אונז אונ זיין זכות איז זייער גרויס דארפען מיר ניט מורא האבען. די וואנט וועט איצט ניט איין פאלען. רב הונא האט גיהאט ווין אין א שלעכטע שטוב וואס מען האט מורא גיהאט טאמער וועט די שטוב איין פאלען. הט רב הונא גיוואלט ארויס נעמען די ווין. ער האט אבער מורא גיהאט אריין צו גיין אין די שטוב טאמער פאלט זי איין. האט רב הונא אריין געפירט רב אדא בר אהבה אין די שטוב. אונ ער האט גישמועסט מיט רב אדא תורה ביז מען האט ארויס גינומען די ווין. ווי רב הונא מיט רב אדא זענען אר״ס גיגאנגען

בר אהבה בשבעתא התם עד דפניה ביתר דנפקו נפל ביתא ארגיש רב אדא בר אהבה ואיקפד סבר לה כי הא דר' ינאי דאמר רבי ינאי לעולם אל יעמיד אדם עצמו במקום הסכנה ויאמר שעושין לו נס שמא אין עושין לו נס ואם עושין לו נס מנכין לו מזכיותיו. אמר רב חנין מאי קראה דכתיב (בראשית לב) קטנתי מכל החסדים וגו' (אמר יעקב לפני הקב"ה מתירא אני שמא על הנס שאתה עושה לי אתה מנכה מזכיותי ונמצאתי קטן מכל החסדים ומכל האמת). מאי הוה עובדיה דרב אדא בר אהבה כי הא דאיתמר שאלו תלמידיו את רב אדא בר אהבה במה הארכת ימים אמר להם מימי לא הקפדתי בתוך ביתי ולא צעדתי בפני מי שגדול ממני בחכמה ולא הרהרתי במבואות המטונפות ולא הלכתי ד' אמות בלא תורה ובלא תפילין ולא ישנתי בבית המדרש לא שינת קבע ולא שינת עראי ולא ששתי בתקלת חברי ולא קראתי לחברי בחכינתו ואמרי לה בחניכתו:

ח א"ל רבא לרפרם ב"פ לימא לן מר מהני מילי מעליותא דהוה עביד ר"ה אמר ליה בינקותיה לא דכירנא בסיבותיה דכירנא דכל יומא דעיבא הוו מפקין ליה בגוהרקא דדהבא וסייר לה לכולה מתא וכל אשתיא

אוסף הומה: מנכין. ממעטין: כ"ג לא הקפדתי ג׳וך ביתי: ולא הלכתי בלא סירה. דכל בעקא כוה נגיס: בחכינתו. בכינוי שמכנין הותו בני אדם לגנאי כגון כם לווי:

ביומא דעיבא. יום המעונן דהוא׳ רוח מנכנה ומכספי שלא יפלו ההומות: בגוהרקא. תיבה גלויה בעגלה ואדות יוכבים בה (פלון אבכנו): זייר. בודק הכגות פוקד מכער כמו כאי סכנה

---

ניגאנגען פון שטוב איז די שטוב איין גיפאלען. האט רב אדא בר אהבה פאר שטאנען וואס רב הונא האט גיטאהן. אז ער האט איהם אריין גענומען אין שטוב ער זאל קענען ארויס נעמען די וויין: איז רב אדא אין כעס גיוועזן. ווארום רב אדא האלט אזוי ווי רבי ינאי. ווארום רבי ינאי האט גזאגט א מענטש זאל ניט שטיין אויף אזוי א ארט ווס עס איז א סכנה. אונ ער וועט זאגען מען וועט איהם טאהן א נס. טאמער וועט מען איהם ניט טאהן קיין נס. אונ אויב מען וועט איהם טאהן א נס וועט מען איהם אפ רעכענען פון זיין עולם הבא. רב חנין האט גזאגט פון וועלכן פסוק ווייסען מיר דאס. ווארום עס שטייט אין פסוק קטנתי מכל החסדים. יעקב האט גזאגט פר גאט איך האב מורא טאמער דורך דעם נס וואס דו וועסט מיר טאהן וועסטו מיר אפ רעכענען פון מיין שכר. וועל איך דאך גמינערט ווערין דורך די חסדים אונ דורך דעם אמת וואס דוא וועסט מיט מיר טאהן. פרעגט די גמרא מיט וואס איז גיוועזן די פרומקייט פון רב אדא בר אהבה אזוי גרויס. אזוי ווי מיר האבען גילערנט די תלמידים האבען גיפרעגט ביי רב אדא בר אהבה דורך וועלכע מצות האסטו אזוי לאנג גילעבט. האט רב אדא צו זיי גזאגט איך בין קיין מאהל ניט אין כעס גיוועזן אויף מיינע שטוב מענטשין. ואז איך האב גזאגט אין שטוב מען זאל אזוי טאהן. אונ מען האט ניט אזוי גיטאהן. בין איך ניט אין כעס גיוועזן אויף זיי. אונ איך בין קיין מאהל ניט גיגאנגען פאר אויס פר דעם מענטש וואס ער איז גיוועזן אגרעסערער למדן ווי איך. אונ אז איך בין גיגאנגען אין אגאס וואס דארט איז גיוועזן מיסט האב איך מיך גהיט איך זאל ניט טראכטען תורה. אונ איך בין ניט גיגאנגען פיר איילען אן תורה לערנען אונ אן תפלין. אונ איך בין ניט גישלאפען אין בית המדרש: ניט פיל אונ ניט ווייניג. אונ אז מיין חבר איז גיפאלען. אדער ער הט ניט געוואוסט אזאך אין לערנען. האב איך מיך קיין מאל ניט גיפרייט אויף דעם. אונ אז מיין חבר האט גיהאט אצו נאמען וואס מענטשין האבען אים אזוי גירופען. אונ דער צו נאמען איז ניט שיין גיוועזן. האב איך איהם קיין מאהל ניט גירופען ביי זיין צו נאמען נאר ביי זיין נאמען אליין:

ח אמר. רבא הט גזאגט צו רפרם בר פפא זאל אונז דער רבי זאגען פון די גוטע זאכען וואס רב הונא פלעגט טאהן. הט רפרם גזאגט וואס רב הונא הט גיטאהן אין זיין יוגענד גידיינק איך ניט. וואס ער הט גיטאהן אויף זיין עלטער גידיינק איך. ווען עס איז גיוועזן אמאלקענדיגער טאג אונ עס איז גיוועזן אווינט הט ער מורא גיהאט א שטוב זאל ניט איין פאלען פלעגט מען איהם

טראגין

אשיתא דהוה רעיעתא הוה כתר לה אם אפשר למרה באני לה ואם לא באני לה איהו כדנפשיה וכל פני' דמעלי שבתא הוה משדר שלוחא לשוקא וכל ירקא דהוה יתיר לגינאי זבין להו ושדי להו בנהרא וניתבוה לעניים אמר זימנין דסמכא דעתיי׳ ולא אתו למיזבן ולשדייה לבהמה סבר מאכל אדם אין מאכילין אותו לבהמה ולא ליזבן כלל נמצאת אתה מכשילן לעתיד לבא. כד הוה ליה מילתא דאסותא הוה מלי כוזא (מיניה) [דמיא] ותלי ליה בסיפא דביתא ואמר כל (דצריך) [דבעי] ליתי ולישקול איכא דאמרי מילתא דשיבתא הוה גמיר והוה מנח ליה כוזא דמיא (ותלי ליה אעברא דדשא) [ודלי ליה] ואמר כל מאן דצריך לישול וליתי כי היכי דלא ליסתכן כי הוה כריך ריפתא הוה פתח לדשא ואמר כל מאן דצריך ליתי וליכול אמר רבא כולהו מצינא מקיימנה לבר מהא דלא מצינא למעבד (דף כט)

משום

דלא כר ככולה קאי הכא: זבין להו ובדי להו בנהרא. משום הכי זבין להו דאי הוה משייר מידי לגינאי הוו אוקיר דמכנסא בזבנא: דכסבא דעתייהו. שסומכין עניים לאותו יוקר ואומרים אין אנו צריכים לקנות ובמה לא יתייקר כל כלום ואין נכס מה לאכול בזבנא: אין מאכילין אותן לבהמה. משום ביזוי אוכלין ומהאי טעמא בטובה שהשפיע הקב"ה בעולם אי"נ משום דהכא הוה על ממון כל ישראל ואזקם לנהר יהולכין למקום אחר ומוליכין אותן בני אדם והוכלין אותן רק במעתי: ונמצאת מכשילן לעתיד לבא. דלא מייתי ירקי לסעודה בבת: כי ה"ל מלתא דאסותא רמי ליה כוזא דמיא וכו'. לא ירכיס ליה: מילתא דשיבתא. מנהג בדים במזיקין למי שאכל ואינו נוטל ידיו דשיבתא כבך דגרסינן במסכת יומא למר הכי משום שיבתא והוה תלי ליה נרבוא כוזא דמיא כי היכי דלימשו ידייהו מיניה: פר פסח. אוכן מזו דכל מאן דבעי כוה עייל ואכל:

---

טראגען אויף אנאדערע שטוהל אונ ער פרעגט דורך וועהן די גאנצע שטאט אונ אז ער הט געזעהן אשלעכטע שטוב אדער אשלעכטע וואנט. הט ער געהייסען איין ווארפען · אויב דער בעל הבית הט ניט געקענט · ער איז געוועזן ארעם · הט רב הונא געהייסען אויף בויען די שטוב פון זיין געלט. אונ אלע ערב שבת פאר נאכט פרעגט רב הונא שיקען זיין שליח אין גאס. אונ אלע גרינוואקס וואס פרעגט בלייבען ביי די גערטנער. זייא האבען נאך ניט פאר קויפט · פרעגען זיי וועלין שטיין אין גאס ביז נאכט טאמער וועלין זייא נאך פאר קויפען). פרעגט דער שליח אלץ אפ קויפען אונ הט אריין געווארפען די גרינווארג אין טייך · פרעגט רבא פאר וואס הט דער שליח ניט געגעבין די גרינווארג צו ארעמע לייט · דאס רפרם גזאגט ער הט מורא געהאט טאמער וועלין די ארעמע לייט זיך פאר לאזין אויף די גרינווארג · וועלין זיי ניט קויפען. אונ טאמער וועט ביי די גערטנער ניט בלייבען קיין גרינווארג · וועלין די ארעמע לייט ניט האבען וואס צו עסין שבת · פאר וואס הט דער שליח ניט געווארפען די גרינווארג פאר בהמות. רב הונא האלט דס עסינווארג פון אמענטשין גיט מען ניט עסין פאר אבהמה · אבער אז מען ווארפט דאס אין טייך וועט דס וואסער אוועק שווימען אונ מענטשין וועלין דס געפינען אונ וועלין דס עסין · זאל רב הונא דס גאר ניט קויפען נאר מען זאל צו נעמען ביי זיי אונ אריין ווארפען אין טייך · וועלין זיי דעם אנדערין ערב שבת אוועק גיין פריער פון גאס · רב הונא הט אבער מורא געהאט טאמער וועלין זיי ערב שבת גאר ניט וועלין קומען אין גאס מיט גרינווארג צו פאר קויפען · אדער יעדער וועט ברענגען גאר ווייניג וועט ניט זיין קיין גרינווארג אויף שבת. אז רב הונא הט געהאט אזאך וואס דאס איז געוועזן ארפואה · הט ער אריין געלייגט די זאך אין אקריגול אונ ער האט אויף געהאנגען דעם קריגול אויף די זייט פון די טיר אין גאס · אונ ער הט גזאגט ווער עס דארף די רפואה זאל קומען נעמען · אנדערע זאגען אזוי הט רב הונא געטאהן ער האט געלערנט אז די שדים זענען אין כעס אונ זייען שאדין טאהן דעם מענטש וואס עסט אומגעוואשען · אונ וייל עס איז דא מענטשין וואס עסין אין גאס אונ וואשען ניט די הענט ווייל זיי האבען ניט קיין וואסער · הט ער געשטעלט אקרוג וואסער ביי די טיר · אונ ער הט גזאגט ווער עס וויל עסין זאל גיין אהער צו די וואסער אונ זאל זיך וואשען וועט ער ניט זיין אין קיין סכנה · ווען רב הונא פלעגט גיין עסין פלעגט ער עפענען די טיר אונ האט גזאגט ווער עס וויל עסין זאל אריין קומען עסין · הט רבא גזאגט אלץ קען איך אויך טאהן נאר' די לעצטע זאך אז ווער עס איז הונגעריג זאל אריין קומען

עסין

משום דנפישי בני חילא דמחווא :

ט אילפא ורבי יוחנן הוו גרסי באורייתא דחיקא להו מלתא טובא אמרי ניקום וניזול וניעביד עיסקא ונקיים בנפשין (דברים טו) אפס כי לא יהיה בך אביון אזלו איתיבו תותי גודא רעיעא הוו קא כרכי ריפתא אתו [תרין] מ"ה שמעיה רבי יוחנן דקאמר חד לחבריה נישדי עלייהו האי גודא ונקטלינהו שמניחין חיי העולם [הבא] ועוסקין בחיי שעה אמר לי' אידך שבקינהו דאיכא בהו חד דקיימא ליה שעתא. ר' יוחנן שמע אילפא לא שמע. א"ל רבי יוחנן לאילפא שמע מר מידי א"ל לא. אמר מדשמעי אנא ואילפא לא שמע שמע מינה לדידי קיימא לי שעתא א"ל ר' יוחנן איהדר ואקיים בנפשאי כי לא יחדל אביון מקרב הארץ ר"י הדר אילפא לא הדר עד דאתא אילפא מלך ר"י אמרו לו אי יתיב מר וגרים לא הוה מליך מר אזל תלא נפשיה באסקריא דספינתא אמר אי איכא דשאיל לי במתניתא דר' חייא ר' אושעיא ולא פשטינא ליה ממתניתין נפילנא מאסקריא דספינתא

פירוש

משום דנפישו בני מחוזא. דאיכא עניים טפי וקא מיכלי קרנא :

דחיקא להו. עניות : כי לא יהיה בך אביון. (בעמך) [בך] בעצמך : חיי העולם הבא. תורה : חיי שעה. העוה"ז זה בתורה : דקיימא ליה שעתא. עתיד להתגדל ולאין זמנו למות : ה"מ. תדאגא במעיה : איהדר. אין ל לתורתי : עד דאתא אילפא. ממקום שהלך שב לתורה : מלך ר' יוחנן. מינוהו ראש ישיבה עליהם מנהג הוא אי בהוא ראש ישיבה היו מגדלין אותו מבלהם ומעשירין אותו כדאמרינן גבי כהן גדול בכפ א' דיומא וכהן הגדול מאחיו גדלוהו משל אחיו : אמרו לו. אגבי במקום שאילפא : אי יתיב מר גרים. אם היה יושב ועוסק בתורה היינו ממליכים אותך כמו שעשים לר' יוחנן דאילפא הוה גמיר חפי מר' יוחנן : (וי"מ בניחותא דמר קאי אר"י כלומר אי יתיב מר לא הוה מליך ר"י) : תלא נפשיה באסקריא. כלונס עץ ארוך תקוע בלב הספינה שמניחין עליה (מכוהא) [מכססו] וילון בלע"ז : דשאיל לי כו'. כלומר אע"ג דעבדית עיסקא גריסנא ואנא טפי מיניה : דבי ר' חייא ודבי ר' אושעיא. דהוו מסדרי מהמסא ע"פ רבים הקדוש שהיה רבם : ולא פשיטנא ליה ממתני'. [דמתכתא מנהג

עסן. דס קען איך נים מאהן. ווייל אין מחוזא זענען דא פיל ארעמע לייט. אין אקורצע צייט ווערין זיי אויף עסין פיין גאנץ פר מעגין :

ט אילפא אונ רבי יוחנן האבין גילערנט תורה. אונ זייא זענען גיוועזן גרויסע ארעמע לייט. האבען זיי גיזאגט איינער צום אנדערין מיר וועלין גיין האנדלען. אונ מיר וועלין מקיים זיין דעם פסוק דוא זאלסט זעהן אז אין דיר זאל נים זיין קיין ארעמאן ודאס הייסט דוא זאלסט זעהן אז דוא אליין זאלסט נים זיין קיין ארעמאן. זענען זיי גיגאנגען זוכען אהאנדיל. האבען זיי זיך גיזעצט אונטער אשלעכטע וואנט אונ האבען גיגעסין ברויט. זענען גיקומען צוויי מלאכים. האט רבי יוחנן גיהערט וויא איינער זאגט צום אנדערין לאמיר אראפווארפין אויף זיי די וואנט אונ מיר ווערין זיי הרגנן. זיי לאזין אוועק דיא תורה וואס זיא איז דאס אייביגע לעבין. אונ זייא גייען האנדלען וואס דאס איז נאר אלעבין אויף אקורצע צייט. האט דער אנדערער מלאך גיזאגט לאז זיי אפ איינער איז דא צווישען זיי. וואס ער וועט גרויס ווערין אונ עס איז נאך נים זיין צייט שטארבין. רבי יוחנן האט דיא רייד גיהערט. אונ אילפא האט נים גיהערט. האט רבי יוחנן גיזאגט צו אילפא דוא האסט עפעס גיהערט. האט אילפא גיזאגט ניין. האט רבי יוחנן גיזאגט ווייל איך האב גיהערט אונ אילפא האט נים גיהערט. איז גיוויס אז איך וועל גרויס ווערין. האט רבי יוחנן גיזאגט צו אילפא איך וועל גיין צוריק לערנען תורה אונ אויף מיר וועט מקוים ווערין דער פסוק דער ארעם מאן וועט נים פאר מיטען ווערין פון דער וועלט. גאט וועט איהם העלפין. רבי יוחנן איז גיגאנגען צוריק לערנען תורה. אונ אילפא איז נים צוריק גיגאנגען תורה לערנען. נאר ער איז גיגאנגען האנדלען. אונ איידער אילפא איז גיקומען צוריק פון זיין האנדיל. איז דער ווייל רבי יוחנן גיווארין אראש ישיבה. (אונ דער מענטש וואס איז גיווארין אראש ישיבה האט מען איהם באלד רייך גימאכט). האבין דיא מענטשין פון שטאט גיזאגט צו אילפא ווען דו וואלסט גיזעסין אונ גילערנט וואלט מען דאך דיך גמאכט פאר אראש ישיבה. (ווארום אילפא האט גיקענט בעסער לערנען וויא רבי יוחנן). איז אילפא גיגאנגען אונ האט זיך אן גישפארט אויף דעם זאגעל פון אשיף. אונ האט גיזאגט אויב איינער וועט מיך פרעגין אברייתא פון רבי חייא אונ רבי אושעיא אונ איך וועל נים וויסען איהם

דספינתא וטבענא אתא ההוא סבא תנא ליה האומר תנו שקל לבני וכו׳ :

כוותיה דההיא ברייתא : תנא ליה . שנה לפניו כלומר נעל מניה :
ורגלי מטתו מונחים וכו׳ . רגלי המטה מונחים בספלים מלאים מים כדי שלא יעלו אליו נמלים דרך רגלי המטה מפני שהיה גדם ולא היו עולים

י **אמרו** עליו על נחום איש גם זו שהיה סומא מב׳ עיניו וגדם משתי ידיו וקיטע מב׳ רגליו וכל גופו מלא שחין והיה מוטל בבית רעוע ורגלי מטתו מונחין בספלין של מים כדי שלא יעלו עליו נמלים פעם אחת בקשו תלמידיו לפנות מטתו ואח״כ לפנות את הכלים אמר להם בני פנו את הכלים ואחר כך פנו את מטתי שמובטח לכם כל זמן שאני בבית אין הבית נופל פינו את הכלים ואחר כך פינו את מטתו ונפל הבית אמרו לו תלמידיו רבי וכי מאחר שצדיק גמור אתה למה עלתה לך כך אמר להם בני אני גרמתי לעצמי שפעם אחת הייתי מהלך בדרך לבית חמי והיה עמי משוי שלשה חמורים אחד של מאכל ואחד של משתה ואחד של מיני מגדים בא עני אחד ועמד לי בדרך ואמר לי רבי פרנסני אמרתי לו המתן עד שאפרק מן החמור לא הספקתי לפרוק מן החמור עד שיצתה נשמתו הלכתי ונפלתי על פניו ואמרתי עיני שלא חסו על עיניך יסומו ידי שלא חסו על ידיך יתגדמו רגלי שלא חסו על רגליך יתקטעו ולא נתקררה דעתי עד שאמרתי כל גופי יהא מלא שחין אמרו לו אוי לנו שראינוך בכך אמר להם אוי לי אם לא ראיתוני בכך ואמאי

---

צו ענפערין אונ ווייזען אז עס איז דא אמשנה וואס זאגט אזוי וויא דיא ברייתא . וועל איך מיך ארויס ווארפין פון דעם זאגעל פון די שיף אונ וועל מיך דער טריינקען . איז גיקומען איין אלטער מאן אונ האט אידם גילערונט אברייתא :

י אמרו . מען האט גיזאגט אויף נחום איש גם זו . ער איז גיוועזן בלינד אויף ביידע אויגין . אונ אפ גיהאקט ביידע הענט . אונ ביידע פים : אונ זיין גאנצער גוף איז גיוועזן פול מיט קרעץ . אונ ער איז גילעגין אין אשלעכטע שטוב אונ די פים פון זיין בעט זענען גישטאנען אין בעקינס וואסער . ווערים זאלין ניט קענען ארויף קריכען אויף איהם דורך די פים פון בעט . אמאהל האבין זיינע תלמידים גיוואלט ארויס נעמען די בעט זיינע פון שטוב . אונ דער נאך ארויס נעמען די כלים פון שטוב . האט נחום גיזאגט צו זיי קינדער נעמט פריער ארויס די כלים פון שטוב דער נאך וועט איהר ארויס נעמען מיין בעט . איהר זאלט זיין פאר זיכערט אזוי לאנג ווי איך וועל זיין אין די שטוב וועט די שטוב ניט איין פאלין . האבען זיי אזוי גיטאהן . זיי האבען ארויס גינומען די כלים פון שטוב . דער נאך האבען זיי ארויס גינומען איהם מיט זיין בעט . אונ די שטוב איז איין גיפאלין : האבען די תלמידים גיזאגט צו נחום רבי אז דוא ביזט אאמת׳ר צדיק פאר וואס ביזטו אזוי גישטראפט . האט נחום גיזאגט צו זיי מיינע קינדער איך האב אליין גיבראכט אויף מיר די יסורים . אמאהל בין איך גיגאנגען אין וועג צו מיין שווער . אונ איך האב גיהאט מיט זיך דרייא אייזעלן בלאדין . איין אייזיל איז גיוועזן בלאדין מיט עסין . אונ איין אייזיל איז גיוועזן בלאדין מיט משקה . אונ איין אייזיל איז גיוועזן בלאדין מיט זיסע שפייזין . איז גיקומען אארעם מאן אונ האט זיך גישטעלט נעבין מיר אויף דעם וועג . אונ האט גיזאגט עו מיר רבי גיב מיר עפעס עסין . האב איך גיזאגט צו איהם ווארט ביז איך וועל אפ לאדין פון אייזיל : איידער איך האב אפ גילאדין פון אייזיל איז דער ארעם מאן גישטארבין . בין איך ארויף גיפאלין אויף דעם ארעם מאן . אונ האב גיזאגט מיינע אויגין וואס האבין ניט רחמנות גיהאט אויף דיינע אויגין . זאלען זיי בלינד ווערין . מיינע הענט וואס האבין ניט רחמנות גיהאט אויף דיינע הענט . זאלין זיי אפ גיהאקט ווערין . מיינע פים וואס האבען ניט רחמנות גיהאט אויף דיינע פים . זאלין זיי אפ גיהאקט ווערין : אונ איך בין נאך ניט געקיהלט גיווארין ביז איך האב גיזאגט אז מיין גאנצער גוף זאל זיין פול מיט קרעץ . האבין די תלמידים צו איהם גיזאגט ווי צו אונז אז מיר זעהן דיך אזוי . האט נחום גיזאגט צו די תלמידים עס וואקס

ואמאי קרו ליה נחום איש גם זו דכל מילתא דהוה סלקא ליה אמר גם זו לטובה זימנא חדא בעו לשדורי ישו אל דורון לבי קיסר אמרו מאן יזיל יזיל נחום איש גם זו דמלומד בנסין הוא שדרו בידיה מלא סיפטא דאבנים טובות ומרגליות אזל ובת בההוא דירה בליליא קמו הנך דיוראי ושקלינהו לסיפטא ומלינהו עפרא (למחר כי חזינהו אמר גם זו לטובה) כי מטא התם [שרינהו לסיפטא חזינהו דמלו עפרא] בעא מלכא לקטלינהו לכולהו אמר קא מחייכו בי יהודאי [אמר גם זו לטובה] אתא אליהו אדמי ליה כחדא מינייהו א"ל דילמא הא עפרא מעפרא דאברהם אבוהון הוא דכי הוה שדי עפרא הוו סייפי גיילי הוו גירי דכתיב (ישעיה מא) יתן כעפר חרבו כקש נדף קשתו הויא חדא מדינתא דלא מצי למיכבשה בדקו מיניה וכבשוה עיילוהו לבי גנזיה ומלוהו לסיפטי' אבנים טובות ומרגליות ושדרוהו ביקרא רבא כי אתי ביתו בההוא דיורא אמרו ליה מאי איתית בהדך דעבדי לך יקרא כולי האי אמר להו מאי דשקלי מהכא [אמטי להתם] סתרו לדירייהו ואמטינהו לבי מלכא אמרו ליה האי

לא יכול ליטלו בידיו ולאוקן : דסליק ליה . כל שמאורע לו הפי' רעה : בת בההוא דירה . לן בלילה אחת באותו המלון : כסעיה . אתגו אלו : לכולהו . שמחייכין של ישראל : כחד מינייהו . כהו מברי קיסר : מעפרא דאברהם הוא . כשנלחם עם המלכים : גילי . קשין : ביתו . לנו במלון ע"כ :

---

מיר וויי געווען אז איהר וואלט מיך ניט אזוי גיזעהן . פאר וואס האט מען איהם גירופען נחום איש גם זו . ווארום אלע זאכין וואס איהם פלעגט טרעפין אפילו ניט קיין גוטע זאך פלעגט ער זאגין גם זו לטובה . דאס איז אויך צו גוטען . אמאהל האבען די יודען גיוואלט שיקען א מתנה צום קיסר . האבען די יודען גיזאגט ווער וועט גיין אוועק טראגין די מתנה . נחום איש גם זו זאל גיין ווייל ער איז גיוואהנט מען זאל איהם מאכן נסים . האבען די יודען געשיקט דורך נחום אפולע קעסטיל דימאנטין אונ פעריל . ביי נאכט האט נחום גינעכטיגט אין אקרעטשמע . אין מיטען נאכט זענען אויף גישטאנען די מענטשין פון די קרעטשמע אונ האבען גינומען דיא קעסטיל אונ האבען ארויס גינומען פון איהר די דימאנטין מיט די פעריל . אונ האבען אריין גילייגט אין קעסטיל פול ערד . אונ נחום האט ניט גיוואוסט אונ איז גיגאנגען מיט דער קעסטיל צום קיסר . ווי ער איז גיקומען מיט דעם קעסטיל צום קיסר . האט מען גיעפינט דאס קעסטיל אונ מען האט גיזעהן זיא איז פול מיט ערד . האט דער מלך גיוואלט הרגן אלע יודען . ער האט גיזאגט די יודען לאכען פון מיר . האט נחום גיזאגט דאס איז אויך צו גוטען . איז גיקומען אליהו הנביא אונ ער האט אוים גיזעהן אזוי וויא איינער פון דעם קיסרס שרים . אונ ער האט גיזאגט צום קיסר טאמער איז די ערד פון די ערד וואס זייער עלטער פאטער אברהם האט גיהאט . אז אברהם פלעגט ווארפין ערד אויף זיין שונא . איז גיווארין פון די ערד שווערדין . אז ער האט גיווארפען שטרוי . איז גיווארין פון די שטרוי פיילין . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ער האט גיגעבין אזוי וויא ערד זיין שווערד . אזוי וויא אשטרוי וואס ער ווערט פארשטויסין פון ווינט האט ער גיגעבין זיין בויגין . איז גיוועזן א מדינה וואס דער קיסר האט איהר ניט גיקענט איין נעמען . האט מען גינומען דיא ערד וואס נחום האט גיבראכט אונ מען האט גיווארפען אויף די מענטשין פון די מדינה . איז טאקי גיווארין פון דיא ערד שווערדין . אונ די שווערדין האבען גיהרגת די מענטשין ביז מען האט איין גינומען די מדינה . האט מען אריין געפירט דעם נחום אין אוצר פון קיסר אונ מען האט אריין גילייגט אפולע קעסטיל מיט דימאנטין אונ פעריל אונ מען האט איהם אוועק געשיקט אהיים מיט גרוים כבוד . אז ער איז גיגאנגען צוריק האט ער נאך אמאהל גינעכטיגט אין די זעלביגע קרעטשמע . האבען די מענטשין פון די קרעטשמע גיזאגט צו נחום וואס פאר א מתנה האסטו גיבריינגט צום קיסר וואס מען האט דיר גיגעבין אזוי פיל כבוד . האט נחום צו זיי גיזאגט וואס איך האב גינומען פון דאנען דאס האב איך גיבריינגט דארטין צום קיסר . האבען זיי איין גיווארפען זייער קרעטשמע . אונ האבען גיבריינגט די ערד צום קיסר . אונ האבען גיזאגט צום קיסר די ערד וואס נחום האט

גיבריינגט

האי עפרא דאייתי הכא מדידן הוה בדקוה ולא אשכחוה וקטלינהו להנך דיוראי:

**יא אמר** ליה רב נחמן בר רב חסדא לרב נחמן בר יצחק ליקום מר ליתיב לגבן אמר ליה תנינא רבי יוסי אומר לא מקומו של אדם מכבדו אלא הוא מכבד את מקומו שכן מצינו בסיני שכל זמן שהשכינה שרויה עליו אמרה תורה (שמות לד) גם הצאן והבקר אל ירעו (אל מול ההר ההוא) נסתלקה שכינה ממנו אמרה תורה (שמות יט) במשוך היובל המה יעלו בהר. וכן מצינו באהל מועד שבמדבר שכל זמן שאהל מועד נטוי אמרה תורה (במדבר ה) וישלחו מן המחנה כל צרוע וכל זב וגו'. הוגללו הפרוכות מיד הותרו זבין ומצורעין ליכנס שם א"ל אי הכי אקום אנא ואיזיל לגבי דמר אמר ליה מוטב שיבא מנה בן פרס אצל מנה בן מנה ואל יבא מנה בן מנה אצל מנה בן פרס:

בסורא

ניקום מר להכא. דרב נחמן בר יצחק הוה יתיב בין גברי דלא חשיבי כולי האי וקאמר ליה רב נחמן בר רב חסדא ליקום מר מהתם וליתי ליתיב גבאי: תנינא. תנא אנא שונה אני ברייתא זו רבי יוסי אומר כו': לא מקומו של אדם מכבדו. ואם הלך וישב שם אין המקום מכבדו: גם הצאן והבקר אל ירעו. דמשום שכינה היה הר סיני מכובד ומקודש: אל מול ההר ההוא. מדכתיב ההוא משמע כל זמן שהוא בגדולתו שהשכינה עליו: נסתלקה השכינה במשוך היובל וגו'. ואע"ג דהאי קרא בלוחות הראשונות כתיב לא נסתלקה שכינה עד לוחות האחרונות שניתנו ביוה"כ וגם כל ימות החורף שעסקו במלאכת המשכן שהיתה שכינה בהר ומשם ניתנו כל המצות בקולי קולות ולפידים כיום קבלת עשרת הדברות עד אחד בניסן שהוקם המשכן ונסעה וזזה שכינה מן ההר וישבה לה על הכפורת ושם באוהל מועד נשנית התורה בכללותיה ופרטותיה ועל אותה שעה היה מתיר להם בלוחות הראשונות לעלות כדאמרינן במסכת ביצה כל דבר שבמנין צריך מנין אחר להתירו. ונראה קונטרס הזוכה רומי אתה מולא השוכח רבינו בכך: במשוך היובל. בסיום השופר כשנסתלק השכינה דדך הוא להאריך ולמשוך התקיעה בשעת סיום: הוגללו הפרוכות. בשעה שגוללין בשעת נסיעתן והיו נוסעין כ לן והאין ובן יוצאים ונכנסין במחנה שכינה: פרס. חצי מנה ולשון פרוסה כמו פרס פריסה מלכותך שאביו של רב נחמן בר רב חסדא גדול מיצחק אביו של רב נחמן מדמיקרי בר רב חסדא ואידך רב נחמן בר יצחק מכלל שלא נסמך:

דברתא

---

גִיבְּרֵיינְגְט אַמַתָּנָה. דָאס אִיז גִיוֶוען פוּן אוּנְזֶערֶע עֶרְד. הָאט מֶען גִיזוּכְט וַוארְפֶען דִיא עֶרְד אוּנ עֶס אִיז נִיט גִיוָוארֶען פוּן זֵייא קַיין שְׁוֶוערְדִין. הָאט מֶען גִיהַרְגֶעט דִיא אַלֶע מֶענְטְשֶׁן פוּן דִי קְרֶעטְשְׁמֶע:

**יא** אָמַר. רַב נַחְמָן בַּר רַב חִסְדָא הָאט גִיזָאגְט צוּ רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק זָאל דֶער רֶבִּי אוֹיף שְׁטֵיין אוּנ קוּמֶען זִיצֶען נֶעבִּין אוּנְז. ווָארוּם רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק אִיז גִיזֶעסֶין צְווִישֶׁען פְּרָאסְטֶע מֶענְטְשִׁין. הָאט רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק גִיזָאגְט צוּ רַב נַחְמָן בַּר רַב חִסְדָא מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט רַבִּי יוֹסִי זָאגְט נִיט דֶער אָרְט גִיט כָּבוֹד צוּם מֶענְטְשׁ נָאר דֶער מֶענְטְשׁ גִיט כָּבוֹד צוּ זַיין אָרְט. וְדְרִיבֶּער אַז אִיךְ וֶועל זִיצֶען נֶעבִּין דִיר וֶועט מִיר דֶער אָרְט נָאר נִיט צוּ גֶעבִּין קַיין כָּבוֹד. ווָארוּם אַזוֹי גֶעפִינֶען מִיר בַּיי דֶעם בַּארְג סִינַי. אַזוֹי לַאנְג וִויא דִיא שְׁכִינָה אִיז גִיוֶוען אוֹיף דֶעם בַּארְג הָאט דִיא תּוֹרָה גִיזָאגְט דִיא שֶׁעפְּסִין אוּנ דִי רִינְדֶער זָאלֶען זִיךְ נִיט פִּיטֶערִין אֲפִילוּ אַנְטְקֶעגִין בַּארְג. אָבֶּער אַז דִי שְׁכִינָה אִיז אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן דֶעם בַּארְג הָאט דִי תּוֹרָה גִיזָאגְט אַז מֶען וֶועט בְּלַאזִין מִיט דֶעם שׁוֹפָר מֶעג מֶען שׁוֹין אַרוֹיף גֵיין אֲפִילוּ אוֹיף דֶעם בַּארְג אוֹיךְ. אוּנ אַזוֹי גֶעפִינֶען מִיר בַּייא דֶעם מִשְׁכָּן וָואס אִין דֶער מִדְבָּר. דִיא גַאנְצֶע צַייט וָואס דֶער מִשְׁכָּן אִיז גִיוֶוען אוֹיף גִישְׁטֶעלְט. אִיז דֶער אָרְט גִיוֶוען הֵיילִיג. אוּנ דִי תּוֹרָה הָט גִזָאגְט מֶען זָאל אַרוֹיס שִׁיקֶען פוּן דִי מַחֲנֶה אַלֶע קְרֶעצִינֶע אוּנ אַלֶע וָואס זֶענֶען טְמֵא. אַז מֶען הָאט נָאר צוּ גִינוּמֶען דֶעם מִשְׁכָּן פוּן אָרְט. הָאבֶּען שׁוֹין אוֹיף דֶעם אָרְט וואוּ דֶער מִשְׁכָּן אִיז גִישְׁטַאנֶען גִימֶעגְט קוּמֶען אַלֶע קְרֶעצִינֶע אוּנ אַלֶע וָואס זֶענֶען טְמֵא. הָט רַב נַחְמָן בַּר רַב חִסְדָא גִזָאגְט צוּ רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק אוֹיבּ אַזוֹי וֶועל אִיךְ אוֹיף שְׁטֵיין פוּן מַיין אָרְט אוּנ וֶועל גֵיין צוּ דִיר. הָט רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק גִזָאגְט צוּ רַב נַחְמָן בַּר רַב חִסְדָא בֶּעסֶער זָאל גֵיין אַפוּנְט דֶער זוּהן פוּן אַהַאלְבּ פוּנְט. צוּ אַפוּנְט דֶער זוּהן פוּן אַפוּנְט. אוּנ עֶס זָאל נִיט גֵיין אַפוּנְט דֶער זוּהן פוּן אַפוּנְט. צוּ אַפוּנְט דֶער זוּהן פוּן אַהַאלְבּ פוּנְט. ווָארוּם רַב חִסְדָא אִיז גִיוֶוען גְרֶעסֶער וִוי רַב יִצְחָק. דְרִיבֶּער הָט גִזָאגְט רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק צוּ רַב נַחְמָן בַּר רַב חִסְדָא. דוּרְךְ דֶעם כָּבוֹד פוּן דַיין פָאטֶער פַאסְט נִיט דוּ זָאלְסְט קוּמֶען צוּ מִיר נָאר אִיךְ וֶועל גֵיין צוּ דִיר:

בסורא

יכבתא . דבר : כבי מזיה . נשבונתו : תהוו נהו נהלמא . נהוך חיגי הכבי דנמוס וכוזיס דרב הוא : כה וסלא לים לרב . גם זכ קטן הוא לפי גודלו של רב : מרא . פוישו"ר ב"פ"ז : זבילא . סג"ל בלע"ז : נקבורה . ומפוס כוסים דקבורה מדדו לו מדה כנגד מדה : מסילא לשיבבוהה . ומשילתו לשכינוהיה להר נסיקתו מבלה לפיכך נמדדה הכבי לה במדה : זבל חומלא . מקיו דם : (בלמה . סיכ בת קול

יב בסורא הות דברתא בשיבבותיה דרב לא הוה דברתא (סבור מינה) [סברו מיניה] משום זכותיה דרב דנפיש איתחזי להו בחלמא רב נפישא זכותיה טובא והא מילתא זוטרא היא לרב אלא משום ההיא גברא דקא משייל מרא וזבילא לבי קבורה בדרוקרת הות דליקתא ובשיבבותיה דרב הונא לא הות דליקא סבור מינה משום זכותיה דרב הונא [דנפיש] הוא איתחזי להו בחלמא רב הונא נפישא זכותיה טובא והאי זוטרא הוא לרב הונא אלא משום ההיא איתתא דמחממא תנורא (מערב שבת לערב שבת) ומשיילא לשיבבותה : אמרי ליה לרב יהודה אתו קמצי גזר תעניתא אמרו ליה לא קא כפסדן אמר להו זוודא אייתו בהדייהו אמרו ליה לשמואל איכא מותנא בי חוזאי גזר תעניתא אמרו ליה והא מרחק אמר ליכא מעברא הכא דפסיק ליה אמרו ליה לר"נ איכא מותנא בארעא דישראל גזר תעניתא אמר אם גבירה לוקה שפחה לא כ"ש] :

יג אבא אומנא הוה אתי ליה שלמא כל יומא ממתיבתא דרקיעא ולאביי ממעלי שבתא למעלי שבתא ולרבא ממעלי יומא דכפורי למעלי יומא דכפורי

---

יב בסורא. אין די שטאט סורא איז געוועז א מגפה . אין די גאס פון רב איז ניט געוועזן קיין מגפה . האט מען גימיינט ווייל דער זכות פון רב איז גרויס . דריבער איז אין זיין גאס ניטא קיין מגפה . האט מען זיי געוויזען אין חלום דער זכות פון רב איז זייער גרויס ; אונ די זאך וואז אויף די מענטשין פון זיין גאס זאל ניט זיין א מגפה) דס איז ביי רב א קליינקייט . אונ ניט דורך דעם זכות פון רב איז ניט קיין מגפה . נאר דורך דעם זכות פון איין אנדער מענטש וואס וואוהנט אין די גאס איז ניט קיין מגפה אין די גאס. אין די גאס וואוהנט א מענטש אז מען דארף בגראבען א טויטען פאר בארגט ער א רידעל אונ א לאפעטע . אין די שטאט דרוקרת איז געוועזן א פייער . אין די גאס פון רב הונא איז ניט געוועזן קיין פייער . האט מען גימיינט ווייל דער זכות פון רב הונא איז גרויס . דריבער האט ניט גיברענט אין זיין גאס . האט מען זיי געוויזען אין חלום דער זכות פון רב הונא איז זייער גרויס . אונ די זאך וואז אין זיין גאס זאל ניט ברענען דס איז ביי רב הונא א קליינקייט . אונ ניט דורך דעם זכות פון רב הונא האט ניט גיברענט אין די גאס. נאר דורך דעם זכות פון איין אנדער מענטש וואס וואוהנט אין די גאס האט ניט גיברענט אין די גאס . ווייל אין די גאס וואוהנט א אשה וואס אלע ערב שבת הייצט זי א הייבין אונ אלע שכנים פון די גאס מעגין קומען באקין חלות אין איר הייבין . מען האט גזאגט צו רב יהודה אייששעריקען זענען גיקומען . האט רב יהודה גיהייסען מען זאל פאסטען . דער נאך האט מען גזאגט צו רב יהודה זיי מאכען ניט קיין שאדין . צו וואס דארפען מיר פאסטען . האט רב יהודה גזאגט האבען זיי דען גיבראכט שפייז מיט זיך . געוויס וועלין זיי עסין די תבואה . מען האט גזאגט צו שמואל אין חוזאי איז א מגפה דארט שטארבען מענטשין האט שמואל גיהייסען מען זאל פאסטען האט מען גזאגט צו שמואל חוזאי איז דאך ווייט פון אונז צו וואס זאלען מיר פאסטען . האט שמואל גזאגט עס איז ניטא קיין וואסער אין מיטען וועג עס זאל פאר שטעלין די מגפה זאל ניט קענען קומען ביז צו אונז . מען האט גזאגט צו רב נחמן אין ארץ ישראל איז א מגפה דארט שטארבען מענטשין . האט רב נחמן גזאגט מען זאל פאסטען . ער האט גזאגט אויב די בעל הביתטע ווערט גישלאגען . ווערט דאך דיא דינסט געוויס גישלאגען ווערין :

יג אבא אומנא . עס איז געוועזן א דאקטאר וואס האט גיהייסען אבא . אלע טאג פלעגט ארויס קומען א קול פון הימעל אונ פלעגט זאגען צו איהם שלום אויף דיר . צו אביי פלעגט

ארויס

רכפורי הוה קא חלשא דעתיה דאביי על דאבא אומנא אמרו ליה לא מצית למיעבד כעובדיה דאבא אומנא מאי עובדיה דאבא אומנא דכי הוה עביד (רפואה) [מלתא] הוה עביד ליה דוכתא דגברא לחודייהו ודנשי לחודייהו וה"ל לבושא דאית ביה קרנא והוות בזעי כי כוסילתא דכי הות אתיא איתתא מלביש לה כי היכי דלא ליסתכיל בה וה"ל דוכתא (מאבראי) [דצניעא] לטרמי ביה פריטי דאית ליה רמי ביה דלית ליה הוה אתי ויתיב ולא מיכסף וכי הוה מתרמי ליה צורבא מרבנן אגרא מיניה לא שקיל (וכד הוה חזי איניש דלא אפשר ליה הוה) [ובתר דקא] יהיב ליה פריטי א"ל זיל איברי נפשך זימנא חדא שדר אביי זוגא דרבנן למבדקיה (אזל לביתיה) אותבינהו ואוכלינהו ואשקינהו ומך להו ביסתרקי בליליא (דף כג) לצפרא ברכינהו ואייתינהו לשוקא למחר סליק ליה לשוקא ואשכחינהו אמרו ליה לישיימינהו מר היכי שוו אמר להו הכי והכי שוו אמרו ליה דילמא שוו טפי אמר להו בהכי שקלינהו לה ואמרו ליה דידך

אומרת שלום עליך): כי הוה עביד מלתא. כשהוא מקיז דם לבני אדם: ודנשי לחודייהו. לנשים: דאית ביה קרנא. ויש פוס"א בלע"ז שבו תוקע ה קרן שמקיז בו (ובנשים) הוא מגלים לב (וזהו מקיז אותה דרך אותם נקבים שבבגד): דלא מיכסיף. דלאחר שהקיז לא הוה ידע מאן רמי לאותם פשיטי ומאן לא רמי: איברי נפשך. בבריא עלמך: למבדקיה. לבודקו במעשיו: ומך להו בסתרקי. קסל תחתיהן תכשיטי צמר ליישן עליהם: לצפרא כרכינהו. רבק לנסתרקי דלהבא אומנא ואייתינהו לשוקא לזבוניהו: א"ל. להבא אומנא: לישיימינהו מר. והב לן דמייהו וכיון בודקים

---

אראפ קומען אקול פון הימעל און זאגען צו איהם שלום אויף דיר. אלע ערב שבת. און צו דבא פלעגט אראפ קומען אקול פון הימעל און זאגען צו איהם שלום אויף דיר. אלע ערב יום כפור. און אביי האט ניזארגט דארויף וואס צו אבא אומנא קומט שלום פון הימעל אלע טאג. האט מען גזאגט צו אביי דו קענסט ניט טאהן אזעלכע זאכען וויא אבא אומנא טוהט. וואס פלעגט אבא אומנא טאהן. אז עס פלעגין קומען צו איהם פיל מענטשין ער זאל זיי עפענען אדער. פלעגט ער מאכען אארט פאר זכרים בזונדער און פאר נקבות בזונדער. און ער האט גיהאט אקלייד. אין די קלייד איז גיוועזען אזוי אמעסעריר אויף צו שניידען דעם אדער. אז אנקבה פלעגט קומען צו איהם ער זאל איר עפענען דעם אדער. פלעגט ער איר געבין דאס קלייד אן צו טאהן. ער זאל נישט קוקען אויף איר. און ער האט גיהאט אבעהאלטענעם ארט מען זאל דארט אריין ווארפען דאס געלט פאר דעם אדער עפענען. ווער עס האט גיהאט געלט האט אריין גיווארפען. ווער עס האט ניט גיהאט קיין געלט איז גיקומען און האט זיך גיזעצט מען זאל איהם עפענען דעם אדער און ער האט זיך ניט גישעמט. ווייל קיינער האט ניט גיוואוסט אויב ער האט בצאהלט אדער ניין. און אז צו איהם פלעגט קומען אלמדן מען זאל איהם עפענען דעם אדער. האט ער ניט גינומען פון איהם קיין געלט. און אז ער האט גיזעהן אמענטשין וואס איז ארעם. האט ער איהם גיגעבין אביסול געלט און האט גזאגט צו איהם גיי מאך דיך געזונד עס און טרינק פאר דעם געלט. אמאהל האט אביי געשיקט צו אבא אומנא צוויי לומדים זעהן וואס ער טוהט. האט אבא אומנא גזאגט צו די צוויי לומדים זיי זאלען זיצען. און ער האט זייא גיגעבין עסין און טרינקען. און ביי נאכט האט ער זיי אוים גיבעט אויף וואלענע קליידער צום שלאפען. אין דער פריה האבען די צוויי לומדים איין געוויקולט די וואלענע קליידער און האבען זיי גיטראגען אין גאס צו פר קויפען. צו מארגין איז אבא אומנא גיגאנגען אין גאס. האט ער די צוויי לומדים טראגין די וואלענע קליידער. זענען די צוויי לומדים גיקומען צוא גיטראפען אבא אומנא און האבען גזאגט צו איהם שאץ נאר ווי פיל זענען די קליידער ווערט. האט אבא אומנא צו זיי גזאגט אזוי פיל זענען זיי ווערט. האבען די לומדים צו איהם גזאגט טאמר זענען זיי מער ווערט. האט אבא אומנא צו זיי גזאגט פר אזוי פיל ווי איך האב נישאצט וועל איך זיי קויפען און וועל אייך בצאהלען דאס געלט. האבען זיי גזאגט צו אבא אומנא די קליידער זענען דיינע מיר האבען זיי ביי דיר גינומען. און מיר האבען דיך גיוואלט פרובין צו דוא וועסט אונז האלטען פר גנבים. און וואס דו וועסט טאהן אז דו וועסט דער זעהן דיינע קליידער

אמרו לה (יתמוס ויגזל מכס את שנו להשדן) [יתמרס] כנזלין או יכא שמן ספות מדמיכן : במאי השדהנו . כדשקלן בסהרקי דידך : וכסיפא להו מלתא למימרא לי . נאמר ליתן אותם ואהכי אתו למגם גבאי ולמעבד כולי האי : ליטקלינהו מר . שאין אנו צריכין אלא לנסותך באנו : והלצא דעפיה דרבא אדאביי . דלרבא לא אתי בלמא אלא ממעלי יומא דכפורי למעלי יומא דכפורי ולאביי כל מעלי שבתא : אכולא כרכא . על כל בני עירך : רב ברוקא חוזאה . שהיה מבני הוזאי : דבי לפט . מקום : א"ל . רב ברוקא לאליהו מי איכא וכו' : מסאני אוכמי . מנעלים שחורים שלא כמנהג היהודים : ולא רמי חוטי . ולא הטיל ציצית בטליתו: א"ל . אליהו לר' ברוקא האי בר עלמא דאתי הוא : קרי ליה . רב ברוקא להאי גברא : זנדוקא . שומר בית האסורין של מלך : רמינא פוריא וכו' . מטיל שני מטתי בין אנשים ונשים : דיהבי נכרים

ניגהו ושקלינהו מינך . אמרו ליה במטותא מינך במא השדהינן אמר להו אמינא דילמא פדיון שבוים איקלע להו לרבנן וכסיפא להו מילתא למימר אמרו ליה השתא נשקליה מר אמר להו מההיא שעתא אסחתיה לדעתאי לצדקה . חלש דעתיה דרבא על דאביי (איתחזי ליה בחלמא אמרו ליה מסתייך דקא מגני זכותך אכולא כרכא :

יד רב ברוקא חוזאה הוה קאי בשוקא דבי לפט (אתא אליהו ז"ל איתחזי ליה) [הוה שכיחא אליהו גביה] א"ל מי איכא בהאי שוקא בר עלמא דאתי אמר ליה ליכא אדהכי והכי אתא ההוא גברא דהוה מסיים מסאני אוכמא ולא רמי חוטי דתכלת בגלימיה א"ל האי בר עלמא דאתי הוא קרא ליה ולא אתא לגביה אזל איהו אבתריה אמר ליה מאי עובדך אמר ליה זיל האידנא ותא למחר (כי אתא) למחר אמר ליה מאי עובדך אמר ליה זנדוקא אנא ואסרנא גברי לחוד ונשי לחוד ובליליא רמינא פוריא בין גברי לנשי כי היכי דלא ליעברו איסור וכי חזינא בת ישראל דיהבו נכרים עינייהו עלה מסרנא נפשאי ומצילנא לה

זיכנא

---

ביי אונז . האבען די לומדים גזאגט צו אבא אומנא מיר בעטין פון דיר זאג אונז וואס האסטו אונז חושד גיוועזן אז דו האסט גימיינט מיר טראגין צו פאר קויפען דיינע קליידער . האט אבא אומנא צו זיי גזאגט איך האב גיטראכט טאמער האט איך גיטראפין אז איר דארפט אויס לייזין גיפאנגענע מענטשין . אונ איר שעמט אייך מיר צו זאגין איך זאל אייך געבין געלט . דריבער האט איר גינומען די קליידער צו פר קויפען . האבען די לומדים צו איהם גזאגט איצט נעם צו די קליידער . האט אבא אומנא צו זיי גזאגט פון דער צייט וואס איך האב אזוי גיטראכט . איז ביי מיר געבליבען אז די געלט פון די קליידער זאל זיין אויף צדקה . רבא האט גיזארגט פר וואס צו אביי קומט שלום פון הימעל אלע ערב שבת . אונ צו איהם קומט נאר שלום פון הימעל איין מאהל אין יאהר . אלע ערב יום כפור . האט מען געוויזען צו רבא אין חלום אונ מען האט גזאגט צו אים גענוג פר דיר אז די גאנצע שטאט לעבט אין דיין זכות :

יד רב ברוקא חוזאה איז גישטאנען אין די גאס פון דעם ארט לפט . איז פאר ביי גיגאנגען אליהו הנביא . האט רב ברוקא גזאגט צו אליהו איז דא אין די גאס איינער וואס זאל האבען עולם הבא . האט אליהו צו איהם גזאגט עס איז נישטא . דער ווייל איז פאר ביי גיגאנגען א מענטש אן גיטאהן מיט שווארצע שיך . (גוים פלעגין גיין אין שווארצע שיך אונ יודען אין ווייסע שיך) אונ אין זיינע קליידער איז ניט גיוועזן קיין ציצית . האט אליהו גזאגט צו רב ברוקא דער מענטש האט עולם הבא . האט רב ברוקא גירופען דעם מענטש . האט דער מענטש ניט גיוואלט גיין צו איהם . איז רב ברוקא גיגאנגען צו דעם מענטש . אונ האט גזאגט צו איהם וואס איז דיין טאהן . האט דער מענטש גזאגט צו רב ברוקא גיי איצט פון מיר . מארגין וועסטו קומען צו מיר . מארגין איז רב ברוקא גיקומען צו דעם מענטש אונ האט גזאגט צו איהם זאג מיר וואס איז דיין טאהן . האט דער מענטש גזאגט צו רב ברוקא . איך בין דער בעל הבית פון די תפיסה (פון אסטראג) אונ איך פאר שליס זכרים בזונדער אונ נקבות בזונדער . ביי נאכט שטעל איך אריין מיין בעט אונ שלאף צווישען די זכרים אונ נקבות . זיי זאלען ניט קענען קומען איינער צום אנדערין . מזנה צו זיין . אונ אז איך זעה א אידישע טאכטער וואס זיצט אין תפיסה . אונ די גוים וואס זיצען אויך אין תפיסה האבען גיגעבין זייערע אויגין אויף איר . זיי ווילען מיט איר מזנה זיין . שטעל איך איין מיין לעבין אונ בין איר מציל פון

זייערע

**זימנא** הדא איתרמי נערה מאורסה גבן ויהבו בה ..רים **עינייהו** ובעו למינסה אתאי דורדיא דחמרא ושדאי לה **בשיפולה** ואמינא להו דיסתנא היא מ"ט סייכא מסאני **אובמי** (אמר מתאבל אנא על ירושלים מ"ט לא) [ולא] **רמית** חוטי דאזילנא ביני נכרים כי היכי דלא לידעו **דיהודאי** אנא דכי הוה מילתא דצינעא ובעו למיגזר **גזירתא** מגלו לי ואמינא להו לרבנן ובעו רחמי ומבטלי **להו** ומ"ט כי אמינא לך אנא מאי עובדך אמרת לי זיל **האידנא** ותא למחר . א"ל דבההיא שעתא הוו גזירי **גזירתא** ואמינא איזיל ברישא ואשמע להו לרבנן כי היכי דליבעו רחמי עלה **דמלתא** ויבטלונה **ארהכי** והכי אתו הרי אחריני א"ל הני נמי בני עלמא דאתי נינהו . **אזל** לגבייהו א"ל מאי **עובדייכו** א"ל אינשי בדיחי אנן כי חזינן אינש דעציבא דעתיה מבדחינן ליה א"נ כי חזינן בי תרי דאית להו תגרא בהדי הדדי טרחינן ועבדינן להו שלמא בהדי הדדי :

עינייהו . נתנו עיני בה האמורין : איתרמי נערה מאורסה . דכולי בני בית האסורין . דורדיא . שמרים של יין האדומים כדם : בשפולה . כנגד נגדיה : דיסתנא . דרך נשים לה (ומאוסה היא) והוא לשון פרסי : ה"ל . אליהו לרב ברוקא הני נמי בני עולמא דאתי נינהו : בדיחי . שמחים ומשמחים בני אדם : טרחינן . במילי דבדיחותא בינייהו : עד דעבדי שלמא . השכנת שלום בין אדם לחברו הוא אחד מהדברים שאדם אוכל פירותיהן בעוה"ז והקרן קיימת לעוה"ב :

אין צ"ל חרב שאינה של שלום . שמתריעין עליה : אלא אפי' חרב של שלום . שעוברת דרך ארצם

**מת׳ שנינו** מתריעין על החרב מפני שהיא מכה מהלכת : **גמ'** תנו רבנן חרב שאמרו אין צריך לומר חרב שאינה של שלום **אלא** אפילו **חרב** של שלום שאין

לך

---

**וייערע** הענט . אמאהל הט גיטראפען עס איז געזעסן אין תפיסה אכלה ווס דער חתן הט איר **שוין** מקדש געוועז . האבען די גוים פון תפיסה גיגעבין זייערע אויגן אויף די כלה אונ האבין **איר** גיוואלט גייטין מזנה צו זיין מיט איר . האב איך גיבראכט אביסול היינוון פון ווייז . **ווס** דס איז רויט אזוי ווי בלוט . אונ האב בגאסען די הייבין אויף אירע קליידער פון אונטען **אונ** איך האב גזאגט צו די גוים זי איז אנדה . נאך האט רב ברוקא גיפרעגט דעם מענטש **פאר** ווס גייסטו אין שווארצע שיך . אונ גייסט אן ציצית . הט דער מענטש גיענטפערט ווייל **איך** גיי צווישען גוים וויל איך ניט זיי זאלען וויסען אז איך בין איוד . אויב די גוים האבען **אבעהאלטענע** זאך אונ זיי ווילען גוזר זיין אגזרה אויף יודען . דער ציילען זיי מיר די גזרה . **אונ** איך דער צייל דאס צו די רבנן . זענען זיי מתפלל אונ מאכען בטל די גזרה . נאך הט **רב** ברוקא גיפרעגט דעם מענטש . פר ווס אז איך האב נעכטין צו דיר גזאגט וואס איז דיין **טאהן** האסטו גזאגט צו מיר גיי איצט אונ קום מארגין . הט דער מענטש גזאגט צו רב ברוקא . **אין** דער צייט הט מען גוזר גיווען גזירות אויף יודען האב איך גיטראכט פריער וועל איך גיין **הערין** די גזירות אונ וועל דס זאגען צו די רבנן . זיי זאלען מתפלל זיין אויף די גזירות אונ זאלען **זיי** מבטל זיין . אונ מארגין וועל איך שמועסין מיט דיר . דער ווייל זענען פאר ביי גיגאנגען **נאך** צוויי מענטשין . הט אליהו גזאגט צו רב ברוקא די צוויי מענטשין האבען אויך **עולם הבא** . איז רב ברוקא גיגאנגען צו זיי . אונ ער הט גזאגט צו זיי . ווס איז אייער טאהן . **האבען** **זיי** גזאגט צו רב ברוקא מיר זענען פרייליכע מענטשין . אז מיר זעהן אמענטש וואס ער איז **טרויעריג** . מאכען מיר אים פרייליך . אדער אז מיר זעהן צוויי מענטשין האבען אקריג **צווישען** **זיך** . ארבעטין מיר אזוי לאנג ביז מיר מאכען שלום צווישען זיי :

**מתני׳** שנינו . מיר האבען גילערונט אז אחיל פון אמלך קומט אויף אשטאט . **זאלען** **אפילו** דיא ווייטע שטעט שרייען צוא גאט מיט שופר בלאזען . ווייל דאס איז אמכה **וואס** גייט . היינט איז דער חיל אין דיא שטאט . מארגין וועט ער זיין אין איין אנדערע שטאט :

**תנו רבנן** . די רבנן האבען גילערונט אויב דער חיל קומט מלחמה האלטען מיט די שטאט . **דארף** מען געווים שרייען צו גאט מיט שופר בלאזען . נאר אפילו דער חיל איז ניט גיקומען **מלחמה** האלטען מיט די שטאט . ער גייט נאר דורך די שטאט : אונ דיא מלחמה וועט זיין

אויף

לך חרב של שלום יותר מפרעה נכה ואפ"ה נכשל בה יאשיהו המלך שנאמר (דה"ב לה) וישלח אליו מלאכים לאמר מה לי ולך מלך יהודה לא עליך אתה היום כי אל בית מלחמתי ואלהים אמר לבהלני חדל לך מאלהים אשר עמי ואל ישחיתך כאן אלהים אמר רב יהודה אמר רב זו ע"ז אמר הוא"ל וקא בטח בע"ז יכילנא ליה (וכתיב) (שם) ויורו היורים למלך יאשיהו ויאמר המלך לעבדיו העבירוני [כי החליתי מאד מאי כי החליתי מאד] אמר רב יהודה אמר רב מלמד שעשאוהו לכל גופו ככברה אמר (רב יהודה א"ר) [ר' שמואל בר נחמני א"ר יהונתן] מפני מה נענש יאשיהו שהיה לו לימלך בירמיהו ולא נמלך מאי דרש (ויקרא כו) וחרב לא תעבור בארצכם מאי חרב אי נימא חרב שאינה של שלום והכתיב (שם) ונתתי שלום בארץ וגו' אלא אפי' חרב של שלום והוא אינו יודע שאין דורו דומה יפה. כי הוה קא ניהא נפשיה (אתא ירמיהו לשוולי ביה חזיוה) [חזא ירמיהו] דהוה קא מרחשן שפוותיה אמר דילמא ח"ו אגב צעריה קאמר מלתא כלפי שמיא

מלחמה נילך להלחם כמקום אחר : (וישלח וגו'. יאשיהו יצא לקראתו למלחמה ולא רצה לעבור בארצו ובלה לו פרעה נכה מלאכים (אמר כי) : מאן אלהים. דקא"ל פרעה דקאמר חדל לך מאלהים אשר עמי : (אמר יאשיהו הואיל וקא בטח פרעה בע"ז יכילנא ליה והיינו דכתיב ולא השיב יאשיהו את פניו ממנו : כל גופו) [מלמד] מדכתיב ויורו היורים דמשמע יורו הרבה יורו כמורים : (ה"ג א"ר כל גופו עשו ככברה ול"ג מלמד : נענש יאשיהו, בכהנג : שהיה לו לימלך. אם ילחם אם לאו : מאי דרש. באלהים בלא עונה) : הא כתיב ונתתי שלום. ולמאי אלמא כתביה דהמנה לאידך קרא וחרב לא תעבור בארצכם אלא אפי' כל שלום (וכיון דאמר הקב"ה שלא יעברו נמצאו עוברים על דבורו של מקום הלך ונלחם בהם : שאין דורו דומה יפה. (בעיני המקום) :

אויף איין אנדער ארט. פון דעסטוועגן דארף מען אויך שרייען צו גאט מיט שופר בלאזען. ווארום מיר געפינען דער חיל פון פרעה נכה זענען גינאנגען מלחמה האלטען מיט כרכמיש. אונ מיט יאשיהו האבען זיי גאר ניט גיוואלט מלחמה האלטען. אונ עס איז גיווארין אסבה אז דער מלך יאשיהו איז גיהרגת גיווארין דורך דער חיל. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק פרעה הט געשיקט שלוחים צו יאשיהו זיי זאלען איהם זאגען וואס האב איך צו דיר מלך יהודה. ניט אויף דיר גיי איך היינט. איך גיי צו דעם ארט וואו איך דארף מלחמה האלטען. גאט הט גזאגט מיך צו דער שרעקין. פאר מייד דיך פון דעם גאט וואס מיט מיר ער זאל דיך ניט פר דארבען. ווער איז דער גאט וואס איז גיוועזן מיט פרעה. הט רב יהודה גזאגט פון רבס וועגין. דאס איז די עבודה זרה. האט יאשיהו גזאגט וויל פרעה פאר זיכערט זיך אויף די עבודה זרה. וועל איך איהם איין נעמען אז איך וועל מיט איהם מלחמה האלטען. די וואס האבען גישאסען מיט פיילען האבען גישאסען אויף יאשיהו. האט דער מלך יאשיהו גזאגט צו זיינע קנעכט נעמט מיך צו פון די מלחמה ווארום איך בין זייער קראנק. פאר וואס איז ער זייער קראנק גיווארען. האט רב יהודה גזאגט פון רבס וועגין וויל מען האט צו שטאכען זיין לייב אזוי ווי אזיפ. רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט פון רבי יונתן וועגין פאר וואס איז יאשיהו גישטראפט גיווארען. ווייל ער האט זיך גידארפט פרעגין ביי ירמיהו הנביא אויב ער זאל מלחמה האלטען מיט פרעה אדער ניין. אונ ער האט ניט גיפרעגט. וואס האט יאשיהו גידרשת וואס ער איז גינאנגען מלחמה האלטען מיט פרעה. עס שטייט אין פסוק אשווערד (אחילו) וועט ניט גיין דורך אייער לאנד. וואס פאר אשווערד (אחילו) מיינט מען. זאלען מיר זאגען אשווערד (אחילו) וואס זאל קומען מלחמה האלטען. עס שטייט דאך שוין אין פסוק איך וועל געבען שלום אין אייער לאנד. נאר אפילו אשווערד (אתיו) פון שלום וועט אויך ניט גיין דורך אייער לאנד. אונ פרעה איז גינאנגען מיט זיין חיל דורך ארץ ישראל. האט ער דאך ניט גיהאלטען וואס עס שטייט אין די תורה. דריבער איז יאשיהו גינאנגען מלחמה האלטען מיט פרעה אונ יאשיהו האט אבער ניט געוואוסט אז די יודען זענען ניט פרום. אונ ווען האט גאט צו גזאגט אז אשווערד זאל ניט גיין דורך ארץ ישראל נאר אז די יודען וועלען פרום זיין. אזוי ווי עס שטייט אין אנהייב סדרה אם בחקתי תלכו. ווען יאשיהו איז גישטארבען האט ירמיהו גיזעהן זיינע לעפצין שאקלען זיך. ער רעט עפעס גאנץ שטיל. האט ירמיהו גזאגט טאמער חס ושלום

שמיא גהין עליה שמעיה דהוה קא מצדיק דינא על נפשיה וקאמר (איכה א) צדיק הוא ה' כי פיהו מריתי פתח עליה ירמיהו ואמר (שם ד) רוח אפינו משיח ה' וגו':

**טז רבי** יוסי אומר אין היחיד רשאי לסגף עצמו בתענית שמא יצטרך לבריות ואין הבריות מרחמות עליו אר"י א"ר מ"ט דרבי יוסי דכתיב (בראשית ב) ויהי האדם לנפש חיה נשמה שנתתי בך החייה:

**יז תנו** רבנן (ויקרא כ) ונתתי גשמיכם בעתם לא שכורה ולא צמאה אלא בינונית שכל זמן שהגשמים מרובין מטשטשין את הארץ ואינה עושה פירות. ד"א (דף כג) בעתם בלילי רביעיות ובלילי שבתות שכן מצינו בימי רבי שמעון בן שטח שירדו להם גשמים בלילי רביעיות ובלילי שבתות עד שהיו חטים בכליות ושעורים כגרעיני זיתים ועדשים כדינרי זהב וצררו מהם (חכמים) דוגמא לדורות להודיע כמה חטא גורם שנאמר (ירמיה ה) עונותיכם הטו אלה וחטאתיכם מנעו הטוב מכם וכן מצינו בימי הורדוס בזמן שהיו עוסקים בבנין בית המקדש שירדו להם גשמים

לסגף. לענות נפשו מתרגמינן לסגפא נפשיה: יצטרך לבריות. כי אין בו כח להרויח ולהתפרנס מיגיעו: דכתיב לנפש חיה. החייה: לא שכורה. לא יבשה הארץ יותר מדאי במטשטשין את הארץ: בלילי רביעיות. שאין טורח על כל אדם שאין הולכין בדרכים מפני אימת בה מהלכים כדמפרשינן במס' פסחים: שכן מצינו. כלומר וא"ת אין ספק נגשמים על ב' לילות בשבת מנין בימי שמעון בן שטח וכו': וצררו. וקברו: הורדוס. בהר בנין דעזרה ובנה יפה ממנו כפ' בשוהפן:

---

שלום דורך זיין צער רעט ער עפעס אויף גאט. האט זיך ירמיהו איינגיבויגען צו איהם. הט ער געהערט אז יאשיהו מאכט גירעכט זיין דין אויף זיך. אונ ער זאגט גאט איז גירעכט ווארום איך האב ווידער גישפעניגט זיין מויל ואיך האב ניט גיפאלגט וואס גאט הט גזאגט. האט ירמיהו גיקלאגט אויף איהם אונ האט גיזאגט רוח אפינו משיח יי':

**טז** רבי יוסי זאגט א מענטש טאר זיך ניט פייניגען מיט פאסטין. ווארום ער וועט ניט האבען כח צו ארבעטין צו פאר דינען. וועט ער דארפען אן קומען צו מענטשין זיי זאלין איהם געבין וואס ער דארף. אונ די מענטשין ווערין אויף איהם ניט רחמנות האבין. זייא וועלין זאגין האט ער ניט גידארפט פאסטין וואלט ער גיהאט כח צו פארדינען דער וועיל וועט ער שטארבען פון הונגער. רב יהודה האט גיזאגט פון רבס וועגין פון וואנען וויס דאס רבי יוסי פון פסוק. ווארום עס שטייט אין פסוק ויהי האדם לנפש חיה. גאט האט גיזאגט די נשמה וואס איך האב אין דיר גיגעבין זאלסטו דערהאלטין זיא זאל לעבין. גיב עסין דעם גוף וועט די נשמה לעבין אין גוף:

**יז** תנו רבנן. די רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק איך וועל געבין אייער רעגין אין זייער צייט. די ערד וועט ניט זיין שכור פון צו פיל רעגין אונ זיא וועט ניט זיין דארשטיג צום רעגין. נאר מיטעל. ווארום אז עס גייט צו פיל רעגין ווערט די ערד קאליע אונ עס וואקסט ניט פון איהר. נאך מיינט מען בעתם. אין זייער צייט. דער רעגין וועט גיין די נאכט צו מיטוואך אונ די נאכט שבת. וועיל אין די צוויי נעכט גייען ניט מענטשין אין וועג. מיטוואך ביי נאכט זענען דא שדים אויסער די שטאט. אונ שבת ביי נאכט זיצט דאך געוויס יעדער יוד אין שטוב. טאמער וועסטו זאגין צוויא טאהל אין וואך רעגין איז ווייניג מיר געפינען אין די צייט פון רבי שמעון בן שטח איז אויך נאר גיגאנגען רעגין צוויי מאהל אין וואך. מיטוואך ביי נאכט. אונ שבת ביי נאכט. פון דעסטוועגין זענען די ווייץ גיוועזען גרויס וויא די נירען. אונ גערשטין איז גיוועזען גרויס וויא די קערנער פון אייל בירטען. אונ יעדער ארבעס איז גיוועזען גרויס אזוי וויא ארענדיל. הט מען איינגיבונדען אין אטוך אביסעל צו וויזען די שפעטערדיגע מענטשין. זיי זאלען וויסען וואס פאר אקללה אעבירה ברייננט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אייערע עבירות האבען דאס אלץ גיטאהן. אייערע זינד האבען פון אייך פאר מיטען דאס גוטע. אונ אזוי געפינען מיר אין די צייט פון הורדוס המלך. ווען די יידען זענען גיוועזען בשעפטיגט צו באהען דעם בית המקדש. פלעגט גיין רעגין ביי נאכט. אין דר

גשמים בלילות למחר נשבה הרוח ונתפזרו העבים וזרחה החמה וכל אחד משכים למלאכתו להודיע שמלאכת שמים בידיהם :

(דף יט) **יח משנה** מעשה שאמרו לחוני המעגל התפלל שירדו גשמים וכו'

עוגה . גומא עגולה : כדרך שעשה חבקוק . כדמפרש בתרגום של תפלה לחבקוק : על משמרתי אעמודה. כמין בית הסורים עשה וישב : רבי ראינוך ולא נמות . נראה לנוך ולא נמות בניהותא ספהרל בלא נמות ברעב מפני עצירת גשמים :

מעשה זה כתוב יותר באורך בברייתא זאת (דף כג) ת"ר פעם אחת יצא רוב אדר ולא ירדו גשמים אמרו לו לחוני המעגל התפלל וירדו גשמים התפלל ולא ירדו עג עוגה ועמד בתוכה כדרך שעשה חבקוק הנביא שנאמר (חבקוק ב) על משמרתי אעמודה וגו'. אמר לפניו רבונו של עולם בניך שמו פניהם עלי שאני כבן בית לפניך נשבע אני בשמך הגדול שאיני זז מכאן עד שתרחם על בניך התחילו הגשמים מנטפין אמרו לו תלמידיו רבי ראינוך ולא נמות כמדומין אנו שאין הגשמים יורדין אלא להתיר שבועתך אמר (להם לא תמותו אמר לפניו) לא כך שאלתי אלא גשמי בורות שיחין ומערות ירדו בזעף עד שכל טפה וטפה כמלא פי חבית ושיערו חכמים שאין כל טפה פחותה מלוג אמרו לו תלמידיו רבי ראינוך ולא נמות כמדומין אנו שאין הגשמים יורדין אלא לשחת העולם (אמר להם לא תמותו) אמר לפניו לא כך שאלתי אלא גשמי רצון ברכה ונדבה ירדו כתקנן עד שיצאו ישראל מירושלים

---

פריא האט אבלאז געטאהן אווינט זענען די וואלקינס אוועק געגאנגען און די זונן האט אויף געשיינט און יעדער איז געקומען צו זיין ארבעט. און עס האט ניט גערעגענט ביי טאג עס זאל ניט שטערין די ארבעט פון בית המקדש. גאט האט געמאכט וויסען די יודען אז זיי ארבעטין א הימלישע ארבעט. און גאט וויל דעם בית המקדש :

**יח** משנה . מעשה : תנו רבנן . די רבנן האבען געלערנט . אמאהל האט געטראפען עס איז אוועק געגאנגען מעהר ווי האלב אדר און עס איז נאך ניט געווען קיין רעגין . האט מען געזאגט צו חוני המעגל בעט עס זאל גיין רעגין : האט ער געבעטין און עס איז ניט געווען קיין רעגין . האט חוני געמאכט א קיילעכדיגע גרוב און האט זיך געשטעלט אין גרוב . אזוי ווי חבקוק הנביא האט געטאהן . אזוי ווא עס שטייט אין פסוק על משמרתי אעמודה . איך וועל שטיין אויף מיין געהיטען ארט . וער האט געמאכט אזוי ווי עס שטייט ביי יוסף ויריצוהו מן הבור . מען האט איהם געמאכט לויפין פון גרוב . ועיין רש"י אין סדרה מקץ) . האט חוני געזאגט פאר גאט רבונו של עולם דיינע קינדער האבען געטאהן זייער פנים אויף מיר . איך זאל פאר זיי בעטין . וייל איך בין ביי דיר אזוי ווי א שטוב מענטש . איך שווער ביי דיין גרויסען נאמען אז איך וועל ניט אוועק גיין פון דאנען ביז דוא וועסט רחמנות האבין אויף דיינע קינדער . האט אן געהויבען גיין טראפינס רעגין . האבען די תלמידים געזאגט צו חוני : רבי אזוי ווי מיר זעהן דיך בעטין מיר דיך מיר זאלין ניט שטארבין פאר הונגער . עס דוכט אונז אז דער רעגין גייט נאר כדי צו זיין ריין שבועה . האט חוני געזאגט צו זייא איהר וועט ניט שטארבין פאר הונגער . און חוני האט געזאגט פאר גאט ניט אזוי א רעגין האב איך געבעטין . איך האב געוואלט עס זאל רעגענען אזוי א רעגין אז אלע גריבער און אלע קעלערס זאלין פול ווערין מיט וואסער . האט אן געהויבין צו גיין רעגין מיט כעס . יעדער טראפ רעגין איז געווען א פולע פאס וואסער . די חכמים האבין גערעכינט אז יעדער טראפ רעגין איז געווען ניט ווייניגער ווי א לוג (דאס איז אזוי א מאס) . האבען די תלמידים געזאגט צו חוני רבי אזוי ווי מיר זעהן דיך בעטין מיר דיך מיר זאלין ניט שטארבין פאר הונגער . עס דוכט אונז אז דער רעגין גייט נאר צו פאר דארבין די וועלט . האט חוני געזאגט צו זייא איהר וועט ניט שטארבין : האט חוני געזאגט פאר גאט ניט אזוי א רעגין האב איך געבעטין . נאר איך וויל עס זאל גיין רעגין מיט דיין גוטען ווילען . פון דעם רעגין זאל זיין א ברכה : און אבאווילינג פון

מירושלי' להר הבית מפני הגשמי' א"ל רבי כשם שהתפלל' עליהם שירדו כך התפלל עליהם וילכו להם. ועוד כתיב במשנה אמר להם צאו וראו אם נמחית אבן הטועים ובברייתא לא נזכר זה א"א) אמר להם כך מקובלני שאין מתפללין על רוב הטובה אעפ"כ הביאו לי פר הודאה הביאו לו פר וסמך שתי ידיו עליו. אמר לפניו רבונו של עולם עמך ישראל שהוצאת ממצרים אינן יכולין לקבל לא רוב טובה ולא רוב פורענות כעסת עליהם אינן יכולין לקבל השפעת להם רוב טובה אינם יכולים לקבל יהי רצון מלפניך שיפסקו הגשמים ויהא ריוח בעולם מיד נשבה הרוח ונתפזרו העבים וזרחה חמה יצאו (וראו הר הבית שמלא) [העם לשדה והביאו להם] כמהין ופטריות שלח לו שמעון בן שטח אלמלא חוני אתה גוזרני עליך נידוי שאלו היו שנים כשני אליהו שמפתחות של גשמים בידי אליהו לא נמצא שם שמים מתחלל על ידך אבל מה אעשה שאתה מתחטא לפני המקום ועושה לך רצונך כבן שמתחטא לפני אביו ועושה לו רצונו. אומר ליה תוליכני לרחצני בחמין מוליכו. שטפני בצונן מוליכו. תן לי

אנוזים

(אבן טועים. שהמוצא מציאה עומד עליו ומכריזה והם נמצאים. אם נתכסית מים) : פר הודאה. להודות עליו ויעשה עליו כשלמים ויביאנה לשלמים חוני בזמן בית היה : כמהין ופטריות. נוטערי בלע"ז שיצאו מלחלוחית הגשמים וידעו שלברכה ירדו. ואני שמעתי לשון ביצה"ם סוגי"ם : אלמלא חוני אתה. ואדם גדול אתה : נדוי. שמנדין לכבוד הרב שפטתה דברים לא כך שאלתי אלא כך : כשני אליהו. בזמן עיצור גשמים. ומפתח גשמים בידו של אליהו גרסינן : לא נמצא שם שמים מתחלל : בשמים שאם אליהו היה נשבע חי ה' אם יהיה טל ומטר כי אם לפי דברי ואתה נשבעת שאין אתה זז משם עד שירדו גשמים : נמצא שם שמים מתחלל על ידך. דזה או זה באין לידי שבועת שוא : מתחטא. לשון חוטא מפייס וחוטא : תן לגבם

---

דיר. האט אן גיהויבן צו גיין רעגן אזוי וויא מען דארף ביז דיא יודען זענען ארויס גיגאנגען פון ירושלים אונ זענען ארויף גיגאנגען אויף דעם בארג ווא דער בית המקדש איז גישטאנען. וייל דער רעגן איז גיוועזן פול וואסער אויף די גאסין. האט מען גיזאגט צו חוני רבי אזוי ווי דוא האסט גיבעטין דער רעגן זאל קומען. אזוי זאלסטו בעטין דער רעגן זאל אויף הערין צו גיין. האט חוני צו זייא גיזאגט מיינע רבים האבען מיר גיזאגט אז עס קומט פיל גוטס. טאר מען ניט בעטין גאט זאל די גוטס צוריק נעמען. פון דעסטוועגין ברייגגט מיר איין אקס וועל איך אויף איהם כתודה זיין די עבירות. האט מען איהם גיבראכט איין אקס אונ ער האט ארויף גילייגט ביידע הענט אויף דעם קאפ פון אקס. אונ האט דעם אקס מקריב גיוועזן א קרבן. האט חוני גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם דיין פאלק יודען וואס דוא האסט ארויס גינומען פון מצרים קענען ניט פאר נעמען ניט פיל גוטס אונ ניט פיל שלעכטס. ווען דוא ביזט אויף זיי אין כעס גיוועזן האבען זיי ניט גיקענט פאר נעמען. ווען דוא האסט זיי גיגעבין פיל גוטס קענען זיי אויך ניט פאר נעמען. עס זאל זיין דער ווילען פאר דיר. דער רעגן זאל אויף הערין. אונ עס זאל זיין ארער ברייטערונג אויף דער וועלט. באלד האט אבלאז גיטאהן א ווינט אונ די וואלקינס זענען אויף גיגאנגען. אונ די זוה האט אויף גישיינט. אונ דאס פאלק איז ארויס גיגאנגען אין פעלד אונ האבען גיבראכט שוואמען וואס עס איז שוין אויף גיוואקסין פון דעם רעגן. שמעון בן שטח האט געשיקט צו חוני. ווען דוא ביזט ניט חוני. וואלט איך אויף דיר גוזר גיוועזן דוא זאלסט זיין אין חרם. ווארום ווען די יאהרין וואלטין גיוועזן אזוי וויא די יאהרין פון אליהו הנביא וואס די שליסלען פון רעגין זענען גיוועזן אין די הענט פון אליהו הנביא. אונ אליהו הנביא האט גישווארין ביי דעם נאמען פון גאט עס זאל ניט רעגנען. אונ דוא וואלסט גישווארין דוא וועסט ניט אוועק גיין פון דעם ארט ביז עס וועט יא רעגענען וואלט דאך דורך דיר פאר שעמט גיווארין דער נאמען פון גאט. ווארום איינער פון איין ביידע וואלט דאך גישווארין פאלש. אבער וואס זאל איך טאהן. אז דוא זינדיגסט אפילו פאר גאט. פון דעסטוועגין טוהט ער דיין ווילען. אזוי וויא אזוהן וואס ער זינדיגט פאר זיין פאטער. פון דעסטוועגין טוהט ער זיין ווילען. דער זוהן זאגט צום פאטער פיר מיך אין באד צום וואשין מיך מיט ווארעמע וואסער. אונ דער פאטער פירט איהם. דער נאך זאגט דער זוהן צום פאטער

ווען

פירש. כנסדרין: דור שהיה אפל. מרוב צער שלא ירדו גשמים: הושעת בתפלתך. מן הצרה שהבאת עליהם הושע:

אל אותו צדיק. חוני המעגל היה מצטער על המקרא הזה: שיר המעלות. לשון עלוי: היינו כחולמים. כחלום נדמה גלות בבל שהיה ע' שנה: כנפים שפס כחלמה וכו'. בתמיה מי איכא דגאים ע' שנין כשמן ישאחדם יבן ע' שנים בשינה אחת: עד ע' שנין לא טעין פירי. בטעינה קמייתא:

אגוזים שקדים אפרסקים ורמונים ונותן לו עליך הכתוב אומר (משלי כג) ישמח אביך ואמך ותגל יולדתך. תנו רבנן כך שלחו ליה בני לשכת הגזית לחוני המעגל (איוב כב) ותגזור אומר ויקם לך אתה גזרת מלמטה והקב"ה מקיים מאמרך מלמעלה ועל דרכיך נגה אור דור שהיה אפל הארתו בתפלתך. (איוב כב) כי השפילו ותאמר גוה דור שהיה שפל הגבהתו בתפלתך ושח עינים יושיע דור שהיה שח בעונו הושעתו בתפלתך ימלט אי נקי דור שלא היה נקי מלטתו בתפלתך ונמלט בבור כפיך במה נמלט במעשה ידיך הברורים:

**אמר** רבי יוחנן כל ימיו של אותו הצדיק היה מצטער על המקרא הזה (תהלים קכו) שיר המעלות בשוב ה' את שיבת ציון היינו כחולמים אמר אפשר שבעין שני בחלמא דמי איכא דניים ע' שנין יומא חד הוה קאזיל באורחא חזיה להאי גברא דקא נטע חרובא א"ל מכדי חרובא עד שבעין שנין לא טעין פשיטא לך דחיית ע' שנין ואכלת מיניה א"ל אנא עלמא בחרובא אשכחתיה כי היכי דשתלו לי אבהתי אנא נמי אשתול לבנאי

---

ווען ער האט אים שוין אפ געוואשען מיט ווארעמע וואסער. וואש מיך מיט קאלטע וואסער. וואשט ער איהם מיט קאלטע וואסער אויך. דער נאך זאגט ער צום פאטער גיב מיר נים מיט טאגרלען אויך אפרסקים מיט מילגרוימען. אונ דער פאטער גיט איהם. אויף דיר האט גיזאגט דער פסוק עס וועט זיך פרייען דיין פאטער אונ מוטער. אונ עס וועלין זיך פרייען די ווס האבען דיך געבאהרין. די רבנן האבען גילערנט די סנהדרין האבען געשיקט זאגין צו חוני המעגל עס שטייט אין פסוק דוא ווערסט זאגין א גזרה אונ עס וועט אזוי בלייבען שטיין. דוא האסט גוזר געוועזען א גזרה אויף דער ערד. אונ גאט האט מקיים געוועזען אויף דעם הימעל. וואס דוא האסט גוזר געוועזען. אין פסוק שטייט אויף דיינע וועגין טוהט שיינען אליכטיגקייט. דער דור וואס איהם איז געוועזען פינסטער. האסטו איהם ליכטיג געמאכט מיט דיין תפלה. אין פסוק שטייט ער האט איהם נידעריג געמאכט. האסטו געזאגט ער זאל גרויס ווערין. דער דור וואס איז נידעריג געוועזען. האסטו איהם אויף געהויבען מיט דיין תפלה. אין פסוק שטייט דער וואס זיינע אויגין זענען געוועזען איינגעבויגען. האט ער איהם געהאלפען. דער דור וואס איז געוועזען איינגעבויגען דורך זיינע זינד. האסטו איהם געהאלפען מיט דיין תפלה. אין פסוק שטייט ער האט גערעטעט דעם אומרייניגען: דעם דור וואס איז נים ריין געוועזען פון זיינע זינד. האסטו איהם גערעטעט ביז יעצט מיט דיין תפלה. אין פסוק שטייט ער איז אנטרונען געווארין מיט דיינע קלארע הענט: מיט וואס זענען אלע גערעטעט געווארין. דורך דיא קלארע מצות וואס דיינע הענט האבען געמאכט:

**אמר**. רבי יוחנן האט געזאגט די גאנצע צייט וואס דער צדיק חוני המעגל האט געלעבט האט ער געהאט צער פאר וואס ער ווייס נים דעם פסוק. שיר המעלות בשוב יי את שיבת ציון היינו כחולמים. ווען גאט וועט צוריק קערין די יודין פון בבל אין ציון. וועט אונז זיין די זיבעציג יאהר פון גלות בבל אזוי וויא עס וואלט געוועזען אחלום. האט חוני געזאגט איז דאס מעגליך אז זיבעציג יאהר זאל זיין אזוי וויא אחלום. איז דען דא אמענטש וואס זאל שלאפען זיבעציג יאהר. אמאהל איז חוני גיגאנגען אין וועג האט ער געזעהן אמענטש פלאנצט אבאקסין בוים. זאגט חוני געזאגט צו דעם מענטש אויף אבאקסין בוים וואקסט נים קיין פירות ביז זיבעציג יאהר. ווייסטו דען אז דוא וועסט לעבין נאך זיבעציג יאהר אונ דוא וועסט עסין דיא פירות פון דעם בוים. האט דער מענטש געזאגט צו חוני איך האב געפונען דיא וועלט מיט באקסין בוימער. אזוי וויא מיינע עלטערין האבען געפלאנצט באקסין בוימער פון מיינעטוועגין,

לבנאי יתיב וקא כריך ריפתא אתיא ליה שינתא ונים אהדרא עליה משוניתא ואיכסי מעינא ונים שבעין שנין כי קם (איתער) חזייה להוא גברא דאכיל מההוא חרובא א"ל ידעת מאן שתליה להאי חרובא א"ל אבוה דאבא אמר ודאי נייםי לי ע' שנין חזא לחמריה דקא ילדה ליה רמכי רמכי אזל לביתיה אמר להו בריה דחוני המעגל היכא אמרו ליה בריה ליתיה בר בריה איתא אמר להו אנא הוא לא הימנוהו אזל לבי מדרשא שמעינהו לרבנן דאמרי נהירא לן הא שמעתא האידנא כבשני דחוני המעגל דכד הוה עייל לבי מדרשא כל קושיא דהוו להו לרבנן הוה מפרק להו אמר להו אנא הוא לא הימנוהו ולא נהגו ביה יקרא כדמיבעי ליה חלש דעתיה בעא רחמי דליםות ונח נפשיה אמר רבא היינו דאמרי אינשי או חברותא או מיתותא :

ב אבא חלקיה בר בריה דחוני המעגל הוה והוו קא אזלי רבנן גביה כד הוו צריכי עלמא למיטרא זימנא חדא איצטריך עלמא למיטרא שדרו רבנן זוגא דרבנן לקמיה למיבעי רחמי ותיתי מיטרא אזלו לביתיה ולא אשכחוהו אזלו לגביה לדברא אשכחוהו דהוה קא רפיק

יתיב. חוני המעגל וקא כריך ריפתא : כ"ג אלא עלמא נתרובא אסכחהיה כי סיכי דבהלי לי אכהפי אלא נמי איסתיל לגרלי : אהדרא ליה משוניתא. עלהם סביביו שן סלע : איכסי מעינא. דאיכסי ולא אשכחוהו התם : בני רמכי רמכי. ולדי ולדות גלא הבנים דנים מעוברת זכר סיתם וחור יכא עליה והולידה : אמר להם. שאל מהם בנו של חוני המעגל קיים כוא : נהירא הך שמעתא. מוגהת לנו שמועה זו כאלו למדנוהו בחייו של חוני המעגל שהיה מפ־קה לנו ומגיה לנו יפה : (לא נהגו בו יקרא כדמבעי. ככל הצירך) : או חברותא או מיתותא, ול"ג הכא כהכבי דאיוב אלא בב"ב גבי מעשה דאיוב אם אין חבריו. של אדם נוהגין בו כבוד כבהלה נוח לו מיתות אי נמי משום בריוני לא כתיב בספרים :

---

אזוי וועל איך פלאנצין באקסין בוימער פון מיינע קינדערס וועגין. איז חוני גיזעסין און האט גיגעסין ברויט. איז אויף איהם גיקומען אשלאף און ער איז איינגשלאפין גיווארין. און ארום איהם איז אויף גיוואקסין שטיינער און ער איז בדעקט גיווארין אז קיינער האט איהם ניט גיזעהן און ער איז גישלאפין זיבעציג יאהר. אז ער איז אויף גישטאנען האט ער גיזעהן אמענטש עסט באקסין פון אבאקסין בוים. האט חוני גיזאגט צו דעם מענטש דו ווייסט ווער עס האט גיפלאנצט דעם באקסין בוים. האט דער מענטש גיזאגט מיין פאטערס פאטער האט איהם גיפלאנצט. האט חוני גיזאגט איך בין געווים גישלאפען זיבעציג יאהר. האט חוני גיזעהן אז פון זיין אייזיל איז גיבארין גיווארען אין די זיבציג יאהר פיל אייזלען. איז חוני געגאנגען אהיים. און ער האט גיזאגט צו די מענטשין וואס ער האט גיטראפען ווא איז דער זוהן פון חוני המעגל. האבין די מענטשין גיזאגט צו אים זיין זוהן איז שוין ניטא. זיין זוהנ'ס אזוהן איז נאך דא. האט חוני גיזאגט צו זייא איך בין חוני. האבין זיי אים ניט גיוואלט גלויבין. איז חוני געגאנגען אין בית המדרש. האט ער גיהערט די רבנן זאגין דער דין איז היינט אזוי גוט גילערנט גיווארען וויא אין די יאהרען וואס חוני המעגל האט גילעבט. אז חוני המעגל פלעגט אריין קומען אין בית המדרש אלע קשיות וואס די רבנן האבין גיפרעגט פלעגט ער פאר ענטפערין. האט חוני גיזאגט צו די רבנן איך בין חוני. האבין זייא אים ניט גיגלויבט. און זיי האבין אים ניט גיגעבין כבוד אזוי וויא מען האט אים גידארפט געבין כבוד. איז אים שוואך גיווארין זיין פארשטאנד. האט ער גיבעטין ער זאל שטארבין. איז ער גישטארבען. האט רבא גיזאגט דאס איז וואס מענטשין זאגין אדער מען זאל האבין חברים אדער מען זאל שטארבען :

ב אבא חלקיה איז גיוועזן אאייניקעל פון חוני המעגל. אז די וועלט האט גידארפט רעגין פלעגין די רבנן גיין צו אבא חלקיה ער זאל בעטין אויף רעגין. אמאהל האט די וועלט גידארפט רעגין. האבין די רבנן פון בית המדרש געשיקט צוויי רבנן צו אבא חלקיה ער זאל בעטין אויף רעגין. זענען די צוויי רבנן געקומען צו אבא חלקיה אהיים. האבין זיי אים ניט גיטראפען אין דער היים. זענען די רבנן גיגאנגען צו אבא חלקיה אין פעלד. האבין זיי אים גיטראפען ער גראבט די ערד. האבין זיי איהם גיגעבין שלום. און ער האט ניט אומגיקערט

זיין

רפיק. בדברא. עודר בשדה: לא אסבר להו אפיה. לא החזיר להם פניו: לפניא. לפנות ערב כשהלך לביתו: דלינהו למאניה. הגביה בגדיו אחד כתפא שלא יקרעו: כי מקשטא בתכשיטין: אמטול מיטרא. בשביל מטר בא: לאיגרא. לעלייה: זויתא זוית: מזויתא. דדביתהו. מאותו רוח שאשתו שם עלו העבים תחלה שנענים תחלה: אגיר יומא הואי. שכיר יום הייתי:

רפיק יהבו ליה שלמא (דף כ"ג) ולא אסבר להו אפיה בפניא הוה מנקט ציבי כי אתא דרא ציבי [ומרא] אחד כתפא וגלימיה אחד כתפא כל אורחא לא סיים מסאני כי מטא מיא סיים מסאני כי מטא ביני היזמי והיגי דלינהו למאניה (כי איכתלק מהתם אחתינהו למאניה) כי מטא למתא נפקא דביתהו לאפיה כי מקשטא כי מטא לביתא עיילא דביתהו ברישא והדר עייל איהו אבתרה והדר עיילי רבנן יתיב כריך ריפתא ולא אמר להו לרבנן איתו כריכו. פליג ריפתא לינוקי יהיב ליה לקשישא חדא ולזוטרא תרתי. אמר לדביתהו ידענא דרבנן אמטול מיטרא אתו ניקום ניסק לאיגרא למיבעי רחמי אפשר דמירצי הקב"ה ואתי מיטרא ולא נחזיק טיבותא לנפשין סקו לאיגרא קם איהו בחד זויתא ודביתהו בחד זויתא ובעו רחמי קדים סליק ענגא מזויתא דדביתהו כי נחית אמר להו אמאי אתו רבנן אמרו ליה שדרו רבנן לגביה דמר למיבעי רחמי ומייתי מיטרא אמר להו ברוך המקום שלא הצריך אתכם לאבא חלקיה אמרי ליה ידענא דמיטרא מחמת מר הוא דאתא אלא לימא לן מר הני מילי דתמיה לן מ"ט כי יהבינן ליה שלמא למר לא אסבר לן אפיה אמר להו אגיר יומא הואי

אמינא

---

זיין פנים צו זיי. פארן נאכט איידער ער איז געגאנגען אהיים האט ער צו זאמען געקליבען אביסול האלץ. אז ער איז געגאנגען אהיים האט ער געטראגען די האלץ און דעם רידעל אויף איין אקסיל. און זיין קאפאטע האט ער געטראגען אויף דעם אנדערען אקסיל. די גאנצע וועג האט ער ניט אן געטאהן די שיך. ער איז געגאנגען בארוועס. אז ער איז געקומען צו וואסער האט ער אן געטאהן די שיך. אז ער איז געקומען צווישען דערנער האט ער אויף געהויבען זיינע קליידער. אז ער איז אוועק געגאנגען פון די דערנער. האט ער אראפ געלאזען די קליידער. אז ער איז געקומען צום שטאט איז זיין ווייב געקומען צו איהם אנטקעגען און זי איז געוועזען אן געציירט מיט צירונג. אז ער איז געקומען צום שטוב. איז פריער אריין געגאנגען זיין ווייב: נאך איהר איז ער אריין געגאנגען. דער נאך זענען אריין געגאנגען די צוויי רבנן. דער נאך האט אבא חלקיה זיך געזעצט עסין ברויט. און ער האט ניט געזאגט צו די רבנן קומט מיט עסין. דער נאך האט ער געטיילט ברויט צו די קינדער. דעם עלטערין קינד האט ער געגעבין איין שטיקול ברויט. דעם קלענערין קינד האט ער געגעבין צוויי שטיקלאך ברויט. האט אבא חלקיה געזאגט צו זיין ווייב איך ווייס אז די רבנן זענען געקומען וועגין רעגין מיר וועלין ארויף גיין אויף דעם בוידים און מיר וועלין דארט בעטין אויף רעגין. טאמער וועט גאט וועלין און עס וועט באלד גיין רעגין. וועלין די רבנן ניט וויסען אז מיר האבען געבעטין אויף דעם רעגין. זיי וועלין מיינען דער רעגין איז אליין געקומען. וועלין די רבנן ניט זאגין אז מיר האבען געטאהן די וועלט א טובה. זענען זיי ביידע ארויף געגאנגען אויף דעם בוידים. ער האט זיך געשטעלט אין איין ווינקול. און האט געבעטין. און זיא האט זיך געשטעלט אין אנדערין ווינקול און האט געבעטין. זענען פריער געקומען די וואלקינס פון דעם זייט וואס זיא איז געשטאנען. איהר תפלה איז פריער אן גענומען געווארין. אז ער איז אראפ געקומען פון בוידים האט ער געזאגט צו די רבנן וועגין וואס זענט איהר געקומען. האבען זייא געזאגט צו איהם דיא רבנן האבען אונז געשיקט צו דיר דוא זאלסט בעטין עס זאל גיין רעגין. האט אבא חלקיה געזאגט צו די רבנן געלויבט איז גאט אז איהר האט ניט געדארפט אן קומען צו די תפלה פון אבא חלקיה. אן מיין תפלה גייט אויך רעגין. האבען די רבנן געזאגט צו אבא חלקיה מיר וויסין אז דער רעגין איז געקומען דורך דיין תפלה. נאר זאג אונז די וואונדערליכע זאכין וואס מיר האבען פון דיר געזעהן פאר וואס אז מיר האבען דיר געגעבין שלום האסטו ניט אומגעקערט דיין פנים צו אונז. האט אבא חלקיה צו זיי געזאגט איך בין געוועזען פאר דונגען אויף דעם טאג צו אפרעמדע ארבעט. האב

איך

אמינא לא איפגר מ"ט דרא מר ציבי אחד כתפיה וגלימא אחד כתפיה א"ל טלית שאולה הוה להכי שאילה לי ולהכי לא שאילה לי מ"ט כל אורחא לא סיים מר מסאני וכי מטא למיא סיים מסאני כולי אורחא קא חזינא במיא לא קא חזינא מ"ט כי מטא מר בהיזמי והיגי דליה ללבושיה אמר זה מעלה ארוכה וזה אין מעלה ארוכה מאי טעמא נפקא דביתהו דמר לאפיה כי מקשטא אמר להו כדי שלא אתן עיני באשה אחרת. מ"ט עיילה היא ברישא ומר עייל אבתרה והדר עיילינן אנן אמר להו משום דלא בדיקיתו לי כי כריך מר ריפתא מ"ט לא אמר לן כרכו ריפתא דלא הוה נפישא ריפתא ואחזוקי לרבנן טובת חנם לא בעינא מ"ט יהב מר לינוקא קשישא חדא ולזוטרא תרתי האי קאי בביתא והאי קאי בבי כנישתא מ"ט קדים סליק ענני מהאי זויתא דהוה קיימה דביתהו דמר

אמינא לא איפגר. לא אתבטל ממלאכתי כמו יומא דמיפגרי רבנן: מ"ט דאחרו מר. כתא טליא על הכתף אחד ולא נתנו אחד כמשוי: שאולה היא לבכי שאולה לי. להתעטף בה: לבכי לא אושאלו לי. דמודרי עליה ציבי ולמקרעי: במיא לא חזינא. מאי איכא בהו דאית יזכהו דג או נחש: דלא כדיקיתו. אחזן אש כהרים אחד לא פרולים דאמר מר לעולם יהא בעיניך כל אדם כליסטים: טובת חנם. דהיינו לא הוו אכלי דלוכא ריפתא וקא מחזיקא כהו טובת חנם: זוטרא קאי בבי כנישתא. קאי רביה ולא אתי כל יומא: דהיתה בביתא בביתה. כל שעתא וכי מצריך עניא מידי אזלא ויהבא ועוד: דמקרב הנאתה. הנאות שהיא עושה לעני קרובות ומזומנות כגון לחם וקמח וקטניות שאין לעני טורח בהם אבל אבי

---

איך ניט גיטארט שטערין מיין ארבעט. האבען די רבנן גיפרעגט פאר וואס האסטו גיטראגין די האלץ אויף איין אקסעל אונ דיין קאפאטע אויף דעם אנדערין אקסעל. פאר וס האסטו ניט גילייגט די קאפאטע אונטער די האלץ. האט אבא חלקיה גיזאגט די קאפאטע איז איין גיבארגטע. מען האט זיא מיר נאר גיבארגט אן צו טאהן אויף זיך. אבער ניט אונטער צו לייגען אונטער די האלץ. האבען די רבנן גיפרעגט פאר וואס די גאנצע וועג ביסטו גיגאנגען אן שיך. אונ אז דוא ביסט גיקומען צום וואסער האסטו אן גיטאהן די שיך. האט אבא חלקיה גיזאגט די גאנצע וועג האב איך גיזעהן אויף וואס איך גיי. אין וואסער זעהט מען דאך ניט אויף וואס מען גייט. טאמער וועל איך ארויף טרעטען אויף אשארפע זאך וואס איך וועט מיר צו שניידען די פיס. דריבער האב איך אן גיטאהן די שיך. האבען די רבנן גיפרעגט פאר וואס אז דוא ביסט גיקומען צו דערנער האסטו אויף גיהויבין דיין קלייד. עס וואלט דאך בעסער גיוועזן אז דאס קלייד זאל פאר שטעלין דיין לייב זאל ניט צו שטאכען ווערען פון די דערנער. האט אבא חלקיה גיזאגט דאס לייב קען צוריק גיזונד ווערין. אבער אז דאס קלייד וועט צעריסען ווערין פון דיא דערנער וועט זיא ניט צוריק גאנץ ווערען. האבען דיא רבנן גיפרעגט פאר וואס איז דיין ווייב ארויס גיקומען דיר אנטקעגין אויס גיפוצט. האט אבא חלקיה גיזאגט איך זאל ניט קוקען אויף איין אנדער אשה. האבען די רבנן גיפרעגט פאר וס איז דיין ווייב פריער אריין גיגאנגען אין שטוב. אונ דוא ביסט אריין גיגאנגען נאך איהר. דער נאך זענען מיר אריין גיגאנגען. האט אבא חלקיה גיזאגט וייל איך קען איך ניט דריבער האב איך ניט גיוואלט לאזען מיין ווייב אינטער מיר נעבען איך. האבען די רבנן גיפרעגט פאר וואס אז דוא האסט גיגעסען ברויט האסטו ניט גיזאגט צו אונז מיר זאלען מיט עסען מיט דיר. האט אבא חלקיה גיזאגט ווייל עס איז ניט גיוועזן פיל ברויט. וואלט איהר דאך מיט מיר ניט גיגעסען. אונ איך האב ניט גיוואלט איהר זאלט מיר אומזיסט דאנקען. האבען די רבנן גיפרעגט פאר וואס האסטו גיגעבין דעם עלטערען קינד איין שטיקול ברויט אונ דעם קלענערען האסטו גיגעבען צוויי שטיקלאך ברויט. הט אבא חלקיה גיזאגט. דער עלטערער איז אגאנצען טאג אין דער היים. ווען ער וויל עסט ער. האט ער געווים ניט לאנג גיגעסען. אונ דער קלענערער איז אגאנצען טאג אין חדר אונ לערנט ביי זיין רבי. איז שוין לאנג אז ער האט גיגעסען אונ ער איז געווים הונגעריג. האבען די רבנן גיפרעגט פאר וואס זענען די וואלקענס געקומען פריער פון דער זייט וואס דיין ווייב איז גישטאנען אונ האט גיבעטען. דך נאך זענען געקומען די וואלקענס פון דיין זייט. האט אבא חלקיה גיזאגט ווייל אשה איז אגאנצן

טאג

דמר לעננא דידיה משום דאתתא שכיחא בביתא ומקרבה הנייתא לעני יותר מדגברי אי נמי בריוני שכיחי בשבבותן אנא קבעינא רחמי עלייהו דנימותו ואיהי הות קא בעיא רחמי עלייהו דלהדרו בתשובה ואהדרו:

**כא חנין** הנחבא בר ברתיה דחוני המעגל הוה כי הוה מצטריך עלמא למיטרא משדרי רבנן ינוקי דבי רב לגביה ונקטי ליה בשיפולי גלימיה ואמרי ליה אבא אבא הב לן מיטרא אמר לפני הקב"ה רבונו של עולם עשה בשביל אלו שאין מכירין בין אבא דיהיב מיטרא לאבא דלא יהיב מיטרא ואמאי קרי ליה חנין הנחבא שהיה מחבא את עצמו בבית הכסא:

**כב א"ל** רבי זריקא לרב ספרא תא חזי מה בין תקיפי ארעא דישראל לחסידי דבבל רב הונא ורב חסדא כי הוה מצטריך עלמא למטרא הוה א"ל חד לחבריה ליכנוף לגבי הדדי ולבעי רחמי אפשר דמתרצי הקב"ה ואתי מיטרא תקיפי דארעא דישראל כגון ר' יונה אבוה דרבי מני כי הוה מצטריך עלמא למטרא שקיל גולקא ואמר לאינשי ביתיה איזיל ואייתי בזוזא עיבורא אזל וקאי בדוכתא עמיקתא דכתיב (תהלים קל) ממעמקים קראתיך ה' וקאי בדוכתא צניעה

**פירוש**

מיהן להם מעות: אי נמי. להכי קדים עננא מזויתא דידה: משום הנך בריוני. בוריים עם הארץ: ינוקי דבי רב. תינוקות של בית רבן כדי להצריך לבו ולכוין תפלתו: בשיפולי. בשולי בגדיו: אבא אבא. כך רגילין לקרותו כיתום באומר אבי אבי: שאין מכירין. בין (חנין לתלמידי חכמים) [חוני לאבא] כסבורין עלי שאני אביהן: ה"ג שהיה מחביא ול"ג בבה"כ כלומר מתחבא כי הוה בעי מיטרא מפני שאמר נפשם מרוב ענוה: ואמאן דגרים מחביא את עצמו בבית הכסא כלומר מתחבא בבגדיו כשהוא נכנס להסך את רגליו מרוב צניעות: רב הונא ורב חסדא. מחסידים דבבל מפרסמין את הדבר ושל אנ"י לצועים ולא היו מודיעין שבשבילם בא מטר: ליכנוף אהדדי. אנמא (בפרהסיא היו עושים לא בצנעא נ"א ליכניף אהדדי) משום חד מינייהו לא הוה אתי מטרא: תקיפי דארעא דישראל. רבי יונה וקא חזינן דמתחסים בלחוד הוה אתי מטרא: גולקא. שקא בלע"ז: אייתי בזוזא עיבורא. מפני היוקר: בדוכתא עמיקתא. בעמק או תחת הסלע כדי שלא יראוהו

טאג אין שטוב. אז אארעם מאן קומט גיט זיא אים באלד עפעם. און זיא גיט אים פערטיגע עסין וואס ער קען באלד הנאה האבען. און דער מאן אז ער גיט עפעם צו אארעם מאן. גיט ער איהם גאר געלט. און ער איז ניטא אגאנצין טאג אין שטוב. ער איז אין פעלד זעהט ער גאר ניט דעם ארעם מאן. אדער דריבער זענען די וואלקינס פריער געקומען פון איהר זייט. וייל געבין אונז וואהנען שלעכטע מענטשין. איך האב גיבעטין אויף זיי זיי זאלי שטארבין. און מיין וייב האט גיבעטין אויף זיי זיי זאלען תשובה טאהן. און זייא האבין תשובה גיטאהן:

**כא** חנין הנחבא איז גיוועז אאייניקול פון חוני המעגל. אז די וועלט הט גידארפט רעגין פלעגין די רבנן שיקען צו איהם די קליינע קינדער פון חדר. פלעגין די קינדער אן געמן די פארעס פון זיינע קליידער און זיי פלעגין זאגין צו אים טאטא טאטא גיב אונז רעגין. הט חנין גזאגט פאר גאט רבונו של עולם גיב רעגין פון וועגין די קינדער וואס זיי קענען ניט צווישען דעם דעם טאטין וואס קען געבין רעגין און דעם טאטין וואס קען ניט געבין קיין רעגין. פר וואס הט מען אים גירופען חנין הנחבא. וייל ער פלעגט זיך בעהאלטין אין בית הכסא. ער פלעגט זיין מיט פרומקייט אפילו אין בית הכסא:

**כב** אמר. רבי זריקא הט גזאגט צו רב ספרא קום זעה וואס דער חילוק איז צווישען די שטארקע מענטשין פון ארץ ישראל. און די חסידים פון בבל. רב הונא און רב חסדא וואס זיי זענען די חסידים פון בבל אז די וועלט פלעגט דארפען רעגין. פלעגט זאגין איינער צום אנדערין לאמיר ביידע צו זאמען קומען און מיר וועלין בעטין טאמער וועט גאט וועלין עס זאל גיין רעגין. דער וייל פלעגין אלע מענטשין וויסען אז דורך זייער תפלה איז גיקומען דער רעגין. און די שטארקע מענטשין פון ארץ ישראל. אזוי ווי רבי יונה דער פאטער פון רבי אמי. אז די וועלט האט גידארפט רעגין. האט ער גינומען אקארב און ער האט גזאגט צו די מענטשין פון זיין שטוב איך וועל גיין ברייגען פאר אגילדען קארין. איז ער גיגאנגען און האט זיך גישטעלט אין אנידעריגען ארט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דוד המלך הט גזאגט

צניעה והוה מיכסי שקא ובעי רחמי ואתי מטרא כי הוה אתא לביתיה א"ל אייתי מר עיבורא אמר להו אמינא הואיל ואתא מטרא רווח עלמא. ותו רבי מני בריה הוו קא מצערו ליה דבי נשיאה אזיל אשתטח אמערתא דאבוה א"ל אבא אבא הני מצטערו לי יומא חד הוו קא חלפי התם אנקוט כרעייהו דסוסוותייהו עד דקבילו עלייהו דלא קא מצערי ליה ותו רבי מני (יומא חד) הוה שכיח קמיה דרב יצחק בן אלישיב א"ל עתירי דבי חמא קא מצערי לי אמר ליענו ואיענו אמר קא דחקו לי ליעתרו איעתרו אמר לא מקבלא דביתאי עלאי א"ל מה שמה הנה תתיפה הנה נתיפתה אמר קא מרדה יעלי אמר תחזור הנה לשחרוריתה וחזרה הנה לשחרוריתה :

**כג הנהו** תרי תלמידי דהוו (שכיחי) קמיה דר' יצחק בן אלישיב אמרי ליה נבעי מר רחמי עלן דנחכים טפי אמר להו עמי היתה ושלחתיה . ר' יוסי בר אבין הוה שכיח קמיה דרבי יוסי דמן יוקרת שבקיה ואתא

בני אדם שאפי' לביתו לא היה מודיע : אינהו נן מידי . מעבורא דאזלא למזבן : רווח עלמא . וליהוי בשפע מפני המטר ולהכי לא זבני כיוקרא דהשתא : הוו קא חלפו . דבי נשיאה : היה . עלי מערתא דרבי יונה : אינקוט כרעייהו . נדבק רגלי סוסיהם בקרקע בטל גבי המערה ולא היו יכולין לזוז ממקומם אלא הניחום לילך עד שקבלו עליהם שלא לצער עוד רבי מני כנו : הוה שכיח . רבי מני לפני ר' יצחק בן אלישיב : עתירי דבי חמי . עשירים של בית חמי : ליענו . יהיו עניים : דחקו לי . כדי שאתן להם פרנסה שהם עניים : לא מקבלה דביתהי עלאי . כלומר אינה מקובלת אשתי עלי ואין דעתי מיושבת עליה לפי שאינה יפה : (קא מרדה עלי . שמורדת עלי ואינה חושבת לי שאינה יפה תואר ואני שהוא ופ"ה) מתגדרת עליו מתגדרת עלי מפני התואר יופיה כמו מקום גדר לי אבותי להתגדר בו :

עמי היתה ושלחתיה . (כלומר שקבלתי עלי שלא להתפלל על ענין זה שהתפללתי קודם) דבר זה היה בידי בכל מה שהייתי מבקש היו נותנין לי ועכשיו אין תפלתי מקובלת כ"כ (ומפני שלא היה רוצה להעביר לפני המקום אמר כן) : יוקרת

פון דער טיפעניש רוף איך צו דיר גאט . אונ ער איז געשטאנען אין אבהאלטענעם ארט , קיינער זאל איהם ניט זעהן . אונ ער הט זיך בדעקט מיט אזאק . אונ האט געבעטין צוא גאט . איז געגאנגען רעגין . האט קיינער ניט געוואוסט אז דורך זיין תפלה איז געקומען דער רעגין . אז ער איז געקומען אהיים . האט מען געזאגט צו איהם האסטו געבראכט קארין . האט ער געזאגט צו זיי איך האב געטראכט ווייל עס גייט שיין רעגין וועט געווים באלד וואהלפעלער ווערין . האב איך ניט געוואלט איצט צאהלען טייער . נאך האט רבי יונה געטאהן : די מענטשין פון נשיא פלעגין מצער זיין רבי מני דעם זוהן פון רבי יונה . איז געגאנגען רבי מני . אונ האט זיך פאר שפרייט אויף דעם קבר פון זיין פאטער . אונ ער האט געזאגט טאטע טאטע דיא מענטשין פון נשיא זענען מיך מצער . אמאהל האט געטראפען דיא מענטשין פון נשיא זענען געפארען ביי דעם קבר פון רבי יונה . זענען פאר האלטען געווארין דיא פיס פון זייערע פערד אויף די ערד . אונ די פערד האבען ניט געקענט אוועק גיין פון זייער ארט . ביז דיא מענטשין פון נשיא האבען גענומען אויף זיך זיי זאלען ניט מצער זיין רבי מני . נאך הט אים געטראפען . רבי מני פלעגט אלע מאהל קומען פאר רב יצחק בן אלישיב האט רבי מני געזאגט צו רב יצחק די רייכע מענטשין פון מיין שווער זענען מיך מצער . האט רב יצחק געזאגט זייא זאלען ארעם ווערין . זענען זייא ארעם געווארין . האט רבי מני געזאגט צו רב יצחק זייא זענען מיר מצער איך זאל זיי געבין פרנסה ווייל זיי זענען ארעם . האט רב יצחק געזאגט זיי זאלען רייך ווערין . זענען זיי רייך געווארין : נאך האט רבי מני געזאגט צו רב יצחק מיין ווייב געפעלט מיר ניט . האט רב יצחק געזאגט ווי איז איר נאמען . האט רבי מני געזאגט איר נאמען איז חנה . האט רב יצחק געזאגט חנה זאל שיין ווערין איז חנה שיין געווארין . האט רבי מני געזאגט צו רב יצחק מיין ווייב וויל מיך ניט . ווייל זי איז שיין געווארין . הט רב יצחק געזאגט חנה זאל צוריק שווארץ ווערין . איז חנה צוריק שווארץ געווארין :

**כג** הנהו . צווייא תלמידים זענען געוועזען פאר רבי יצחק בן אלישיב . האבען זייא געזאגט צו איהם זאל דער רבי בעטין פון אונזערט וועגין מיר זאלען קלוג ווערין . האט רבי יצחק געזאגט צו זיי דאס איז אמאהל געוועזען מיט מיר . אלץ וואס איך האב געבעטין האט מען מיר געגעבען . אונ איך האב דאס אוועק געשיקט . איך וויל שוין ניט מער בעטין . רבי יוסי בר

ואתא לקמיה דרב אשי (דף כד) יומא חד שמעיה דקא גרים אמר שמואל השולה דג מן הים בשבת כיון שיבש בו כסלע חייב א"ל איהו ובין סנפיריו א"ל לא סבר מר דהאי רבי יוסי בר אבין אמרה א"ל אנא הוא רבי יוסי בר אבין א"ל ולאו קמיה דר' יוסי דמן יוקרת הוה שכיח מר א"ל אין ומה טעם שבקיה מר ואתא הכא א"ל גברא דעל בריה ועל ברתיה לא חייס עלי דידי היכי חייס. בריה מאי היא יומא חד הוו אגרו ליה אגירי בדברא נגה למיתי להו ריפתא א"ל לבריה כפנינן הוה התם תאנה אמר תאנה תאנה הוציאי פירותיך ויאכלו פועלי אבא אפיקו ואכלי אדהכי והכי אתא אבוה אמר להו לא תנקטו לי ברעתיכו דהאי דנגהנא דבמילתא דמצוה הואי. ועד השתא הוא דסגאי א"ל רחמנא לשבעך כי היכי דשבעינן ברך אמר להו מאי הואי הכי והכי הוה. א"ל בני אתה הטרחת את קונך להוציא תאנה פירותיה שלא בזמנו יאסף שלא בזמנו. ברתיה מאי

שם המקום: יומא הד ממפיה. רב אשי לרבי יוסי בר אבין. נ"ה שמעיה רבי יוסי בר אבין לרב אשי: דקא גרים אמר שמואל השולה דג מן הים בשבת כיון שיבש בו כסלע. אע"פ שהוא מפרכס ניתר קן ונעוד שהוא מפרכס הבליעו במים: חייב. משום נטילת נשמה שכיה אב מנאכה: א"ל. ר' יוסי: ובין כנפיריו. דודאי לא חיי ובאין מהיסר לידם עכקין כגון שלהו בתוך הכל וכניתו במים להיות כדרך שעושין הדייגים: א"ל. רב אשי: ולא סבר לה מר דהאי. ובין סנפיריו ר' יוסי בר אבין אמרה כלומר מ"ע לא אמרת לה מאמיה שכל האומר דבר בשם אומרו וכו': כנפידיו. שמורה כהן: נגה. שהה ר' יוסי והיו כמורין שיביא להם להם: לא תנקטו לי. אל תחשדוני שלא הבאתי לכם מזונות עד עכשיו: (דכנאי. בטרחתי והתרתי):

---

אבין פלעגט אלע מאהל קומען פאר רבי יוסי פון יוקרת. דער נאך האט רבי יוסי בר אבין פאר לאזען דעם רבי יוסי פון יוקרת אונ איז גיקומען פאר רב אשי. אמאהל האט רבי יוסי בר אבין גיהערט ווי רב אשי לערנט שמואל האט גזאגט אז מען פאנגט א פיש פון וואסער אום שבת. ווי באלד דער פיש איז טרוקען גיווארען אזוי וויא א טאלער. אפילו דער פיש צאפילט נאך. אונ ער האט איהם אריין גיווארפען צוריק אין וואסער ווען ער האט נאך גיצאפילט. פון דעסטוועגען איז ער חייב וועיל ער האט גיהרגת אלעבעדיגע זאך אום שבת. ווארום דער פיש וועט שוין געוויס ניט לעבין. האט רבי יוסי גזאגט אויב ער איז טרוקען צווישען דיא פלוס פעדערין. וועט ער שוין געוויס ניט לעבין. האט רב אשי גזאגט צו רבי יוסי ווייסטו דען ניט אז דעם דין וואו ער דארף זיין טרוקען צווישען די פלוס פעדערין האט רבי יוסי בר אבין גזאגט. פאר וואס זאגסטו דאס ניט פון זיינעט וועגין. האט רבי יוסי גזאגט איך בין רבי יוסי בר אבין. האט רב אשי גזאגט צו רבי יוסי בר אבין פלעגסטו דען ניט קומען לערנען פאר רבי יוסי פון יוקרת. האט רבי יוסי בר אבין גזאגט יא. האט רב אשי איהם גיפרעגט פאר וואס האסטו פאר לאזען רבי יוסי פון יוקרת אונ ביסט גיקומען צו מיר. האט רבי יוסי בר אבין גזאגט אז רבי יוסי פון יוקרת איז אזוי אמענטש וואס האט ניט רחמנות אויף זיין זוהן אונ גיט אויף זיין טאכטער. וועט ער אויף מיר רחמנות האבען. זאגט די גמרא וואס איז גיוועזען מיט זיין זוהן. אמאהל האט מען גידונגען ארבעטער זיי זאלען ארבעטין אין פעלד האט זיך רבי יוסי פאר שפעטיגט צו ברייגען עסין פאר די ארבעטער. האבען די ארבעטער גזאגט צו זיין זוהן מיר זענען הונגעריג. איז דארט גישטאנען אפייגען בוים. האט דער זוהן גזאגט פייגען בוים פייגען בוים גיב ארויס דיינע פייגען וועלין עסין די ארבעטער פון מיין פאטער. האט דער בוים ארויס גיגעבין פייגען. אונ די ארבעטער האבען גיגעסען. דער ווייל איז גיקומען דער פאטער האט ער גזאגט צו דיא ארבעטער איר זאלט ניט זיין אין בעס אויף מיר וואס איך האב מיך פאר שפעטיגט: ווייל איך האב גימוזט טאהן אמצוה. אונ איך האב מיך פאר שפעטיגט ביז איצט. האבען די ארבעטער גזאגט צו רבי יוסי גאט זאל דיך אזוי זאט מאכען ווי דיין זוהן האט אונז זאט גימאכט. האט רבי יוסי גזאגט צו דיא ארבעטער וואס איז דא גיוועזען. האבען די ארבעטער גזאגט אזוי אונ אזוי איז גיוועזען. האט רבי יוסי גזאגט צו זיין זוהן דו האסט מטריח גיוועזען דיין בשעפער אז דער פייגען בוים זאל ארויס געבין זיינע פירות פאר דער צייט. זאלסטו שטארבען פאר דיין צייט. וואס איז גיוועזען מיט זיין טאכטער.

רבי

מאי היא הויא ליה ההיא ברתא בעלת יופי חזייה להוא גברא דהוה קא (בדיק) [כריא] בהוצא וקא מהדר אבתרה למחזייה א"ל מאי האי א"ל רבי אם ללקחה לא זכיתי לראותה לא אזכה אמר לה בתי קא מצערת לברייתא שובי לעפרך ואל יכשלו בך בני אדם וכן הוה לה. הויא ליה ההוא חמרא כד הוה אגר לה הוו מותבי אגרא עילווה ואתיא לבי מרה ואי טפי לה או בצרי לה לא אתיא יומא חד אנשי זוגא דסנדלי עלה ולא אזלה עד דשקלו היימנה והדר אזלה:

דהוה (בדיק) [כריא] בהוצא. (פיה מנקב בין הגפנים כדי להסתכל ביופיה): [וסותר גדר הגליל כדי להסתכל דרך הנקב: א"ל ר' יוסי מאי האי. מה אתה מעיין כאן]: (דקא מצערת לברייתא. מפני שאת יפה ויצר הורע עליהם בזכי נעפי"ך): [אנשי. שכחו]:
טפו. מהתבאים ממנו: ביתום ויתומה. לזווגן זה לזו: העבודה. שבועה: פש חד זוזא. דהו לא צריך לאעסוקי יתום ויתומה: באכלבא.

**כד אליעזר** איש ברתותא כד חזו ליה גבאי צדקה טשו מיניה דכל דהוה נקיט הוה יהיב להו יומא חד סליק לשוקא למזבן ליה נדוניא לברתיה חזיוהו גבאי צדקה טשו מיניה אזל ורהט בתרייהו א"ל אשבעתיכו במאי עסקיתו א"ל בנידוניא דיתום ויתומה אמר להו העבודה שהן קודמים לבתי שקל כל מה דהוה ליה יהביה ניהלייהו פש גביה חד זוזא אזל זבן ביה חיטי ואסיק שדייה באכלבא אתיא דביתהו א"ל לברתה מאי אייתי לך אבוך אמרה לה כל מה דאייתי לאכלבא אסקיה סליקא אתיא למפתח בבא דאכלבא הזייה

---

רבי יוסי האט גיהאט אשיינע טאכטער. האט רבי יוסי גיזעהן אז א מענטש באהערט אלאך אין די וואנט ער זאל קענען זעהן זיין טאכטער. האט רבי יוסי גזאגט צו דעם מענטש צו וואס באהערסטו אלאך אין די וואנט. האט דער מענטש גזאגט צו רבי יוסי. רבי אויב איך האב ניט זוכה גיוועזן צו נעמען די מיידיל פאר אווייב. זאל איך ניט זוכה זיין איר צו זעהן אויך. הט רבי יוסי גזאגט צו זיין טאכטער. מיין טאכטער דוא ביסט מצער מענטשין מיט דיין שיינקייט. גיי צוריק צו דיין ערד. מענטשין זאלען ניט גישטרויכעלט ווערין דורך דיר. אונ אזוי איז איר גיווארין. זי איז גישטארבען. רבי יוסי האט גיהאט אאייזיל אז איינער פלעגט אים דינגען. פלעגט מען ארויף לייגען די געלט אויף דעם אייזיל. אונ דער אייזיל פלעגט גיין מיט דעם געלט צו זיין בעל הבית. צו רבי יוסי. אונ אויב מען האט ארויף גילייגט אויף דעם אייזיל מער געלט אדער ווייניגער געלט ווי מען האט צו גזאגט. האט דער אייזיל ניט גיוואלט גיין. אמאהל האט מען פאר געסין אפאר שיך אויף דעם אייזיל. הט דער אייזיל ניט גיוואלט גיין ביז מען הט אראפ גינומען די שיך פון אים. איז ער גיגאנגען אהיים:

**כד** אלעזר איש ברתותא אז די גבאים פון צדקה פלעגין איהם זעהן. האבען זיי זיך בעהאלטען פון איהם. ווארום אלץ וואס ער האט גיהאט ביי זיך פלעגט ער זיי אוועק געבין. אמאהל איז אלעזר גיגאנגען אין גאס ער זאל קויפען קליידער צו זיין טאכטערס חתונה. האבען די גבאים פון צדקה איהם דער זעהן. האבען זיי זיך בעהאלטען פון איהם. איז אלעזר גילאפען אונ האט זיי גיכאפט. אונ האט גזאגט צו זיי איך בשווער אייך איר זאלט מיר זאגן פאר וועמען איר נעמט איצט צדקה. האבען זיי גזאגט צו איהם מיר גייען צו זאמען נעמען אנבן פאר איתום מיט איתומה. זיי חתונה צו מאכען. האט אלעזר צו זיי גזאגט איך שווער אז זיי זענען פריער ווי מיין טאכטער. האט אלעזר גינומען אלץ וואס ער האט גיהאט אונ הט אוועק גיגעבען צו די גבאים. איז איהם געבליבען איין גילדען. איז ער גיגאנגען אונ האט גיקויפט פאר דעם גילדען ווייץ. אונ ער האט ארין גילייגט די ביסול ווייץ אין זיין שפייכלער. איז גיקומען די ווייב פון אלעזר אונ האט גיפרעגט ביי די טאכטער וואס האט דיין פאטער דיר גיבראכט. האט די טאכטער גזאגט אלץ וואס ער האט גיבראכט האט ער ארין גילייגט אין שפייכלער. איז זיא גיגאנגען עפענען די טיר פון שפייכלער זעהן וואס איר מאן הט גיבראכט

פאר

חזייה אכלבא דמליא חיטי וקא נפקא בצנורא דדשא ולא מיפתח בבא מחיטי כי אתא מבי מדרשא אמרה ליה ראה מה עשה לך (בוראך) [אוהבך] אמר לה העבודה הרי הם הקדש עליך ואין לך בהם אלא כאחד מעניי ישראל :

**כה רבי** יהודה נשיאה גזר תעניתא בעא רחמי ולא אתא מטרא אמר כמה איכא בין שמואל הרמתי ליהודה בן גמליאל אוי לדור שנתקע בכך אוי לו למי שעלתה בימיו כך . חלש דעתיה ואתא מטרא . (ר' יהודה) [דבי] נשיאה גזר תעניתא ולא אודעינהו לר"י ולר"ל לצפרא אודעינהו א"ל ר"ל לרבי יוחנן הא לא קבלינן עלן מאורתא א"ל אנן בתרייהו גררינן . דבי נשיאה גזור תעניתא (בעו רחמי) ולא אתא מטרא תנו להו אושעיה זעירא דמן חבריא (במדבר טו) והיה אם מעיני העדה נעשתה לשגגה משל לכלה בזמן שעיניה יפות אין כל גופה צריך בדיקה ובזמן שאין עיניה יפות כל

הולך חטים : מה עשה לך אוהבך . הקב"ה : אלא כאחד מעניי ישראל . משום דמעשה נסים הוה ואסור ליהנות ממעשה נסים כדאמרינן לעיל ואם עושין לו נס מנכין לו מזכיותיו :

(ר' יהודה נשיאה . היה בנו של ר"ג ברבי) :

בין שמואל הרמתי (ליהודה בן גמליאל . דאפילו באחד בניסן שהיה סימן קללה הוא בעי אמטרא) דכתיב הלא קציר חטים היום אקרא אל ה' ויתן קולות ומטר וגו' ועכשיו בדורו של ר' יהודה בן גמליאל שהיא שרוי בתוכו בעי רחמי ולא מבגהי ביה : שנתקע . הקוע : הא לא קבלינן עילון מאתמול . כדאמרינן לעיל מאימתי מקבל רב אמר במנחה ושמואל אמר בתפלת מנחה : אנן בתרייהו גררינן . כלומר עליהו דבי נשיאה סמכינן וגררינן נפשין בתרייהו וכדמקבלינן מאתמול דמי : זעירא דמן חברייא . צעיר שבישיבה והאי דקרי ליה הכי משום דאושעיא אחרינא הוה רבה : מעיני העדה . הנשיאים המאירים לעיני העם : בזמן שעיניה יפות אין כל גופה צריך בדיקה . דודאי כל גופה יפה : (אין עיניה יפות כו') הואיל והנהו דבי נשיאה דהוו עיני העדה רשעים דלא העם אין צריכין לבדוק מעשיהם לכך לא מבגהי בהו מן השמים : אהו עבדי דבי נשיאה הוו עגעבי

---

פאר די טאכטער . האט זי גיזעהן דער שפייכלער איז פול מיט ווייץ אונ דיא ווייץ איז אריין גישאטען אין די זאוויעסעם פון די טיר אונ מען קען ניט עפענען די טיר ווייל דיא ווייץ איז ביז אויף די טיר . אז אלעזר איז גיקומען פון בית המדרש האט דאס ווייב גזאגט צו איהם גיי זעה וואס דיין גוטער פריינד (גאט) האט דיר גיטאהן . האט אלעזר גזאגט צו זיין ווייב איך שווער אז דיא ווייץ זאל זיין אויף דיר אסור אזוי וויא א קרבן . אונ דיא ווייץ זאל גיהערין צו ארעמע לייט אונ דוא זאלסט ניט נעמען פון דיא ווייץ נאר אזוי ווי איינער פון די יודישע ארעמע לייט :

**כה** רבי יהודה נשיאה האט גוזר גיווען מען זאל א טאג פאסטען ווייל עס איז ניט גיווען קיין רעגין . אונ ער האט מתפלל גיווען אונ עס איז ניט גיווען קיין רעגין . האט רבי יהודה גזאגט זעהט דעם צווישען שייר פון שמואל הרמתי צו יהודה בן גמליאל . אז שמואל הרמתי האט גיבעטען אויף רעגין איז גיווען רעגין אפילו ניט אין דער צייט . אונ אז איך בעט אויף רעגין ענטפערט מען מיר גאר ניט . וויי צו דעם דור אז איהם איז אזוי . אונ וויי צוא דעם מענטש אז אין זיין צייט איז אזוי . איז רבי יהודה גיזעסען פארזארגט . איז גיקומען רעגין : דער נשיא האט אמאהל גוזר גיווען מען זאל מארגין פאסטען . אונ מען האט ניט גזאגט צו רבי יוחנן אונ ריש לקיש . אין דער פריא האט מען גזאגט צו רבי יוחנן אונ ריש לקיש אז היינט וועט מען פאסטען . האט ריש לקיש גזאגט צו רבי יוחנן מיר האבען דאך ניט גינומען אויף אונז דעם תענית נעכטין צו מנחה . האט רבי יוחנן גזאגט מיר גיהערין צום נשיא . אז דער נשיא האט גינומען אויף זיך דעם תענית פאר אלע מענטשין פון שטאט דארפין אלע פאסטען . דער נשיא האט אמאהל גוזר גיווען מען זאל פאסטען ווייל עס איז ניט גיווען קיין רעגין . אונ ער האט מתפלל גיווען אונ עס איז ניט גיווען קיין רעגין . האט אושעיא דער קלענסטער תלמיד פון דער ישיבה גילערנט עס שטייט אין פסוק אונ עס וועט זיין אויב פון די אויגען פון די עדה (דאס זענען די נשיאים) וועט גיטאהן ווערין אעבירה אומגערין . דאס איז גלייך צו א כלה אויב זי האט שיינע אויגען דארף מען שוין ניט זעהן מער . געוויס איז דער גאנצער גוף אויך שיין . אבער אז זיא האט ניט קיין שיינע אויגען דארף מען זעהן דעם גאנצען גוף . געוויס איז דער גאנצער גוף ניט שיין . דא איז אויך אזוי אז דיא נשיאים

נום

כל גופה צריך בדיקה. אתו עבדיהן ורמו ליה אצואריה כודרא וקא מצערו ליה אמרו להו (הנך בריוני) [בני כהא] שבקוהו דאנן נמי הוה קא מצערי ליה וכד חזינן דכל מיליה לשם שמים עביד לא אמרינן ליה ולא מידי אהון נמי שבקוהו. רבי גזר תעניתא בעי רחמי ולא אתא מיטרא נחית קמיה אילפא ואמרי לה רבי אילפי אמר משיב הרוח ונשב זיקא אמר מוריד הגשם ואתא מיטרא א"ל מאי עובדך א"ל דיירנא בקיסא דחיקא דלית ביה חמרא בקדושא ואבדלתא טרחנא ומייתינא חמרא לקדושא ואבדלתא ומפקינא להו ידי חובתייהו. רב איקלע להההוא אתרא גזר תעניתא בעי רחמי ולא אתא מיטרא נחית קמיה שליחא דצבורא אמר משיב הרוח ונשב זיקא אמר מוריד הגשם ואתא מיטרא א"ל מאי עובדך א"ל מיקרי דרדקי אנא ומקרינא לבני עניי כבני עתירי וכל דלא אפשר ליה לא שקילנא מיניה מידי ואית לי פירא דכוורי וכל מאן דפשע בינוקא משחידנא ליה בכוורי ומשדלנא ליה עד דאתי וקרי. רב נחמן גזר תעניתא בעי רחמי ולא אתא מטרא (כי אזל לביתיה) אמר שקלוהו לנחמן ושדיוהו מגודא לארעא חלש דעתיה ואתא

ליה לר' הושעיה. לפי שהשית דברים כנגד משאה: (בריוני. גברי תקיפי הוי אמרי להני דבי רים וגלותא שבקוהו לא תצטערוהו דאנן נמי מצערין ליה ואמתי שבקין ליה דלא מצערינן ליה דכיון דחזינן דכל מילי דאומר ועביד לשם שמים להכי לא אמרינן ליה ולא מידי: והיכא נוסחא אחרינא בגמ') א"ל בני מאחיה. שבקוה דהא נמי מצער לן פי' מצער לן מהרף ומגדף אותנו: נחית קמיה. לפני התיבה: בקיסא דחיקא. בכפר שדרים בו דחוקים שהם עניים: פירא דכוורי. מתילות של דגים ויבי"ר בלע"ז: מאן דפשע בינוקא. מי שהיה פושע דלא בעי מיקרי שהתינוק לא רצה ללמוד: משחידנא ליה בכוורי. כי היכי דנגמיר: משדלנא ליה. בהדי כוורי דגים: (כי אזל לביתיה ה"ג שדיוה מגודא לגודא כלומר שדיוה מגובה

---

וואס זיי זענען די אויגען פון פאלק זענען פרום איז געוויס אז דאס גאנצע פאלק איז אויך פרום. אונ אז די נשיאים זענען ניט פרום איז געוויס אז דס גאנצע פאלק איז אויך ניט פרום דריבער גייט ניט קיין רעגין. זענען גיקומען די קנעכט פון נשיא אונ האבען ארויף גיווארפען אטוך אויף דעם האלדז פון רבי אושעיא. אונ זיי האבען איהם גיטאהן יסורים. האבען דיא שטאט מענטשין גיזאגט צו די קנעכט לאזט אים אפ. מיר פלעגין איהם אויך מצער זיין. וויל ער פלעגט אונז זידלען. אז מיר האבען אבער גיזעהן אז אלץ וואס ער טוהט מיינט ער דאס מיט אמת פאר גאטס וועגין. האבען מיר איהם שוין אויף גיהערט מצער צו זיין. זאלט איר איהם אויך אוועק לאזין. רבי האט אמאהל גוזר גיוועזן מען זאל פאסטען וויל עס איז ניט גיוועזן קיין רעגין. איז גינאנגען צום עמוד אילפא. אנדערע זאגין רבי אילפא איז גינאנגען צום עמוד. אונ ער האט גזאגט משיב הרוח. איז גיווארין אווינט. אונ ער האט גזאגט מוריד הגשם. איז גיקומען ארעגין. האט רבי גזאגט צו רבי אילפי וואס איז דיינע מצות וואס דוא טוהסט. האט רבי אילפי גזאגט איך וואוהן אין אדארף מיט ארעמע לייט. דארט איז ניטא קיין וויין צו קידוש אונ הבדלה. אונ איך ברייננ אלע ערב שבת וויין צו קידוש אונ הבדלה. אונ איך מאך פון זייערט וועגין קידוש אונ הבדלה אויף דעם וויין. רב איז אמאהל גיקומען אין אשטאט אונ עס איז ניט גיוועזן קיין רעגין. האט ער גוזר גיוועזן מען זאל פאסטען. אונ ער האט מתפלל גיוועזן אונ עס איז ניט גיוועזן קיין רעגין. איז דער חזן פון שטאט גינאנגען צום עמוד. ער האט גזאגט משיב הרוח. איז גיווארין אווינט. ער האט גזאגט מוריד הגשם. איז גינאנגען ארעגין. הט רב גזאגט צו דעם חזן וואס איז דיינע מצות. האט דער חזן גזאגט איך בין אמלמד. איך לערין מיט קליינע קינדער. איך לערין מיט דיא ארעמע קינדער אזוי גוט ווי איך לערין מיט די רייכע קינדער. אונ דער וואס קען ניט צאהלען. נעם איך פון איהם גאר ניט. אונ איך האב אסאזשעווקע מיט קליינע פישלאך. אונ דער קינד וואס וויל ניט לערנען גיב איך איהם קליינע פישלאך אונ בעט איהם מיט גוטע רייד ביז ער לערנט. רב נחמן האט אמאהל גוזר גיוועזן מען זאל פאסטען. וויל עס איז ניט גיוועזן קיין רעגין. רב נחמן האט מתפלל גיוועזן אונ עס איז ניט גיוועזן קיין רעגין. אז רב נחמן איז גיקומען אהיים. האט ער גזאגט צו די מענטשין וואס זענען דארט גיוועזן נעמט דעם נחמן אונ ווארפט איהם פון

אויי

זה שהוא עומד בצדו לבוהל אחר) :
ס"ג בנזיקים הוה. תלמידים לא היה גדול אלא בסדר נזיקים : האשה שכובשת ירק וכו'. מפורש במסכת ברכות : זיתים שכבשן בטרפיהן. בפ' שני דטהרות : תליסר מתיבתא בעוקצין. י"ג ישיבה וכלומר י"ג פנים הוכא בהך קושיא דגמרי מסכת עוקצין : כי הוה שליף חד מסאניה. מפום עינוי : דהוא מידי. ת"ו בעובדי כוכבי : דומה יפה. שלא היה דומה לדור יפה : דקא פרצי בריפתא. שזורקים פתה זה לזה כמשחקין זה עם זה : שמעיה דמר. כלומר אותה שמשמש למר לרב יהודה : ניעשיה דליפוק לשוקא. יחזיקוהו כאדם האומר לחברו בא ונטייל בשוק : חזא. כולי עלמא דמקיפין למיזבן תמרי ביוקר : אכיספא דתמרי. פסולת של התמרים:

ואתא מטרא :

כן (רבא) [רבה] גזר תעניתא בעא רחמי ולא אתא מטרא אמרי ליה והא רב יהודה בעא רחמי ואתא מטרא אמר להו ומה אעביד אי משום תנויי אנן עדיפנן מינייהו דבשני דרב יהודה כולהו תנויי (ע"כ) בנזיקין הוה ואנן קא מתנינא בש"ס וכד הוה מטי רב יהודה בעוקצין האשה שכובשת ירק בקדרה ואמרי לה זיתים שכבשן בטרפיהן טהורין אמר הויות דרב ושמואל קא חזינא הכא ואנן מתנינן בעוקצין תליסר מתיבתא ואלו רב יהודה כי הוה שליף חד מסאנא אתא מטרא ואנן קא צווחינן כולי יומא וליכא דמשגח בן אי משום עובדא אי איכא דחזא מידי לימא אבל מה יעשו פרנסי הדור שאין דורן דומה יפה. רב יהודה חזנהו לבי תרי דקא פרצי בריפתא אמר ש"מ איכא שבעא בעלמא יהב עיניה והוה כפנא. אמרי ליה רבנן לרב כהנא בריה דרבי נחוניא שמעיה דמר דשכיח קמיד בשמעתא ניעשייה דליפוק לשוקא וליחזי מאי האי דאיכא בעלמא מעכיה ועשייה ואפקיה לשוקא חזא כנופיא אמר מאי האי אמרו ליה אכיספא דתמרי קיימא דקא מזדבן אמר ש"מ איכא כפנא בעלמא אמר לשמעיה

---

אַיין וואַנט צו דיא אַנדערע וואַנט ועיין פירושו. איז רב נחמן טרייעריג געוואָרן. איז גיקומען רעגין :

כן רבה האט גוזר גיוועזן מען זאָל פאַסטין. ווייל עס איז ניט גיוועזן קיין רעגין: אונ רבה האט מתפלל גיוועזן. אונ עס איז ניט גיוועזן קיין רעגין. האט מען גיזאָגט צו רבה אַז רב יהודה פלעגט מתפלל זיין פלעגט קומען רעגין. האט רבה צו זיי גיזאָגט וואס זאָל איך טאָהן: אויב זיין תפלה איז אָן גענומען געוואָרין דורך דעם לערנען. זענען מיר בעסער פאַר זיי. אין די יאָהרין פון רב יהודה איז זייער גאַנץ לערנען ניט מעהר גיוועזן נאָר אין דעם סדר נזיקין. אונ מיר לערנען זעקס סדרים. אונ אַז רב יהודה פלעגט קומען אין די מסכת עוקצין צו די משנה האשה שכובשת ירק בקדרה: אונ אַנדערע זאָגין צו די משנה זיתים שכבשו בטרפיהן טהורין. האט ער גיזאָגט איך זעה אין די משנה אַזעלכע גרויסע קשיות ווי די קשיות פון רב מיט שמואל. אונ עס איז אים שווער גיוועזן צו פאַר שטיין די צוויא משנות: אונ ביי אונז איז דאָ דרייצעהן ישיבות וואס לערנען די מסכת עוקצין. אונ יעדער ישיבה לערנט איין אַנדער פשט (מיינונג) אין די מסכת. אונ אַז רב יהודה האט זיך נאָר אָנגעהויבין צו פיינינגען ער האט נאָר אַראָפּ גענומען איין שוך פון פוס איז שוין גיקומען רעגין. אונ מיר שרייען אַגאַנצען טאָג אונ מען קוקט גאָר ניט אויף אונז. טאָמער האָב איך עבירות. בעט איך ווער עס האט גיזעהן פון מיר אַעבירה זאָל מיר זאָגין. אָבער וואס זאָלין טאָהן די פירערס פון דור. אַז דער דור איז ניט גוט. רב יהודה האט גיזעהן צוויי מענטשין שפּילען זיך אונ וואַרפען ברויט. איינער צום אַנדערן: האט רב יהודה גיזאָגט געוויס איז די וועלט זאַט מיט ברויט: האט ער אַנין האָט גיגעבין איז געוואָרען אַהונגער. די רבנן האבין גיזאָגט צו רב כהנא דער זוהן פון נחוניא דו ביזט דאָך דער באַדינער פון רב יהודה. דו קומסט צו אים לערנען תורה. שטאַרק דיך אונ בעט ביי אים ער זאָל אַרויס גיין אין גאַס. אונ ער זאָל זעהן וואס עס איז אויף דער וועלט. האט רב כהנא שטאַרק גיבעטין ביי רב יהודה אונ ער איז אַרויס גגאַנגען מיט אים אין גאַס. האט רב יהודה גיזעהן פיל מענטשין זענען פאַרזאַמעלט אויף איין אָרט. האט רב יהודה גיפרעגט וואס שטייען דאָ אַזוי פיל מענטשין. האט מען אים גיזאָגט דאָ פאַר קויפט מען די שלעכטע טייטלען וויל יעדער דאָס קויפען. האט רב יהודה גיזאָגט פון

דאנגען

לשמעיה שלוף לי כסאני שלף ליה חד כסאנא ואתא מיטרא כי מטא למשלף אחרינא אתא אליהו וא"ל [אמר הקב"ה] אי שלפת אחרינא מחריבנא ליה לעלמא. אמר (רבין) [רב] מרי ברה דבת שמואל קאימנא אגודא דנהר פפא וחזינא להו להנהו מלאכי דרמו למלחי דקא מייתי חלא ומליונהו לארבי והוה קימחא דסמידא ואתו כולי עלמא למזבן מיניה ואמינא להו מהאי לא תזבנו דמעשה נסים הוא (השתא אתו חיטי מפרזניא) למחר איתי חיטי מפרזניא. רבא איקלע להגרוניא גזר תעניתא בעו רחמי ולא אתי מטרא אמר להו ביתו כ"ע בתעניתייכו ביתו למחר אמר להו מי איכא דחזי מידי בחלמיה ליכא א"ל ר' אליעזר מהגרוניא לדידי אקריון בחלמא שלם טב לרב טב מרבון טב דמטוביה אוטיב לעמיה אמר ש"מ עת רצון היא בעא רחמי ואתא מטרא:

**כי ההוא** גברא דאיחייב נגידא בבי דינא דרבא משום דבעל גויה נגדיה רבא ומית אישתמע מלתא בי שבור מלכא בעי לצעורי לרבא א"ל איפרא הורמיז אימיה דשבור מלכא לברה לא ליהוי לך עסק בהדי יהודאי דכל דבעון ממרייהו עביד להו

מחריב כולי עלמא. מרוב גשמים. מנלתי כהוג פי' אחר שליף ט' מכלתי כלומר אבל בתעניתי מהרגת לעלמא מרוב נער שהיה כונה לישב בתענית. לדידי חזי ט' מלאכים בגניה דרב יהודה כ"ל נראתה פעם דעבד רב יהודה הכי: חלא. חול: דסמידא. סולת והן עושין מוכרין אותו: תנול להו מעשה נסים כו'. וכמה דאפשר להתרחק ממעשה נסים יותר טוב ונכון: דפרזניא. מניחין אותו מקום:

נגידא. מלקות: איפרא הורמיז. כך שמה איפרא הן יופי שדים היה לה: בעי. סבור מלכא

---

דאנגען זעהט מען אז עס איז אהונגער אויף דער וועלט. האט רב יהודה גיזאגט צו זיין בדינגער נעם אראפ מיינע שיך פון מיינע פים. האט דער בדינגער אראפ גינומען איין שוך. האט שוין גירעגנט. ווי דער בדינגער האט גיוואלט אראפ נעמען דעם אנדערין שוך. איז גיקומען אליהו הנביא אונ האט גזאגט צו רב יהודה גאט האט גזאגט אויב דוא וועסט אויס טאהן דעם אנדערין שוך וועט גיין אזוי פיל רעגין אז די וועלט וועט וויסט ווערין. רב מרי דער זוהן פון שמואלס טאכטער האט גזאגט ווען רב יהודה האט אויס גיטאהן דעם שוך בין איך גישטאנען ביי דעם טייך פפא. האב איך גיזעהן מלאכים וואס זיי האבען אויס גיזעהן ווי שיפערס. אונ זיי האבען גיבראכט זאמד אונ האבען אריין גישאטען די זאמד אין די שיף ביז פול. אונ פון די זאמד איז גיווארין פיינע מעהל. אונ דיא מלאכים אליין האבען גיוואלט פר קויפן די מעהל. זענען אלע גיקומען קויפען די מעהל. האב איך גזאגט צו זייא איר זאלט ניט קויפען דיא מעהל. די מעהל איז גיוועזן זאמד אונ דורך אנס איז גיווארין מעהל. צו מארגינס הט מען גיבראכט ווייץ פון פרזניא זענען אלע גיקומען קויפען. איז גיווארין וואלוויל. רבא איז אמאהל גיקומען אין הגרוניא. האט ער גוזר גיוועזן מען זאל פאסטען. ווייל עס איז ניט גיוועזן קיין רעגין. האט ער מתפלל גיוועזן אונ עס איז ניט גיקומען רעגין. האט רבא גזאגט צו די מענטשין איר זאלט אלע פאסטען אגאנצע נאכט. איר זאלט אייך ליגען שלאפען אום פון שטאט איר זאלט אלע פאסטען אגאנצע נאכט. צו מארגינס הט רבא גזאגט צו זיי אויב עס האט ווער גיזעהן אחלום די נאכט. זאל ער זאגען וואס איהם הט גיחלומת. האט רבי אליעזר פון הגרוניא גזאגט צו רבא מיר האט מען גימאכט לייענען אין חלום. שלם טב לרב טב מרבון טב דמטוביה אוטיב לעמיה. אגוטער שלום זאל זיין צו דעם גוטען רבי. וועם דורך זיין זכות איז נאך אויך גוט. אונ פון זיין גוטסקייט טוהט ער גוטס צו זיין פאלק. האט רבא גזאגט פון דעם חלום זעהן מיר אז איצט איז אגוטע צייט. האט רבא מתפלל גיוועזן איז גיקומען רעגין:

**כי** ההוא. אמענטש איז אמאהל פאר שולדיגט גיווארין ביי דעם בית דין פון רבא מען זאל איהם שלאגען מלקות. ווייל ער האט מזנה גיוועזן מיט אגויה. האט מען איהם גישלאגען מלקות אונ ער איז גישטארבען. איז די נאך גיהערט גיווארין ביי דעם מלך פון פרס. האט דער מלך גיוואלט שטראפין רבא ווייל ער האט גיהרגת דעם מענטש. האט איפרא הורמיז

די

להו א"ל הא מאי אמרה ליה דבעו רחמי ואתי מטרא אמר לה ההוא משום זימנא דמטרא הוא ליבעו האידנא בתקופת תמוז וליתי מיטרא שלחה ליה לרבא כוין דעתיך ובעי רחמי וייתי מטרא בעא רחמי ולא אתא מטרא אמר לפניו רבונו של עולם (תהלים מד) באזנינו שמענו אבותינו ספרו לנו פועל פעלת וגו' ובעינינו לא ראינו אתא מטרא עד דשפוך מרזבי דמחוזא לדגלא אתחזי ליה אבוה בחלמא אמר מי איכא דמטרח קמי שמיא כולי האי קום ואשני מדוכתיך (דרתחי עליך מן שמיא) שני דוכתיה למחר אשכחיה לפורייה דמירשם בסכיני. רב פפא גזר תעניתא חלש ליביה שרף פינכא דדייסא (פי' טעם מידי) בעי רחמי ולא אתא מטרא אמר ליה ר"נ בר (אושעיא) [אושפזתי] אי שרף מר פינכא אחריתי דדייסא הוה אתי מטרא אכסוף וחלש דעתיה (בעא רחמי) ואתא מטרא:

לגעוריה: מאי כאי. מאי עביד לנו: א"ל. דכל אימת דבעי אתי מיטרא: זימנא דמיטרא הוא. ואפי' לא בעו נמי אתי מיטרא: שלחה ליה לרבא. דהדרא ליה לרבא (בעי שבור מלכא לגעורי לרבא): אבותינו ספרו לנו. אבל בעינינו לא ראינו כלום עכשיו הראה לנו נפלאותיך: דשפוך מרזבא דמחוזא. שקלחו מים מן המרזבות עד ששוטפין כאמות ויורדין: לדגלא. לנהר חדקל: אשני מטתך. אל תשכב במטתך בלילה: דמירשם בסכיני. שמיטתו במטה מחותכת בסכינים דבעו מלאכי חבלה למקטליה וכן משמע פרק הזרוע (פינכא. קערה (פינכא קערה רחבה): אי שריף מר. כלומר בבדיחותא אוכל כמו שורפה היה אי אכל מר חדא פינכא כף אחת מדייסא כלומר גזרת תענית ואכלת והדר בעית רחמי לא עשית יפה חלש דעתיה). [אי שריף מר פינכא דדייסא. מלשון שורפה היה: פינכא. מלא כף כמו מלחך פינכי אמוכא קאמר ליה בכי מבזה דטעים בריש והדר בעי רחמי]:

רבי

די מוטער פון מלך גזאגט צו איר זוהן. צום מלך. האב ניט קיין געשעפטין מיט די יודין ווארום וואס זיי בעטין פון גאט טוהט ער פון זייערט וועגין. האט דער מלך גזאגט צו די מוטער וואס האט גאט געטאהן פון זייערט וועגין. האט די מוטער גזאגט אז זיי בעטין ביי גאט קומט רעגין. האט דער מלך גזאגט ווייל עס איז געוועזין די צייט פון רעגין דריבער האט גירעגינט. אבער ניט דורך זייער תפלה. זאלען זיי בעטין איצט אין תמוז עס זאל גיין רעגין. אז עס וועט גיין רעגין. וועל איך גלייבין אז גאט טוהט זייער ווילען האט די מוטער געשיקט צו רבא בעט ביי גאט מיט גרוים כוונה עס זאל גיין רעגין. האט רבא גיבעטין אונ עס איז ניט גיגאנגען קיין רעגין. האט רבא גזאגט פאר גאט רבונו של עולם. מיט אונזערע אויערין האבען מיר גיהערט אונזערע עלטערין האבען אונז דער ציילט אז אין זייערע צייטען האסטו גיטאהן פיל נסים. אבער מיט אונזערע אויגין האבען מיר ניט גיזעהן קיין נסים. ווייז אונז איצט דיינע וואונדער. איז גיקומען רעגין אזוי פיל אז די רינעס פון די שטאט מחוזא האבען ארויף גישפייצט די וואסער אין דעם טייך דגלת. איז דער פאטער פון רבא גיקומען צו רבא אין חלום אונ האט גזאגט צו איהם. איז דען דא נאך א מענטש זאל אזוי פיל מטריח זיין גאט ווי דו האסט איהם מטריח גיוועזן. גיי ענדער דיין ארט. דו זאלסט ניט שלאפען דיא נאכט אין דיין בעט. ווארום מען איז אויף דיר אין כעס פון הימעל. איז רבא אוועק גיגאנגען פון זיין בעט. אונ איז גישלאפען אויף איין אנדער ארט. צו מארגינס האט רבא גיפונען זיין בעט איז צו שניטען מיט מעסערס. רב פפא האט אמאהל גוזר גיוועזן מען זאל פאסטען. ווייל עס איז ניט גיוועזן קיין רעגין. איז איהם שוואך גיווארין דאס הארץ. האט ער אוים גיזופט אשיסול פעריל קאשע. דער נאך האט ער מתפלל גיוועזן עס זאל גיין רעגין. אונ עס איז ניט גיגאנגען קיין רעגין. האט רב נחמן גזאגט צוא רב פפא ווען דוא וואלסט אוים גיזופט נאך אשיסול פעריל קאשע וואלט שוין גיגאנגען רעגין. ורב נחמן האט גילאכט פון רב פפא דוא האסט גיהייסען אלע זאלען פאסטען. אונ דוא האסט גיגעסין. אונ נאך דעם עסין ביסטו גיגאנגען מתפלל זיין. איז רב פפא פאר שעמט גיווארין. אונ האט גיהאט צער פאר וואס ער האט אזוי גיטאהן. האט ער נאך אמאהל מתפלל גיוועזן איז גיקומען רעגין:

רבי

כה רבי חנינא בן דוסא הוה קא אזיל באורחא (והוה דארי צנא דמילחא ארישיה) אתא מיטרא אמר לפניו רבש"ע כל העולם כולו בנחת וחנינא בצער פסק מיטרא כי מטא לביתיה אמר כל העולם כולו בצער וחנינא בנחת אתא מטרא. אמר רב יוסף מאי אהניא ליה צלותיה דכ"ג לגבי ר"ח בן דוסא דתנן כה"ג מתפלל תפלה קצרה בבית החיצון שלא להבעית את ישראל מאי מצלי רבין בר (רב) אדא ורבא בר (רב) אדא תרוייהו משמיה דר"י אמרי יהי רצון מלפניך ה' אלהינו שתהא שנה זו שחונה וגשומה שחונה למיטרא מעליותא היא אדרבה גריעותא היא אלא אם שחונה תהא גשומה [וטלולה] ואל תכנס לפניך תפלת עוברי דרכים ורב (אדא בר אהבה) [אחא בריה דרבא] מסיים בה משמיה דרב יהודה ולא יעדי עביד שולטן מדבית יהודה ואל יהיו עמך ישראל צריכין להתפרנס זה מזה [ולא לעם אחר]. אמר רב יהודה אמר רב בכל יום ויום בת קול יוצאת ואומרת כל העולם כלו אינו ניזון אלא בשביל חנינא בני וחנינא בני דיו בקב חרובין מערב שבת לערב שבת כל מעלי שבתא הות רגילה דביתהו דמחכמת תנורא ושדיא קוטרא בתנורא (דף כה) משום כסיפא הויא לה ההוא שיבבתא

רבי חנינא בן דוסא. הוה קא: כל העולם בצער: במבקשים מים לצרכיהם: בנחת. שאני יושב בביתי ואיני צריך לגשמים לפי שאין לי שדות: מאי אהניא וכו'. שהיה מתפלל אל יכנס תפלת עוברי דרכים ואעפ"כ שמע הקב"ה תפלת רבי חנינא ופסק מיטרא: שחונה. חמה [כמו חמותי ראיתי אור ת"י בן עוזיאל שחינה: אם שחונה תהא גשומה. כשהיא חמה צריכה הארץ לגשמים מאד והדיר: קב חרובין מע"ש לע"ש. כל השבת היה זן בקב

כה רבי חנינא בן דוסא איז אמאהל גיגאנגען אין וועג. און ער האט גיטראגען א קארב מיט זאלץ אויף זיין קאפ. איז גיקומען א רעגן. האט רבי חנינא גזאגט פאר גאט רבונו של עולם די גאנצע וועלט האט פערגעניגען פון דעם רעגן. און חנינא האט צער פון דעם רעגן. איך קען ניט גיין אין וועג. האט אויף גיהערט דער רעגן. אז רבי חנינא איז גיקומען אהיים. האט ער גזאגט די גאנצע וועלט האט צער וואס עס גייט ניט קיין רעגן. וויל זיי האבען פעלדער. און חנינא האט פערגעניגען: איך זיץ אין שטוב און פעלדער האב איך ניט. איז גיקומען רעגן. רב יוסף האט גזאגט וואס האט גיהאלפען דיא תפלה פון כהן גדול ביי רבי חנינא בן דוסא. ווארום מיר האבען גילערנט דער כהן גדול האט גזאגט אקורצע תפלה אין היכל. פאר וואס אקורצע תפלה. ער זאל ניט דער שרעקין דיא יודין. זייא וועלין ניט וויסען וואס מיט אים איז גיווארין אין קדשי קדשים. וואס איז גיוועזען דיא תפלה. רבין בר אדא און רבא בר אדא זאגין ביידע פון רבי יוחנן וועגין. ער האט גזאגט עס זאל זיין דער ווילען פאר דיר גאט אין דעם יאהר זאל זיין היץ און רעגין. פרעגט די גמרא איז דען היץ גוט. היץ איז דאך שלעכט. נאר אזוי האט ער גיבעטין אויב עס וועט זיין היץ זאל זיין רעגין און טהא. און עס זאל ניט אריין גיין פאר גאט די תפלה פון דיא מענטשין וואס גייען אין וועג. וואס זיי בעטין עס זאל ניט גיין קיין רעגין. פון דעסטוועגין אז רבי חנינא איז גיגאנגען אין וועג און ער האט גיבעטין עס זאל ניט גיין קיין רעגין. איז אן גינומען גיווארין די תפלה פון רבי חנינא. ניט די תפלה פון כהן גדול. און רב אחא בריה דרבא זאגט פון רב יהודה'ס וועגין. נאך האט דער כהן גדול גיבעטין עס זאל ניט אפ גיטאהן ווערין די מלוכה פון שבט יהודה. און דיא יודען זאלען ניט דארפען גישפייזט ווערין איינער פון אנדערין. און ניט פון קיין אנדער פאלק נאר גאט אליין זאל שפייזין יעדער מענטשין: רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין אלע טאג איז ארויס גיגאנגען א קול פון הימעל און האט גזאגט די גאנצע וועלט ווערט נאר גישפייזט אין דעם זכות פון מיין זוהן חנינא. און מיין זוהן חנינא הט גינוג א קב באקסין פון איין ערב שבת ביז צום אנדערין ערב שבת. ובחוט האט ער ניט גיהאט צום עסין. האט ער גימוזט עסין באקסין. דאס איז וואלוויל אין ארץ ישראל. אלע ערב שבת פלעגט זיין ווייב הייצען דעם הויבין מיט א ביסול שפענער. און זי פלעגט אריין לייגין אין הויבין אזוי אזאך וואס עס רייכערט. מען זאל זעהן עס גייט ארויך.

וועט

שיבבתא בישתא אמרה מכדי ידענא דמידי לית לה איזיל ואחזי מאי היא אזלה וטרפה אבבא איכספא ועיילה לאינדרונא איתעביד לה ניסא דאשכחתיה לתנורא דמליא ריפתא ואגנא דמליא לישא אמרה לה פלניתא פלניתא אייתי מרדיך דקחריך ריפתיך אמרה לה אף אנא להכי עיילי תנא אף היא להביא מרדה נכנסה מפני שמלומדת בנסים היתה א״ל דביתהו עד אימת ניזיל ונצטער כולי האי אמר לה מאי נעביד (אמרה ליה מטיבותא דגניזא לצדיקי לעלמא דאתי) בעי רחמי דליתבו לך מידי בעא רחמי יצתה כמין פסת יד ויהבו ליה חד כרעא דפתורא דדהבא חזיא בחלמא עתידין דכולהו צדיקי אכלו אפתורא [דדהבא] דתלתא כרעי ואיהו דתרתין כרעיה אמר לה ניחא לך דכולהו צדיקי אכלו אפתורא דתלתא כרעי ואנן אפתורא דשקיל חד מינייהו אמרה ליה בעי רחמי נשקלוה בעא רחמי ושקלוה . תנא גדול נס האחרון יותר מן הראשון דגמירי מן שמיא מיהב יהבי משקל לא שקלי יומא חד בי שמשי חזייה לברתיה דהות עציבא אמר לה בתי אמאי עציבת אמרה ליה ראיחליף לי מנא דמשחא במנא דחלא ורמאי בשרגא אמר לה מי שאמר לשמן וידליק

יאמר

הכר להם היה מתגלגל הים בהדיבין] : (ומלי מעליותא כוי וכו') : ומדיא קיטא . מסיתה מעלה בתנור דבר שמעלה עשן כדי שיהיו סבורין השכנים שאופה בתנור מתמת כשפה שלא היה לה מה לאפות בתנור : חגגא . עריבה מלו״ט כלע״ז : מכא (היינו כשין) זהת שרודה בו פת מן התנור : אף היא להביא מרדה נכנסה . שלא היתה שוחלת משכנתה ככוחה דידעה דנכון מתעבדא נסי שהיתה מלומדת : מרדה . פוב״ל : (הזיא . דביתהו בחלמא : מבקל לא בקלי . כתר דיהבי כל היכא דתני בי שמשי היינו ע״ש לא שמעתי טעם : במנא דחלא . בכלי שיש בו

וועט מען מיינען אז זי באקט חלות אויף שבת . ווייל זי האט זיך געשעמט פאר די שכנים . זי האט ניט גיהאט וואס צו באקין . די ווייב פון רבי חנינא האט גיהאט אשלעכטע שכנה . די שכנה גזאגט איך וויים אז זי האט ניט וואס צו באקין . איך וועל אריין גיין אין שטוב זעהן פאר וואס הייצט זי דעם הויבין . איז דיא שכנה גיגאנגען אונ האט אן גיקלאפט אין טיר . איז זי פאר שעמט גיווארין . אונ איז אריין גינאנגען אין אקאמער . איז גישעהן גיווארין אנס אז די שכנה הט גיפונען אפולען הויבין מיט ברויט אונ אמולטער פול מיט טייג . הט די שכנה גירופען צו די ווייב פון רבי חנינא ברייננ געשווינט די לאפעטע ווארום דם ברויט ברענט . הט זי גזאגט איך בין טאקי גיגאנגען נעמען אלאפעטע . אונ מיר האבען גילערונט זי איז טאקי אין אמת גיגאנגען נעמען אלאפעטע ווייל זי איז גיוועזן גיוואוהנט מיט נסים . הט זי גיוואוסט אז גאט וועט איר טאהן דעם נס מיט די ברויט זי זאל ניט פאר שעמט ווערין . די ווייב פון רבי חנינא האט גזאגט צו רבי חנינא ביז ווי לאנג וועלין מיר האבען אזוי פיל צער . האט רבי חנינא גזאגט צו איר וואס זאל מען טאהן . האט זיא גזאגט צו איהם בעט מען זאל דיר עפעס געבין פון די גוטס וואס עס איז בעהאלטען פאר די צדיקים אויף עולם הבא . האט ער גיבעטען איז ארויס גיקומען אהאנט אונ האט איהם גיגעבין איין פוס פון אגאלדענעם טיש . דער נאך האט זי גיזעהן אין חלום אז אלע צדיקים וועלין עסין אויף אגאלדענעם טיש מיט דריי פיס . אונ דער טיש פון איר מאן וועט נאר זיין מיט צווייא פיס . האט ער גזאגט צו איר דו ווילסט אז אלע צדיקים זאלען עסין אויף אטיש מיט דריי פיס אונ מיר זאלען עסין אויף אטיש וואס פון איהם איז צו גינומען גיווארין איין פוס . האט זי גזאגט צוא איהם בעט מען זאל די פוס צוריק צו נעמען . האט ער גיבעטין אונ מען האט די פוס צוריק גינומען . מיר האבען גילערונט דער אנדערער נס איז גיוועזן גרעסער ווי דער ערשטער . ווארום מיר האבען גילערונט אז מען גיט אזאך פון הימעל נעמט מען זיא שוין ניט צוריק . אמאהל שבת ביי נאכט האט רבי חנינא גיזעהן זיין טאכטער איז טרויעריג . זאגט ער צו איר מיין טאכטער וואס ביסטו טרויעריג . האט זי גזאגט איך האב גיוואלט נעמען דיא פלאש מיט אייל האב איך גינומען די פלאש מיט עסיג אונ האב אריין גיגאסען אין אלאמפ . אונ דער לאמפ וועט געווים באלד אוים גילאשען ווערין . האט רבי חנינא צו איר גזאגט ווער עס האט גזאגט

אז

יאמר לחומץ וידליק תנא היה דולק והולך כל היום כלו עד שנטלו ממנו אור להבדלה. רבי חנינא בן דוסא הוי ליה הנך עיזי אמרו ליה קא מפסדן עיזך אמר להו אי קא מפסדן ליכלינהו דובי ואי לא כל חדא וחדא לייתי דובא לאורתא בקרנהא. לאורתא כל הדא והדא איתי דובא בקרנהא הואי ליה ההיא שיבבתא דבנתה ביתא ולא קא מטיין כשורי אמרה ליה בנאי ביתא ולא מטיין כשוראי אמר לה מה שמך אמרה לו איכו אמר איכו לימטו כשוריך מטו בשורתא תנא פלימו אומר אני ראיתי את הבית (שקירה רבי חנינא בן דוסא בתפלתו) והיו לכאן אמה ולכאן אמה והיו אומרים זה הבית שקירה רבי חנינא בן דוסא בתפלתו וי"א סניפין עשאן:

**כמ רבי** אלעזר בן פדת הוה דחיקא ליה מלתא טובא עבד מלתא ולא הוה ליה מידי למטעם אשכח ברא דתומא שדא לפומיה חלש ליביה ונים. עיילו רבנן

החומץ ובמאי החומץ נכל ויכבה הנר: עד שנטלו ממנו אור להבדלה. הדליק ממנו נר אחר ליהנות בו ונר של מעשה נסים כבה כי היכי דעבד רב יהודה לעיל בהלא דבוס סמידא): ה"ג דמחליף לי מנא דמשחא במנא דחמרא וכו': אמרו ליה קא מפסדי עיזך. שהן אוכלות מן הירק שבגנות של הבנים: ה"ג. אי עזי קא מפסדי ליכלינהו דובי. ואם ואם לא קא מפסדי כל הדא והדא לייתא דובא בקרנהא: (ולא מטו כשורי. אין הקורות מגיעות מכותל לכותל: איכו לימטו כשורייכו. יאריכו הקורות): (סניפין עשאן. שלא נמשכו הקורות אלא חתיכות נתחברו לשון קורות כדי שיהיו קורות ארוכות כל צרכן. לישנא אחרינא סניפי דעד הכיתל כוון כסדר ולא יותר: נ"א) סניפין היו. קורות של חוליות היו במעשה נס נדבקין להם חתיכות קטנות לארכן:
רבי אלעזר בן פדת. אמורא הוה והוא שנקרא מרא דארעא דישראל במסכת נדה בעל הוראות היה והוא במס ר' יוחנן אחרי מות ר"ל והיה דחיק ועני: עבד מלתא. הקיז דם: ברא דתומא. (עלה) (בן הבצל לעז) של שום: פלג

---

אז אייל זאל ברענען. דער וועט זאגען אז עסיג זאל ברענען. מיר האבען גילערונט דער לאמפ מיט עסיג האט גיברענט שבת די גאנצע נאכט אונ דעם גאנצען טאג ביז נאכט. אונ פון דעם לאמפ האט מען אן גיצונדען אליכט צו מאכען הבדלה. אונ דעם לאמפ מיט עסיג דאט ער פאר לאשען. ער האט ניט גיוואלט הנאה האבען פון נסים. רבי חנינא בן דוסא הט גיהאט ציגען (קאזעס). האבען מענטשין גזאגט צו רבי חנינא דיינע קאזעס מאכען שאדען צו די גערטנער. זיי עסין וואס עס וואקסט אין פרעמדע גערטנער. האט רבי חנינא גזאגט אויב עס איז אמת אז זיי מאכען שאדען די גערטנער, זאלען קומען וועלף אונ זאלען אויף עסין דיא קאזעס. אונ אויב עס איז ליגען. די קאזעס מיינע גייען ניט אין פרעמדע גערטנער. זאל ביי נאכט יעדער קאזע ברייגגען אוואלף אויף אירע הערנער. ביי נאכט האט יעדער קאזע גיבראכט אוואלף אויף אירע הערנער. אאשה וואס הט גיוואוהנט נאנט פון רבי חנינא האט גיבאהט אשטוב. זענען די בעלקעס גיוועזען צו קורץ. זיי זענען ניט צו גיקומען פון איין וואנט ביז צו די אנדערע וואנט. האט די אשה גזאגט צו רבי חנינא איך האב גיבאהט אשטוב אונ דיא בעלקעס קענען ניט צו קומען פון איין וואנט ביז צו די אנדערע וואנט. האט רבי חנינא גזאגט צו די אשה ווי איז דיין נאמען. הט די אשה גזאגט מיין נאמען איז איכו. האט רבי חנינא גזאגט איכו דיינע בעלקעס זאלען צו קומען פון איין וואנט ביז צו די אנדערע וואנט. זענען די בעלקעס צו גיקומען. מיר האבען גילערונט פלימו הט גזאגט איך האב גיזעהן דיא שטוב. די בעלקעס זענען גיוועזען נאך לייגגער ווי די שטוב. פון דער וואנט איז ארויס גינאנגען אאייל די לייגג דער בעלעס. אונ פון די אנדערע וואנט איז ארויס גינאנגען אאייל דיא לייגג דער בעלעק. אונ מענטשין האבען גזאגט די שטוב הט רבי חנינא בן דוסא צו גידעקט מיט זיין תפלה. אונ אנדערע זאגען דיא בעלקעס זענען ניט לייגגער גיווארען. נאר רבי חנינא האט גיהייסען מען זאל נעמען שטיקער בעלקעס אונ מען זאל צו זעצין צו די בלקעס. אונ דורך אזם זענען די שטיקער בהעפט גיווארין צו די בעלקעס:

**כמ** רבי אלעזר בן פדת איז גיוועזען אגרויסער ארעם מאן. אמאהל האט מען איהם גיעפינט אדער. הט ער גאר ניט גיהאט וואס אין מויל צו נעמען. האט ער גיפונען אשטיקל קנאביל האט ער דאס גענומען אין מויל. איז איהם שוואך גיווארין דאס הארץ אונ ער איז

רבנן לשיולי ביה הזיוהו דבכי וחייך ונפיק צוציתא דנורא מאפותיה כי אתער אמרי ליה מ״ט בכה מר וחייך ונפק צוציתא דנורא מאפותיה אמר להו דחזאי שכינה ואמרי׳ קמיה עד אימתי אידבר ואזיל בהאי דוחקא ואמר לי אלעזר בני ניחא לך דאחרביה לעלמא והדר אברייה ואפשר דמברי׳ בשעתא דמזוני אמרי קמיה רבונא דעלמא כולי האי ואפשר אמרי ליה שני דחיי נפישי או דחיינא אמר לי דחיית אמרי לקמיה אי הכי לא בעינא ואמר לי בהאי אגרא דאמרת לא בעינא יהיבנא לך לעלמא דאתי תליסר נהרי דמשכי אפרסמא דכיין דמענגת בהו אמרי קמיה רבוניה דעלמא כולי האי ותו לא א״ל ולחברך מאי ניתיב להו אמרי קמיה רבוניה דעלמא ומגברא דלית ליה קא בעינא ומחיין באסקוטלא אפותאי ואמר לי אלעזר ברי אגרו בך גירי :

**ר**בי חמא בר חנינא גזר תעניתא (בעא רחמי) ולא אתא מטרא : א״ל הא ריב״ל גזר תעניתא ואתא מטרא

ציצית . כשעלף : צוציתא . גילון : מאפותיה . (מתיטה שלו׳ וקים דמפרשי) ממטה : כולי האי אפשר . כתמיה . לאחרוני כולי עלמא בעית עלי ועדיין אפשר אמרת ואכתי יכך ספיקא דילמא לא מתרמיגלא בשעתא דמזוני : דחיית נפישי או דחיינא. ימי שחייתי כבר הם רבים ממה שאני עתיד לחיות: אמר דחיית . מה שכבר חיית מרובים ממה שאתה עתיד לחיות : אי הכי לא בעינא . דתיהרגניה לעלמא : והו לא . וכי אין אתה נותן לי דברים אחרים : אמר לי ולחברך מה יהיבנא . וא״ל ממאן דלית ליה קא בעינא : ומחיין באסקוטלא (כגודל כלומר באצבעו . גירי אלי חבלא בך וכדיהותא בעלמא אלא אותך מעט באצבע) והיינו צליפתא דנפק מאפותיה כמדביק אצבע גדה עם אגודל ומכה בגופו כאצבע וזה פי׳ אסקוטלא . וטעמא דקא בכי מפני שא״ל שכינה שהיו מרובין שכבר חי ממה שעתיד לחיות וטעמא דחייך מבוס י״ג הכוונה לגחוך בהן ולטייל עמן מגב נזה זה מלאכי בפרש״י מוגה :

---

אָנשׁלָאפֶען געוואָרען · זָענען די רַבָּנָן אַריין גיגאַנגען פְרֶעגען איהם וָוס עֶר מַאכְט · הָאבֶּען זייא גיזעהן ווי עֶר וויינְט אונ לַאכְט אין שְׁלָאף · אונ עֶס איז אַרויס גיגאַנגען אַפונק פון פייער פון זיין שְׁטֶערין · אַז רַבִּי אֶלְעָזָר הָט אויך גיוואַכְט פון שְׁלָאף · הָאבֶּען די רַבָּנָן גזאָגט צו איהם פַאר וָואס הָאסְטוּ גיוויינְט אונ גילַאכְט אונ עֶס איז אַרויס גיגאַנגען אַפונק פון פייער פון דיין שְׁטֶערין · הָט רַבִּי אֶלְעָזָר צו זֵיי גזָאגְט איך הָאבּ גיזעהן די שְׁכִינָה. הָאבּ איך גזָאגט בִּיז וויא לַאנג וָועל איך אַרוּם גֵיין אין אַזוֹי אַ אָרֶעמְקַייט · הָט גָאט גזָאגט צו מִיר אֶלְעָזָר מַיין זוהן דוּא ווילְסְט איך זָאל ווִיסְט מַאכֶען די וָועלְט · אונ אִיךְ זָאל איר נָאךְ אַמָאהל בַּשַׁאפֶען · טָאמֶער וֶועסְטוּ בַּשַׁאפֶען וֶוערִין אין מַזָל פון מְזוֹנוֹת · הָאבּ איך גזָאגט פַאר גָאט · הַאר פון דֶער וֶועלְט . אַזוֹי פִיל צו טָאהן · ווִיסְט מַאכֶען די וָועלְט · אונ בַּשַׁאפֶען אַיין אַנדֶער וָועלְט · אונ עֶס איז נָאךְ אַסְפֵק · טָאמֶער וֶועל איך בַּשַׁאפֶען וֶוערִין אין מַזָל פון מְזוֹנוֹת · אונ טָאמֶער נִיט · וָועל איך ווייטֶער זיין אַזוֹי אָרֶעם מֵאן ווִי איך בִּין · הָאבּ איך גיפְרֶעגְט בַּיי גָאט דיא יָאהרִין וָואס איך הָאבּ גִילֶעבְּט זֶענֶען מֶער · אָדֶער די יָאהרִין וָואס איך דַארְף נָאךְ לֶעבִּין זֶענֶען מֶעהר · הָט גָאט גזָאגְט די יָאהרִין וָוס איך הָאבּ שׁוֹין גִילֶעבְּט זֶענֶען מֶעהר · הָאבּ איך גזָאגְט פַאר גָאט אויבּ אַזוֹי וויל איך שׁוֹין נִיט מֶען זָאל עֶנְדֶערִין די וָועלְט פון מַיינֶעט וֶועגִין · הָאט גָאט צו מִיר גזָאגְט ווייל דוּ הָאסְט גזָאגְט דוּ ווִילְסְט נִיט מֶען זָאל עֶנְדֶערִין׳ די וָועלְט פון דַיינֶעט וֶועגִין · וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבִּין צוּ עוֹלָם הַבָּא דְרַייצֶעהן טַייכֶען מִיט שְׁמֶעקֶעדִיגֶע בּוּימאַייל דַיינֶע וָואס דוּא וֶועסְט דָאבֶען פֶערגֶענִיגֶען פון זֵיי · הָאבּ איך גזָאגְט פַאר גָאט הַאר פון דֶער וֶועלְט נָאר דָס וֶועסְטוּ מִיר גֶעבִּין אונ מֶער נִיט · הָט גָאט צוּ מִיר גזָאגְט אונ צוּ דַיינֶע חֲבֵרִים וָואס וֶועל איך גֶעבִּין · מֶען מוּז דָאךְ זֵיי אויךְ גֶעבִּין פֶערגֶענִיגֶען צוּ עוֹלָם הַבָּא · מֶען וֶועט דָאךְ נִישְׁט אַרְץ דִיר אַוֶועק גֶעבִּין · הָאבּ איך גזָאגְט פַאר גָאט הַאר פון דֶער וֶועלְט בֶּעט איך דֶען פון אַמֶענְטְשִׁין · אַז עֶר נִיט אֵיינֶעם הָאט עֶר שׁוֹין נִיט צוּ גֶעבִּין דֶעם אַנְדֶערִין · הָט גָאט אַקְלַאפּ גיטָאהן מִיט זַיין פִינְגֶער אויף מַיין שְׁטֶערִין וָדָס איז דֶער פוּנק פַייעֶר וָוס אִיז אַרויס גִיגַאנְגֶען פון מַיין שְׁטֶערִין · אונ גָאט הָט גזָאגְט צוּ מִיר אֶלְעָזָר מַיין זוהן איךְ הָאבּ אויף דִיר גֶעשִׁיקְט מַיין פַייל וֶועם קְלַאפּ מִיט דֶעם פִינְגֶער :

**ר** רַבִּי חָמָא בַּר חֲנִינָא הָאט אַמָאהל גוֹזֵר גִיוֶועזֶען מֶען זָאל פַאסְטִין · ווייל עֶס איז נִיט גיגאנגען

מטרא אמר להו הא אנא והא בר ליואי אמרו ליה ניתי ונכוין דעתין איפשר דתברי צבורא לבייהו ובעי רחמי ואתי מטרא בעון רחמי ולא אתי מטרא א"ל רצונכם שיבא מטרא בשבילנו א"ל הן אמר רקיע כסי פניך לא כסי אמר כמה עזין פני רקיע כסיא בעיבא ואתא מטרא. לוי גזר תעניתא בעי רחמי ולא אתא מטרא. אמר לפניו רבונו של עולם עלית וישבת במרום ואין אתה מרחם על בניך אתא מטרא ואטלע. אמר רבי אלעזר לעולם אל יטיח אדם דברים כלפי מעלה שהרי אדם גדול הטיח דברים כלפי מעלה ואטלע ומנו לוי והא גרמא ליה והא לוי אחוי קידה קמיה דרבי ואיטלע הא יהא גרמא ליה. רבי חייא בר לוליאני (אמר אנא) שמעינהו להנך ענני דקא אמרן ניזיל נשדי מטרא בעמון ומואב א"ל כשהחזיר הקב"ה את התורה על כל אומה ולשון ולא קבלות עד שבאו ישראל וקבלוה ואתון שבקיתו ישראל ותשדו מטרא בעמון ומואב שדו ארוכתייהו. שדיין ארוכתייהו:

הא אנא והא בר ליואי. הוא היה אחד ואני אחד
אחד הוא עדיף מינאי: דתברי. שוברים:
שיבא מטר בשבילנו. מקבלים אתם עליכם ומסכימים
לדעת אחת:
כמה עזין. דלא כסי' מלגורת: לוי אחוי קידה.
מוען שני גודלין בארץ ושוחה ונושק את
הרלפס: הא והא גרמא ליה. כחטא גרם לו
שנטלע בקידה:

דרש

---

גיגאנגען קיין רעגין. אונ נאך דעם פאסטין איז אויך ניט געגאנגען קיין רעגין: האט מען גיזאגט צו רבי חמא רבי יהושע בן לוי האט דאך גוזר גיווען מען זאל פאסטין. איז גיקומען רעגין. האט רבי חמא צו זיי גיזאגט איך בין איין אנדער מענטש אונ רבי יהושע בן לוי איז איין אנדער מענטש. ער איז פרימער פאר מיר איז דורך זיין זכות גיגאנגען רעגין. האבין זיי גיזאגט צו רבי חמא קום מיר וועלין גיין אלע צו זאמען בעטין. טאמער וייל מיר אלע וועלין צו ברעכין אונזערע הערצער וועט גאט אויף אונז רחמנות האבין אונ עס וועט גיין רעגין: האבין זיי אזוי גיטאהן אונ האבין גיבעטין אונ עס איז ניט גיקומען קיין רעגין. האט רבי חמא גיזאגט צו זיי איר ווילט אז פון אונזערטוועגין זאל קומען רעגין. האבין זיי גיזאגט יא. האט רבי חמא גיזאגט צום הימעל. הימעל דעק צו דיין פנים מיט וואלקינס. האט ער ניט צו גידעקט: האט רבי חמא גיזאגט וואס פאר העזה דאס איז פון דעם הימעל. איז דער הימעל בדעקט גיווארען מיט וואלקינס אונ עס איז גיקומען רעגין. לוי האט גוזר גיווען מען זאל פאסטין ווייל עס איז ניט גיווען קיין רעגין אונ ער האט מתפלל גיווען עס זאל גיין רעגין. אונ עס איז ניט געגאנגען קיין רעגין. האט לוי גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם דו ביזט ארויף גיגאנגען אונ האסט זיך גיזעצט אויף דעם הימעל אונ דו האסט ניט רחמנות אויף דיינע קינדער. איז גיקומען רעגין. אונ לוי איז לאהם והינקעדיג גיווארין. רבי אלעזר האט גיזאגט א מענטש זאל גיט ריידען שטארקע רייד פאר גאט. ווארום אגרויסער למדן אונ אצדיק האט גירעט שטארקע רייד געגין גאט אונ ער איז לאהם והינקעדיג גיווארען. דאס איז גיווען לוי. פרעגט די גמרא איז דען לוי הינקעדיג גיווארען ווייל ער האט גירעט געגין גאט. לוי האט דאך געוויזען פאר רבי ווי אזוי דער כהן גדול האט זיך גיבוקט אין בית המקדש. אונ לוי איז לאהם גיווארין. ענטפערט די גמרא דורך ביידע זאכין איז ער הינקעדיג גיווארין: ווייל ער האט גירעט שטארקע רייד געגין גאט. האט מען גיווארט ביז ער וועט טאהן אשעדליכע זאך. וועט מען איהם שטראפין אויף זיינע רייד. רבי חייא בר לוליאני האט גיהערט ווי די וואלקינס האבין איינער צום אנדערין גיזאגט לאמיר גיין אויס גיסען דעם רעגין אין עמון אונ אין מואב. האט רבי חייא גיזאגט צו די וואלקינס ווען גאט איז גיגאנגען מיט די תורה צו אלע פעלקער. אונ קיינער האט איר ניט גיוואלט צו נעמען. ביז די יודין זענען גיקומען אונ האבין איר צו גינומען: אונ איר ווילט אוועק לאזין די יודין. אונ אויס גיסען דעם רעגין אין עמון אונ אין מואב. גיסט אויס דעם רעגין אויף דעם ארט וואו די יודין זענען. האבין די וואלקינס אזו גיטאהן אונ האבין אויס גיגאסען דעם רעגין ביי די יודין:

דרש

**לא דרש** רבי חייא בר לוליאני מ"ד (תהלים נב) צדיק כתמר יפרח כארז בלבנון ישגה אם נאמר תמר למה נאמר ארז ואם נאמר ארז למה נאמר תמר אלו נאמר תמר ולא נאמר ארז הייתי אומר מה תמר (ע"ב) אין גזעו מחליף אף צדיק [ח"ו] אין גזעו מחליף ואלו נאמר ארז ולא נאמר תמר הייתי אומר מה ארז אין עושה פירות אף צדיק [ח"ו] אין עושה פירות לכך נאמר תמר וארז:

**לב תנו** רבנן מעשה בר' (אלעזר) [אליעזר] שגזר י"ג תעניות על הצבור ולא ירדו גשמים באחרונה התחילו הצבור לצאת אמר להם תקנתם קברים לעצמכם געו בבכיה וירדו גשמים. שוב מעשה בר' (אלעזר) [אליעזר] שירד לפני התיבה ואמר כ"ד ברכות ולא נענה ירד ר"ע אחריו ואמר (אבינו מלכנו אבינו אתה) אבינו מלכנו אין לנו מלך אלא אתה (אבינו מלכנו חטאנו לפניך) אבינו מלכנו (למענך) רחם עלינו (אבינו מלכנו עשה עמנו למען שמך) מיד נענה כסבורין העם שזה גדול מזה יצאת בת קול ואמרה לא מפני שזה גדול

אין גזעו מחליף. אם נפסק: אף צדיק. אין לו זכר צדיק ואין גזעו מחליף אינו קם בתחיית המתים: צדיק אינו עושה פירות. אין לו שכר לעתיד:

מעשה בר' (אלעזר) [אליעזר] בן הורקנוס: י"ג תענית. שהתענו והלכו עד שגמרו י"ג כסדר שסדרו אלו ולא נענו וכו': התחילו הציבור לצאת. מבית הכנסת: קברים תקנתם. כלומר אין לכם אלא לכו קברו עצמכם מפני הרעב. (פ"א קברים תקנתם לעצמכם על שאתם יוצאין שהייתם מתפללין על הרעב שלא יבא): געו. צעקו כולם: מפני שזה: (ירד ר' עקיבא אחריו, כ"ג והוו מרנני רבנן כלומר על ר"א שלא נענה ואמרו שלפי שאינו צדיק כרבי עקיבא לא נענה):

---

**לא** דָרַשׁ. רַבִּי חִיָא בַּר לוּלְיָאנִי הָאט גִידַרְשְׁת וָואס מֵיינְט דֶער פָּסוּק דֶער צַדִיק וֶועט בְּלִיהֶען אַזוֹי וִוי אַטֵייטֶל בּוֹים אַזוֹ וִוי דֶער טֶענֶען בּוֹים אִין וַואלְד וֶועט עֶר גְרוֹים וֶוערִין. אַז דֶער פָּסוּק גְלַייכְט שׁוֹין דֶעם צַדִיק צוּם טֵייטֶל בּוֹים. צוּ וָואס גְלַייכְט עֶר אִים צוּם טֶענֶען בּוֹים. אָדֶער פַאר קֶערְט אַז דֶער פָּסוּק גְלַייכְט שׁוֹין דֶעם צַדִיק צוּם טֶענֶען בּוֹים. צוּ וָואס גְלַייכְט עֶר אִיהם צוּם טֵייטֶל בּוֹים. נָאר אַז דֶער פָּסוּק וָואלְט גִיגְלַייכְט דֶעם צַדִיק צוּם טֵייטֶל בּוֹים אוּנ נִיט צוּם טֶענֶען בּוֹים. ווָאלט אִיךְ זָאגִין אַזוֹי וִוי דֶער טֵייטֶל בּוֹים אַז מֶען הַאקְט אִיהם אָפּ וַואקְסְט עֶר שׁוֹין נִיט צוּרִיק. אַזוֹי דֶער צַדִיק אַז עֶר שְׁטַארְבְּט וַואקְסְט עֶר שׁוֹין נִיט אוֹיף צוּרִיק. עֶר וֶועט נִיט אוֹיף שְׁטֵיין צוּ תְּחִיַת הַמֵתִים. דְרִיבֶּער גְלַייכְט דֶער פָּסוּק דֶעם צַדִיק צוּ אַטֶענֶען בּוֹים. אַזוֹי וִוי אַטֶענֶען בּוֹים אַז מֶען הַאקְט אִים אָפּ וַואקְסְט עֶר צוּרִיק. אַזוֹי דֶער צַדִיק אֲפִילוּ עֶר שְׁטַארְבְּט. עֶר וֶועט אָבֶּער אוֹיף שְׁטֵיין צוּ תְּחִיַת הַמֵתִים. אוּנ אַז דֶער פָּסוּק וָואלְט גִיגְלַייכְט דֶעם צַדִיק צוּ אַטֶענֶען בּוֹים אוּנ נִיט צוּ אַטֵייטֶל בּוֹים. וָואלְט אִיךְ זָאגִין אַזוֹי וִוי דֶער טֶענֶען בּוֹים הָאט נִיט קֵיין פֵּירוֹת. אַזוֹי דֶער צַדִיק הָאט אוֹיךְ נִיט קֵיין פֵּירוֹת. עֶר וֶועט נִיט הָאבִּין קֵיין שְׂכַר אוֹיף עוֹלָם הַבָּא. דְרִיבֶּער אִיז דֶער צַדִיק גֶעגְלִיכֶען צוּם טֵייטֶל בּוֹים אוּנ צוּם טֶענֶען בּוֹים. עֶר וֶועט הָאבִּין פֵּירוֹת (שְׂכַר) אַזוֹי וִוי דֶער טֵייטֶל בּוֹים. אוּנ אַז עֶר וֶועט שְׁטַארְבִּין וֶועט עֶר אוֹיף שְׁטֵיין צוּ תְּחִיַת הַמֵתִים. אַזוֹי וִוי דֶער טֶענֶען בּוֹים אַז מֶען הַאקְט אִים אָפּ וַואקְסְט עֶר אוֹיף צוּרִיק:

**לב** תָּנוּ רַבָּנָן. דִי רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערְנְט עֶס הָאט אַמָאהל גִיטְרָאפֶען רַבִּי אֱלִיעֶזֶר הָט גוֹזֵר גִיוֶועְן אוֹיף דִי מֶענְטְשִׁין פוּן זַיין שְׁטָאט זֵיי זָאלֶען פַאסְטֶען דְרַייצֶעהְן טֶעג. ועיין במסכת תענית דף יב ע"ב. אוּנ עֶס אִיז נִיט גִיגַאנְגֶען קֵיין רֶעגִין. דֶעם לֶעצְטִין טָאג פַארִין נַאכְט הָאבֶּען דִי מֶענְטְשִׁין אָן גִיהוֹיבֶּען אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן שׁוּהל. הָאט רַבִּי אֱלִיעֶזֶר צוּ זֵיי גִיזָאגְט הָאט אִיהר שׁוֹין אָן גִיבְּרֵייט קְבָרִים פוּן אַייעֶרְט וֶועגִין. וָואס אִיהר גֵייט שׁוֹין אַרוֹיס פוּן שׁוּהל. אִיהר וֶועט דָאךְ אַלֶע שְׁטַארְבֶּען פוּן הוּנגֶער. הָאבֶּען אַלֶע אַנִישְׁרַיי גִיטָאהן מִיט גִיוֵויין. אִיז גִיגַאנְגֶען רֶעגִין. נָאךְ הָאט אַמָאהל גִיטְרָאפֶען רַבִּי אֱלִיעֶזֶר הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט בַּיי דֶעם עָמוּד מִתְפַּלֵל זַיין. אוּנ עֶר הָאט גִיזָאגְט פִיר אוּנ צְוַואנְצִיג בְּרָכוֹת (שם טו) אוּנ עֶר אִיז נִיט גִיעֶנְפֶערְט גִיוָוארֶען. נָאךְ רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אִיז גִיגַאנְגֶען רַבִּי עֲקִיבָא צוּם עָמוּד אוּנ עֶר הָט גִיזָאגְט אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ אֵין לָנוּ מֶלֶךְ אֶלָא אָתָּה. אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ לְמַעַנְךָ רַחֵם עָלֵינוּ. אִיז עֶר בַּאלְד גִיעֶנְפֶערְט גִיוָוארִין. הָאבֶּען דִי יוּדֶען

נימינט

נחל מזה אלא שזה מעביר על מדותיו וזה אינו מעביר על מדותיו:

**לג אמר** רבי (אלעזר) [אליעזר] כשמנסכין את המים בחג תהום אומר לחבירו אבע מימיך קול שני ריעים אני שומע שנאמר (תהלים מב) תהום אל תהום קורא לקול צנוריך וגו'. אמר רבה לדידי חזי לי האי רידיא דמיא לעיגלא תילתא ופריטא שפוותיה וקיימא בין תהומא תתאה לתהומא עילאה לתהומא עילאה א"ל חשור מימיך לתהומא תתאה א"ל אבע מימיך שנאמר (ש"ה ב) הנצנים נראו בארץ עת הזמיר הגיע וקול התור נשמע בארצנו:

**לד שמואל** הקטן גזר תעניתא וירדו להם גשמים קודם הנץ החמה כסבורין העם לומר שבחו של צבור הוא אמר אמשול לכם משל לכה"ד לעבד

אבע. לשון נחל מבע: קול שני ריעים (רש"י) המים וניסוך היין (בני שיתין שתחת המזבח דהיינו שני ספלים אחד של מים ואחד של יין ומנוקבים כמין חוטמין אחד עבה ואחד דק כדי שיהו כלים בבת אחת): תהום אל תהום קורא. מים עליונים ומים התחתונים: לצנוריך. אותן ב' ספלים: האי רידיא. מלאך הממונה על הגשמים כך שמו (ואית דאמרי מזל שור): דמי לעגל. ול"ג תילתא: בין תהומא עילאה לתתאה. בין הרקיע לאוקיינוס היכא דנשק ארעא ורקיעא: תהומא עילאה. מים עליונים: אבע מימיך (חושש להעלות מימיך) (ולמטה בקרקע): לעילאה אמר ליה חשור מימיך. כבסך מימיך להלן: הנצנים וגו'. כלומר כשמנסכין מים בחג שהניסוכין נראו בארץ שאינם באים אלא משכה להביאם כגון זה שאינו יוצא אלא מכח ... ועת הזמיר הגיע זמירות החג אז קול התור מלאך דומה לתור תרגום שור התור כשעה שמנסכין מים הוא אומר כן. ל"א כשמשו הנצנים נראו והזמיר הגיע בשעה שקול התור נשמע: שבחו של צבור הוא. שעדיין לא קראו ונענו:

גימיינט אז רבי עקיבא איז גרעסער ווי רבי אליעזר, איז ארויס גיגאנגען א קול פון הימעל אונ האט גזאגט ניט ווייל רבי עקיבא איז גרעסער ווי רבי אליעזר דריבער איז ער גיענטפערט גיווארין. נאר ווייל רבי עקיבא אז איינער זינדיגט פאר איהם. איז ער איהם מוחל. אונ רבי אליעזר אז איינער זינדיגט פאר איהם. איז ער איהם ניט מוחל. ביז ער בעט איהם ער זאל איהם מוחל זיין:

**לג אמר.** רבי אליעזר האט גיזאגט אום סוכות ווען מען האט גיגאסען וואסער אויף דעם מזבח. האט איין אבגרונד גיזאגט צום אנדערין אבגרונד. גיב ארויס דיינע וואסער אויף די ערד. איך הער דעם קול פון צווייא גוטע פריינד. (פון די ווין אונ די וואסער וואס ווערין גיגאסען אויף דעם מזבח אונ זיי קומען אראפ מיט איין מאהל צו אונז אין אבגרונד) אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איין אבגרונד רופט צו דעם אנדערין אבגרונד. (דיא אויבערשטע וואסער וואס איבער דעם הימעל אונ די אונטערשטע וואסער וואס אונטער די ערד) ווען זייא הערין דעם קול פון די ווין מיט די וואסער ווען זיי רינען פון דיא בעקינס וואס אויף דעם מזבח אין אבגרונד אריין. רבה האט גיזאגט איך האב גיזעהן דעם מלאך וואס הייסט רידיא. ווער איז דער שר פון רעגין. אונ ער זעהט אויס ווי א קאלב. אונ ער האט צו שפאלטענע לעפצין. אונ ער שטייט צווישען דעם אונטערשטין אב גרונד אונ דעם אויבערשטין אבגרונד. ווער שטייט אויף דעם ארט וו דער הימעל רירט אן די ערד. (צווישען הימעל צום ים אוקיינוס) צום אויבערשטין אבגרונד זאגט דער מלאך גיס אראפ דיינע וואסער אויף די ערד. צום אונטערשטין אבגרונד זאגט דער מלאך ברייננ ארויף דיינע וואסער אויף די ערד. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אז די שפראצונג ווערט גיזעהן אויף די ערד. דאס מיינט מען אז די וואסער וואס זיא מאכט שפראצין אלץ פון די ערד. ווערט גיזעהן אויף דעם מזבח וואס ער איז פול מיט ערד. דאס איז אום סוכות וואס מען גיסט וואסער אויף דעם מזבח. אונ דאס איז די צייט וואס מען לויבט גאט מיט הלל. דאמאלס ווערט גיהערט אין אונזער לאנד דער קול פון אקס. דאס איז דער קול פון דעם מלאך דער שר פון רעגין וואס ער זעהט אויס וויא איין אקס אונ ער רופט די קוואלין וואסער פון הימעל אונ פון אונטער די ערד. זיי זאלען נאס מאכען די ערד:

**לד** שמואל הקטן האט אמאהל גוזר גיוועזן אז מארגין זאל מען פאסטען. אונ איידער די זון האט אויף גיצייגט איז שוין גיגאנגען רעגין. האט דאס פאלק גימיינט צו זאגין אז דס איז צליב פאר זיי. זיא האבען נאך ניט אן גיהויבין צו בעטין אונ זיי זענען שוין גיענטפערט

גיווארין

אלא נפש שבעה : מתוך שכתוב בו מוכן לאם נכל כבר נאה להאמר על השבע : דאבי גובר . כשאדם או מקום : דשכיחא בהו שכרות . ושבעי ולא אמרו הלל הגדול משום שכי אמרי הלל קודם שיאכלו וישתו :

לעבד שמבקש פרס מרבו אמר להם תנו לו ואל אשמע קולו . שוב שמואל הקטן גזר תעניתא וירדו להם גשמים לאחר שקיעת החמה כסבורים העם לומר שבחו של צבור הוא אמר להו שמואל לא שבח של צבור הוא אלא אמשול לכם משל למה"ד לעבד שמבקש פרס מרבו ואמר להם הסתינו לו עד שיתמקמק ויצטער ואח"כ תנו לו ולשמואל הקטן שבחו של צבור היכי דמי אמר משיב הרוח ונשב זיקא אמר מוריד הגשם ואתא מטרא :

(דף יט) **לה משנה** מעשה שגזרו תענית בלוד וירדו להם גשמים קודם חצות אמר להם ר"ט צאו ואכלו ושתו ועשו אותו יום טוב יצאו ואכלו ושתו ואותו היום עשאוהו יו"ט ובאו בין הערבים ואמרו הלל הגדול (איזהו הלל הגדול (תהלים קלו) הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו . הודו לאדוני האדונים כי לעולם חסדו) : (דף כו) **גמ'** ולימרו הלל מעיקרא אביי ורבא דאמרי תרווייהו לפי שאין אומרים הלל הגדול אלא בנפש שבעה וכרס מלאה איני והא רב פפא איקלע לבי כנשתא דאבי גובר [וגזר תענית] וירדו גשמים להם קודם חצות ואמר להם אמרו הלל הגדול והדר אכלו ושתו שאני בני מחוזא דשכיחא בהו

---

געוואָרין . האט שמואל הקטן צו זיי געזאָגט . איך וועל אייך זאָגין א משל . אַקנעכט האט אמאהל געבעטין אמתנה פון זיין בעל הבית . האט דער בעל הבית געזאָגט . גיט איהם אונ איך וויל ניט הערין זיין קול . דריבער האט גאָט געגעבין דעם רעגין איידער די זוהן האט אויף געשיינט . ווייל ער וויל ניט הערין אייער בעטין אונ ער וויל ניט אייער פאסטען . נאָך אמאהל האט געטראָפען אז שמואל הקטן האט גוזר געוועזן מען זאל פאסטען ; אונ מען האט געפאסט אגאנצען טאג . דער נאָך וויא די זוהן איז אונטער געגאנגען . איז געגאנגען רעגין . האט דאס פאָלק געמיינט צו זאָגין אז דאס איז אלויב פאר זיי . גאָט האט אוים געהערט זייער געבעט . אונ ער האט זיי געגעבין וואס זייא האבען געבעטין ; האט שמואל הקטן צו זייא געזאָגט דאס איז ניט קיין לויב פאר אייך . איך וועל אייך זאָגין א משל . אַקנעכט האט אמאהל געבעטין איין מתנה פון זיין בעל הבית . האט דער בעל הבית געזאָגט מען זאל וואַרטין ביז ער וועט האבען פיל צער אונ וועט שטארק בעטין . דער נאָך זאל מען איהם געבין וואס ער בעט . אייך האט מען אויך געלאָזט אגאנצען טאג פאסטען אונ בעטין ; דער נאָך האט מען אייך געגעבין דעם רעגין פרעגט דיא גמרא נאָך שמואל הקטן ווען איז די לויב פון פאָלק אז מען זאָגט משיב הרוח אונ עס בלאָזט אווינט . אז מען זאָגט מוריד הגשם . אונ עס רעגינט ;

**לה** משנה . עס הט אמאהל געטראָפין אין די שטאָט לוד האט מען גוזר געוועזן אתענית . אונ פאר האלבען טאג איז געגאנגען רעגין . האט רבי טרפון צו זיי געזאָגט גייט ארוים פון שוהל עסט אונ טרינקט אונ מאכט דעם טאג יום טוב . זענען אלע ארוים געגאנגען פון שוהל אונ האבען געגעסען אונ געטרונקען אונ האבען געמאכט דעם טאג יום טוב . פארין נאכט זענען אלע צוריק געקומען אין שוהל אונ האבען געזאָגט הלל הגדול ; וואס הייסט הלל הגדול . הודו ליי' כי טוב כי לעולם חסדו . הודו לאדוני האדונים כי לעולם חסדו ואונ ווייטער ביז הודו לאל השמים כי לעולם חסדו ; פרעגט די גמרא פר וואס האבען זיי ניט געזאָגט הלל הגדול איידער זייא זענען געגאנגען עסין . אביי אונ רבא זאָגען ביידע ווייל מען זאָגט ניט הלל הגדול נאָר אז מען איז זאט מיט אפולען בויך ; פרעגט די גמרא עס איז דאָך ניט אזוי . רב פפא איז אמאהל געקומען אין די שוהל פון אבי גובר אונ ער הט גוזר געוועזן מען זאל פאסטען מאָרגין אונ מאָרגין פאר האלבען טאג איז געגאנגען רעגין . האט רב פפא צו זיי געזאָגט זאָגט הלל הגדול דער נאָך וועט איר גיין עסין אונ טרינקען . האבען זיי דאָך פריער געזאָגט הלל דער נאָך געגעסען . ענטפערט דיא גמרא ווייל די מענטשין פון מחוזא טרינקען ביז צו שיכור ווערין . הט רב פפא מורא געהאט זייא

מעלעו

בהו שכרות:

## בשלשה פרקים פרק רביעי

**א משנה** אלו הן מעמדות לפי שנאמר (במדבר כח) צו את בני ישראל ואמרת אליהם את קרבני לחמי היאך קרבנו של אדם קרב, והוא אינו עומד על גביו התקינו נביאים הראשונים כ"ד משמרות על כל משמר ומשמר היה מעמד בירושלים של כהנים לוים וישראלים הגיע זמן המשמר לעלות כהנים לוים עולין לירושלים וישראל שבאותו משמר מתכנסים לעריהם וקורין במעשה בראשית. ביום הא' (בראשית א) בראשית ויהי רקיע. בשני יהי רקיע ויקוו המים. בשלישי יקוו המים ויהי מאורות. ברביעי יהי מאורות וישרצו המים. בחמישי ישרצו המים ותוצא הארץ. בששי תוצא הארץ ויכלו השמים והארץ וכל צבאם.
פרשה

(אלו הן מעמדות. כמהפנין. ומתפללין בעמידה שיתקבל ברצון קרבן אחיהם כדלקמן: לפי שנאמר צו את בני ישראל וגו'. שהתמיד בא מן השקלים של כל ישראל וא"א שיהיו כל ישראל עומדין על גבי קרבנם ומינו מעמדות להיות במקומן: נביאים הראשונים. שמואל ודוד בגמ' מפרש: על כל משמר. כ"ד משמרות של כהנים היו ושמואל ודוד תיקנום ועל כל משמר היה מעמד בירושלים שקבועים ועומדין בעיר ועומדין על קרבן אחיהם ולבד אלו הדרים בירושלים היו מעמדות בכל עיר שישראל נחלקו לכ"ד מעמדות כנגד כ"ד משמרות כדתניא בברייתא של מ"ט מדות והיינו דקתני היה מעמד בירושלים כהנים ולוים וישראלים: כהנים ולוים. של משמר היו עולים לירושלים כהנים לעבודה ולוים לשיר ומכל המעמדות היו קבועים בירושלים לעמוד על קרבן אחיהם: והשאר היו מתכנסין לעריהם. ומתפללין על קרבן אחיהם שיתקבל ברצון ומתענין ומוציאין ס"ת ביום תעניתם: קורין במעשה בראשית. בגמ' מפ' טעמא: ביום הא'. של שבוע קורין בראשית וכו' פרשה ראשונה ופרשת יהי רקיע לפי שאין בה בראשית לבדה ט' פסוקים כדי קריאת כהן לוי ישראל וכן כולן בששי תוצא הארץ עד ויכלו לפי שבפרשת תוצא הארץ אין בה אלא ח' פסוקים

---

טעגן ווערן שיכור ווען זיי ניט זאגן הלל פארין נאכט. דריבער האט מען גיהייסן זיי זאלען זאגן הלל פאר דעם עסן:

## פרק רביעי

**א** משנה. אלו. דס זענען גיוועזן די מעמדות. ווייל עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צו משה דו זאלסט געביטען די יודין אונ זאלסט זיי זאגן מיין קרבן וואס דאס איז מיין ברויט זאלט איר מקריב זיין צו מיר. אונ אין דיא קרבנות תמידים אונ מוספין האבין אלע יודען גיהאט אחלק. נאר ווי אזוי איז מען מקריב דעם קרבן פון אמענטש אונ דער מענטש שטייט ניט ביי דעם קרבן. האבען די ערשטע נביאים ושמואל הנביא אונ דוד המלך) גימאכט אתקנה מען זאל צו טיילען אלע יודען אין פיר אונ צוואנציג (משמרות) טייל. די כהנים זאלען זיין פיר אונ צוואנציג טייל. אונ די לוים זאלען זיין פיר אונ צוואנציג טייל. אונ די ישראלים זאלין זיין פיר אונ צוואנציג טייל. אונ יעדער משמר הט גיהאט זיין אוים גיזעצטע וואך צו קומען אין ירושלים. ווען עס איז גיקומען די צייט פון דעם משמר צוא גיין אין ירושלים. דער משמר כהנים אונ דער משמר לוים האבען גימוזט קומען אין ירושלים דער גאנצער משמר. אונ דער משמר ישראלים האבען ניט גידארפט קומען אין ירושלים. נאר עטליכע מענטשין פון יעדער משמר האבען גיוואוהנט אין ירושלים. אונ זיי זענען אלע טאג גישטאנען ביי די תמידים אונ מוספין ווען מען הט זיי מקריב גיוועזן. זיי זענען גיוועזן געשיקט פון אלע יודינס וועגין. אונ אלע ישראלים פון דעם משמר וואס איז גיוועזן זיין וואך פלעגין זיך פערזאמלען יעדער משמר אין זיין שטאט. אונ פלעגין פאסטען די גאנצע וואך אלע טאג. אונ פלעגין בעטין ביי גאט ער זאל אן נעמען מיט בווילינג די קרבנות פון די יודין. אונ זיי פלעגין ארוים נעמען אלע טאג אספר תורה אונ פלעגין לייענען מעשה בראשית. זונטאג האבין זיי גילייענט בראשית אונ ויהי רקיע ביז יום שני. מאנטאג האבין זיי גילייענט יהי רקיע אונ יקוו המים ביז יום שלישי. דינסטאג האבין זיי גילייענט יקוו המים אונ יהי מאורות ביז יום רביעי. מיטוואך האבין זיי גילייענט יהי מאורות אונ ישרצו המים ביז יום חמישי. דאנערשטאג האבין זיי גילייענט ישרצו המים. אונ תוצא הארץ ביז יום הששי. פרייטאג האבען זייא

פרשה גדולה קורין אותה בשנים והקטנה ביחיד. בשחרית במוסף ובמנחה נכנסין וקורין אותם על פה כקורין ק"ש. ערב שבת במנחה לא היו נכנסין מפני כבוד השבת:

(דף כז ע"ב) גמ' מה"מ אמר רבי יעקב בר אחא אמר רב אסי אלמלא מעמדות לא נתקיימו שמים וארץ שנאמר (בראשית טו) ויאמר ה' אלהים במה אדע כי אירשנה אמר אברהם לפני הקב"ה רבונו של עולם שמא ישראל חוטאים לפניך ואתה עושה להם כדור המבול וכדור הפלגה א"ל לאו אמר לפניו רבונו של עולם הודיעני במה אירשנה א"ל (שם) קחה לי עגלה משלשת גו' אמר לפניו רבונו של עולם תינח בזמן שבית המקדש קיים בזמן שאין בית המקדש קיים מה תהא עליהם א"ל בני כבר תקנתי להם סדר קרבנות בזמן שקורין בהם לפני מעלה אני עליהם כאלו הקריבום לפני ואני מוחל להם על כל עונותיהם:

תנו

פירוש

לפיכך אומר ויכלו: פרשה גדולה. שבפרשיות הללו קורין אותה בשנים כגון פרשה א' של בראשית יש בה ה' פסוקים היו קורין אותה בשנים כדאמרינן בגמ' יסי יקיע גאהד כיוב הנ' יהי רקיע פאהד יקוו בשנים שיש בה ה' פסוקים ויום הג' יקוו באחד שאין בה אלא ה' פסוקים ויהי מאורות בשנים שיש בה ו' פסוקים: וקורין אותה על פה. כל אחד בפני עצמו ובעי בגמ' מאי קאמר. מעיקרא קתני פרשה קטנה וכו' דמשמע דבס"ת קורין והדר תני על פה): מה"מ. שבמעמדות קורין במעשה בראשית: אלמלא מעמדות. עסקי קרבנות ישראל שאין הם היו כלין בהטלה ובהם כלין שמים וארץ העומדין בזכותם אין מתקיימין: כאנשי דור המבול. שמאחר שהם כלין אין העולם מתקיים והואיל שעל עסקי קרבן הם לא עומד לכך קורין אנשי מעמד בעריהם במעשה בראשית:

גילייענט תוצא הארץ און ויכלו השמים ביז לעשות. אגרויסע פרשה האט מען גילייענט פאר צוויי מענטשין. פאר כהן מיט לוי. אדער פאר לוי מיט ישראל. אקליינע פרשה האט מען גילייענט פאר איינעם. פאר אכהן אליין אדער פאר ישראל אליין. צו שחרית און צו מוסף האט מען גילייענט אין אספר תורה. און צו מנחה זענען אלע אריין גיגאנגען אין שוהל און מען האט גילייענט מעשה בראשית אזוי ווי מען האט גילייענט אין דער פריא נאר אויס ווייניג האבין אלע גזאגט די פסוקים אזוי ווי מען לייענט קריאת שמע. ערב שבת צו מנחה זענען זיי ניט גיקומען אין שוהל. ווייל עס איז ניטא קיין צייט. מען דארף אן גרייטען אויף שבת. פרעגט די גמרא פון וואנען וויסען מיר אז די מענטשין פון משמר דארפען לייענען מעשה בראשית. האט רבי יעקב בר אחא גזאגט רב אסי זאגט ווען ניט דיא קרבנות וואס זענען מכפר אויף די יודען. וואלטען די יודען פאר לענדט גיווארין דורך זייערע עבירות. און אז די יודען וואלטען פאר לענדט גיווארין. וואלטין דיא הימעל און ערד אויך פאר לענדט גיווארין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אברהם אבינו האט גזאגט פאר גאט איך וויל וויסען מיט וואס וועל איך ירשנען ארץ ישראל. אברהם האט גזאגט פאר גאט רבונו של עולם טאמער וועלין די יודען זינדיגען פאר דיר וועסטו טאהן מיט זיי אזוי ווי דוא האסט גיטאהן מיט דיא מענטשין פון נח וואס דו האסט גיבראכט אויף זיי אמבול. אדער אזוי ווי דוא האסט גיטאהן מיט דעם דור הפלגה. האט גאט גזאגט צו אברהם ניין. איך וועל זיי ניט אזוי שטראפין. האט אברהם גזאגט פאר גאט רבונו של עולם מאך מיך וויסען מיט וואס וועל איך ירשנען ארץ ישראל. האט גאט גזאגט צו אברהם נעם אקאלב און נאך בהמות אזוי ווי עס שטייט אין די תורה און זיי מקריב קרבנות. אז די יודען וועלין טאהן עבירות און זייא וועלין מקריב זיין קרבנות וועל איך זיי מוחל זיין. האט אברהם גזאגט פאר גאט רבונו של עולם דאס איז רעכט ווען דער בית המקדש וועט זיין. אבער ווען דער בית המקדש וועט ניט זיין. וואס וועט זיין מיט די יודין אז זיי וועלין זינדיגען. האט גאט גזאגט צו אברהם מיין זוהן. איך האב שוין לאנג געשריבען אין די תורה ווי אזוי מען זאל די קרבנות מקריב זיין. אז די יודען וועלין פאר מיר לייענען דיא פסוקים פון קרבנות אין די תורה. וועל איך זייא רעכענען גלייך ווי זייא וואלטין פאר מיר מקריב גיווען די קרבנות. און איך וועל מוחל זיין זייערע אלע עבירות:

**ב תנו** רבנן אנשי משמר היו מתפללין על קרבן אחיהם שיתקבל ברצון ואנשי מעמד נכנסין לבית הכנסת ויושבין ד' תעניות בשבת. בשני על יורדי הים. בג' על הולכי המדברות. בד' על אסכרה שלא תפול בתינוקות. בה' על עוברות ומניקות עוברות שלא יפילו ומניקות (שיגדלו) [שיניקו] את בניהם. ובערב שבת לא היו מתענין מפני כבוד השבת וכ"ש בשבת עצמה. בא' בשבת מ"ט לא א"ר יוחנן מפני האומות רבי שמואל בר נחמני אומר מפני שהוא שלישי ליצירה (א"נ) [ר"ל אמר] משום נשמה יתירה דאמר רבי שמעון בן לקיש נשמה יתירה ניתנה בו באדם בערב שבת ובמוצאי שבת נטלת ממנו שנאמר (שמות לא) שבת וינפש כיון ששבת וי אבדה נפש:

(דף כח) **ג תנו** רבנן מה הם בני גונבי עלי ומה הם קוצעי

אנשי משמר. אותן כ"ד שהיו בעבודה: מתפללין על קרבן אחיהם. תמידים שבכל יום: בשני על יורדי הים. דכתיב ביה ויאמר אלהים יהי רקיע בתוך המים (ויקוו המים שלא יזיקו ליורדי הים) וצריך להזכיר ולרצות על הדבר: בג' להולכי מדברות. דכתיב ביה ותראה היבשה (כלומר בימלאו הדרכים נקיים) ותהא נראי יבשה להולכים שלא יזוקו מפני חיות רעות.: בד' על אסכרה. שקורין אשטרונגלי"ן בלע"ז דכתיב ביה יהי מארת ברקיע השמים ופירשו בירושלמי משום דכתיב ביה יהי מארת וכיון שזה חסר משמע מארה (וכדי שלא תפול המארה על התינוקות א"נ כיון דאסכרה באה על לשה"ר ולה"ר אהעביד ביה ד' בנבראו מאורות ואמרה הלבנה לפני הקב"ה א"א לב' מלכים וכו' וא"ל הקב"ה לכי ומעטי את עצמך וסיימו לבין הרע והולך אינה למיתה לאסכרה ומתפללין עליה שלא תבא): עוברות וכו'. משום דבה' כתיב ישרצו המים שרץ נפש חיה: מפני האומות. שעושים אותו יום חגם וכי הוי דמתענין ביום חגם אתו לידי סכנה כן פרש"י ד"ל: ג' ליצירה. שבע"ש נברא אדם וכל יום ג' חלוש עפי דכתיב ויהי ביום השלישי בהיותם כואבים: נשמה יתירה. דעת רחבה ומתאב לאכול ולשתות וכשנוטלין אותה ממנו הוה חלש (וכדי ליישב דעתו שניטלה ממנו אותה תאבון מברכין על הבשם במוצאי שבתות ואין מברכין במוצאי שבת שחל ביו"ט שלא ניטלה ממנו תאותו): כיון ששבת שנח ובמר אם השבה וי אבדה נפש. דורש בנוטריקון וינפש וי נפש ע"כ:

פרדסאות

---

**ב** תנו רבנן. די רבנן האבען גילערנט דיא מענטשין פון משמר ישראלים אין זייער וואך פלעגין בעטין אויף דעם קרבן וואס זייערע ברידער די כהנים זענען מקריב ער זאל אן גינומען ווערין פאר גאט מיט בווילינונג. אונ די ישראלים וואס זענען גיוועזן אין ירושלים אונ זענען גישטאנען ביי דעם קרבן ווען מען האט איהם מקריב גיוועזן. נאך דעם מקריב זיין פלעגין זיי אריין גיין אין שוהל מתפלל זיין. פיר טעג אין וואך האבען זיי גיפאסט. מאנטאג דינסטאג מיטוואך דאנערשטאג. מאנטאג האבען זיי גיבעטין אז די מענטשין וואס פארין אויף דעם ים זאלען פארען בשלום. דינסטאג האבען זיי גיבעטין אז די מענטשין וואס גייען אין דער מדבר. זאלען גיין בשלום. מיטוואך האבען זיי גיבעטין אויף דיא קליינע קינדער אויף זיי זאל ניט קומען די קראנקייט אסכרה. דאנערשטאג האבען זיי גיבעטין אויף דיא ווייבער וואס זענען מעוברת זיי זאלען ניט מפיל זיין. אונ די ווייבער וואס זייגין. זאלען האבען מילך אום צו זייגין זייערע קינדער. פרייטאג פלעגין זיי ניט פאסטען. זיי זאלען ניט אריין קומען אין שבת פאסטענדיג. אונ אום שבת האבען זיי געווים ניט גיפאסט. פאר וואס האבען זיי ניט גיפאסט זונטאג שמואל בר נחמני זאגט ווייל זונטאג איז דער דריטער טאג פון דעם מענטשינס בשאפונג. ווארום אדם הראשון איז בשאפען גיווארין פרייטאג. אונ דעם דריטען טאג איז מען שוואך. ריש לקיש זאגט ווייל שבת האט איהר אגרעסערע נשמה. אונ האט פערגעניגען שבת צו עסין אונ צו טרינקען. אונ אז אמענטש גייט ארויס מיט איין מאהל פון פערגעניגען צום פאסטען קען דאס איהם שאדין. דריבער האבען זיי ניט גיפאסט זונטאג. ווארום רבי שמעון ב' לקיש הט גזאגט ערב שבת נאך האלבין טאג גיט מען אמענטשין אגרעסערע נשמה. אונ מוצאי שבת ביי נאכט באלד נאך הבדלה. נעמט מען זיא צוא פון איהם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שבת וינפש אז מען האט שוין אפ גירוהט דעם שבתדיגען טאג. איז וי וואס מען האט פארלארען די שבתדיגע נשמה:

**ג** תנו רבנן. די רבנן האבען גילערנט ווער זענען גיוועזן די גונבי עלי. אונ ווער זענען

ניוועז

**פירוש**

פרדסאות: (מפרשין פרס לשון פרסת דרכים דיאות כמו דיומי ב' פרים שעומדים בב' מקומות) [שומרים]: (בכורים. אדם נכנס בתוך שדהו ורואה אשכול שביכר תאנה שביכרה קושר עליה גמי ועושהו אותם בכורים): קציעות תאנים יבשים שכותשין אותם ועושין אותן עגולין (ועל שם הכלי שקוצעין אותם בו ששמו מקצוע קרי ליה קציעות כמו ימשחו במקצעות ומתרגמינן באזמלין): במכתשת שלפנינו. שהוא במקום אחר לפני בתמוך והוו גונבי עלי על שם שגונבין לב בשומרים לפי שמראין להם העלי שעל כתפיהם עלי. פיסט"ן בלע"ז: סלמאי. נקראין על שם הסולמות: נתוצתי. ע"ש שנותצין ופורקין את הסולמות:

קוצעי קציעות אמרו פעם אחת גזרה מלכות גזרה על ישראל שלא יביאו עצים למערכה ושלא יביאו בכורים לירושלים והושיבו פרדסאות על הדרכים כדרך שהושיב ירבעם בן נבט שלא יעלו ישראל לרגל מה עשו יראי חטא וכשרים שבאותו הדור הביאו סלי בכורים וחפים בקציעות ונטלו עלי על כתיפם כיון שהגיעו אצל פרדסאות אמרי להו להיכן אתם הולכים אמרו לעשות שני עגולי דבלה במכתשת שלפנינו ובעלי שעל כתפנו כיון שעברו מהם עטרום בסלים והביאום לירושלים. תנא הם הם בני סלמאי הנתוצתי.

תנו רבנן מה הם בני סלמאי הנתוצתי אמרו פעם אחת גזרה מלכות על ישראל שלא יביאו עצים למערכה וחושיבו פרדסאות על הדרכים כדרך שהושיב ירבעם בן נבט שלא יעלו ישראל לרגל מה עשו יראי חטא (וכשרים) שבאותו הדור הביאו גזירי עצים ועשאום כמו בולמות והניחו על כתיפם והלכו להם וכיון שהגיעו אצלם אמרו להם להיכן אתם הולכים אמרו להביא (שתי) גוזלות משובך שלפנינו בסולם שעל כתפנו כיון שעברו מהם פרקום

והביאום

---

גיוועז די קוצעי קציעות. אמאהל האט אמלך גוזר גיוועז אויף די יודין זיי זאלען ניט ברייגען האלץ צום מזבח. אונ זיי זאלען ניט ברייגען ביכורים אין ירושלים. אונ מען האט גיזעצט מענטשין אויף די וועגין זיי זאלען אכטונג געבין. אזוי וויא ירבעם בן נבט האט גיזעצט מענטשין אויף די וועגין זייא זאלען אכטונג געבין יודין זאלען ניט גיין אויף יום טוב אין ירושלים. וואס האבען גיטאהן די פרומע מענטשין פון דעם דור. זיי האבען גיבראכט אקרב מיט בכורים. פון הויבין האבען זיי בדעקט מיט געטריקנטע פייגען. אונ זיי האבען גינומען די אובערשטע שטיק האלץ פון אשטוים אויף זייער אקסיל. ווי זיי זענען גיקומען צו דיא היטערס. האבען די היטערס זיי גיפרעגט וואו הין גייט איר. האבען זייא גזאגט מיר גייען מאכען צוויי קיילעכדיגע שטיקער פייגען גיטרעטענע אין דעם שטוים וואס שטייט אין דעם ארט וזיי האבען גזאגט דעם נאמען פון דעם ארט) ניט ווייט פון אונז. אונ דעם אובערשטין האלץ פון שטוים טראגין מיר אויף אונזערע אקסלען. ווי זיי זענען אוועק גיגאנגען פון די היטערס האבען זיי אראפ גינומען די געטריקנטע פייגען פון דיא בעצירט די בכורים מיט שיינע פירות. אונ זיי האבען גיברייגגט דיא בכורים אין ירושלים: אונ זייא האבען די מענטשין האט מען גירופען גונבי עלי אונ קוצעי קציעות. ווייל זיי האבען אריין גינגבת די בכורים אין ירושלים דורך דעם עלי ודי אובערשטע שטיק האלץ פון שטוים) וס זיי האבין גיטראגען אויף דעם אקסיל. אונ דורך די קציעות (געטריקונטע פייגען) וואס זיי האבען בדעקט די בכורים). אונ די מענטשין האט מען גירופען נאך אנאמען בני סלמאי הנתוצתי די רבנן האבען גילערונט פאר וואס האט מען זיי גירופען בני סלמאי הנתוצתי. אמאהל האט אמלך גוזר גיוועז אויף די יודין זיי זאלען ניט ברייגען האלץ צום מזבח. אונ מען האט גיזעצט מענטשין אויף די וועגין זיי זאלען אכטונג געבין. אזוי וויא ירבעם בן נבט האט גיזעצט מענטשין אויף די וועגין זיי זאלען אכטונג געבין יודען זאלען ניט גיין אויף יום טוב אין ירושלים. וואס האבען גיטאהן די פרומע מענטשין פון דעם דור. זייא האבען גינימען שטיקער האלץ אונ האבען גימאכט פון זיי לייטערס אונ זיי האבען גיטראגען די לייטערס אויף זייערע אקסלען אונ זיי זענען גיגאנגען. ווי זיי זענען גיקומען צו די היטערס. האבען די היטערס זיי גיפרעגט וואו הין גייט איר. האבען זיי גזאגט מיר גייען ברייגען טויבין פון דעם טויבין שלאק וס שטייט דא ניט ווייט פון אונז. אונ מיר טראגין דעם לייטער פון דעם טויבין שלאק אויף אונזער

אכסעל

והביאום לירושלים עליהם ועל כיוצא בהם נאמר (משלי י) זכר צדיק לברכה ועל ירבעם בן נבט וחבריו נאמר (שם) ושם רשעים ירקב:

(דף כו) ד משנה ה' דברים אירעו את אבותינו בי"ז בתמוז וה' בט' באב. בי"ז בתמוז (ע"ב) נשתברו הלוחות ובטל התמיד והובקעה העיר ושרף אפוסטמוס את התורה והעמיד צלם בהיכל. בט' באב נגזר על אבותינו שלא יכנסו לארץ וחרב הבית בראשונה ובשניה ונלכדה ביתר ונחרשה העיר:

(דף כח ע"ב) גמ' נשתברו הלוחות מנ"ל דתניא בו' בחדש נתנו עשרת הדברות לישראל רבי יוסי אומר בז' בו מ"ד בו' ניתנו (בו' ניתנו) בז' עלה (משה) מ"ד בז' (בז') ניתנו בז' עלה (שמות כד) (ויקרא אל משה ביום השביעי וכתיב (שם) ויבא משה בתוך הענן ויעל אל ההר) (שם) ויהי משה בהר וגו' (כ"ד דסיון ושיתסר דתמוז מלו להו ארבעין בשיבסר בתמוז נחית אתא ותברינהו ללוחות) וכתיב (שם לב) ויהי כאשר קרב

ובטל התמיד. לפי שגזרה מלכות גזרה מלהקריב עוד: והועמד צלם בהיכל. שהעמידו מנשה כדמפורש בתרגום ירושלמי בפרשת השמים כסאי וגו': על אבותינו. דור המדבר לא יראה איש באנשים האלה הדור הרע הזה את הארץ: ביתר. עיר גדולה והיו ישראל דרין בה: (בו') בסיון נתנו. סבירא ליה בבו' בסיון שהוא למחרת ממתן הדברות עלה משה לקבל הלוחות וירד ושבר הלוחות ביום י"ז בתמוז דמז' בסיון וז' בכלל עד

---

אקסע. ווי זיי זענען אוועק גיגאנגען פון די היטערס האבען זיי צו גינומען די לייטערס און האבען גיבראכט די האלץ אין ירושלים ודריבער האט מען זייא גירופען סלמאי הנתוצתי. ווייל זיי האבען צו בראכען די לייטערס) אויף דיא מענטשין און אויף נאך עזעלכע פרומע. זאגט דער פסוק זכר צדיק לברכה. אז מען דער מאנט דעם צדיק זאל מען אים בענטשין. און אויף ירבעם בן נבט מיט זיינע חברים זאגט דער פסוק דער נאמען פון די רשעים זאל פאר פוילט ווערין. קיינער זאל ניט דער מאנען זייער נאמען:

ד משנה. חמשה. פינף זאכען האט גיטראפען אונזערע עלטערין שבעה עשר בתמוז (דעם זיבעצעהנטין טאג אין תמוז). און פינף זאכען האט גיטראפען אונזערע עלטערין און תשעה באב (דעם ניינטען טאג אין אב). דעם זיבעצעהנטין טאג אין תמוז זענען צו בראכען גיווארין די לוחות. און מען האט אויף גיהערט מקריב צו זיין דעם קרבן תמיד. און דיא מאהער וואס ארום די שטאט ירושלים איז צו שפאלטען גיווארין. דער שונא האט שוין גיקענט אריין קומען אין ירושלים. און אפוסטומוס האט פאר ברענט די תורה. און מען האט אריין גישטעלט אצלם אין היכל. און תשעה באב האט גאט גוזר גיוועזן אויף אונזערע עלטערין וואס זענען ארויס גיגאנגען פון מצרים זייא זאלען ניט אריין גיין אין ארץ ישראל: און דער ערשטער בית המקדש און דער אנדערער בית המקדש איז חרוב גיווארין תשעה באב. און די שטאט ביתר איז איין גינומען גיווארין תשעה באב. און די שטאט ירושלים איז צו האקערט גיווארין תשעה באב. פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז די לוחות זענען צו בראכין גיווארין שבעה עשר בתמוז. ווארום מיר האבען גילערנט דעם זעקסטין טאג אין סיון זענען גיגעבין גיווארין די עשרת הדברות צו די יודען. רבי יוסי זאגט דעם זיבעטין טאג אין סיון זענען גיגעבין גיווארין די עשרת הדברות צו די יודין. דער וואס זאגט אז דיא עשרת הדברות זענען גיגעבין גיווארין דעם זעקסטין טאג אין סיון. האלט ער אז אויף מארגין דעם זיבעטין טאג אין סיון איז משה ארויף גיגאנגען אויף דעם בארג צו גאט נעמען די לוחות. און דער וואס זאגט אז די עשרת הדברות זענען גיגעבען גיווארין דעם זיבעטין טאג אין סיון. האלט ער אז דעם זעלביגען טאג נאך די עשרת הדברות איז משה ארויף גיגאנגען צו גאט אויף דעם בארג. נעמען די לוחות. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט גירופען צו משה דעם זיבעטין טאג. נאך שטייט אין פסוק משה איז גיקומען אין וואלקין און ער איז ארויף גיגאנגען צום בארג. און משה איז גיוועזן אויף דעם בארג פערציג טעג. איז געבליבען פיר און צוואנציג טעג פון סיון:

קרב אל המחנה וירא את העגל (וישלך מידיו את הלוחות וישבר אותם תחת ההר). בטל התמיד גמרא. הובקעה העיר בי"ז בתמוז הוה והכתיב (ירמיה נב) בחדש הרביעי בתשעה לחדש ויחזק הרעב בעיר וכתיב בתריה ותבקע העיר אמר רבא לא קשיא כאן בראשונה כאן בשניה דתניא בתשעה לחדש הובקעה העיר בראשונה ובשניה בי"ז בו. ושרף אפוסטמוס את התורה גמרא. והעמיד צלם בהיכל מנלן דכתיב (דניאל יב) ומעת הוסר התמיד ולתת שקוץ שומם וחד הוה והכתיב (שם ט) ועל כנף שקוצים משומם אמר רבא תרי הוו ונפל חד על חבריה וקטעיה לידיה ואשכחו דכתיב עילויה (דף כח) אנת צבית לחרובי ביתא וידך (אושלת לי) [אשלימתה ליה]. בט' באב נגזר על אבותינו שלא יכנסו לארץ מנ"ל דכתיב (במדבר י) (ויהי בשנה השנית בחדש השני בעשרים בחדש נעלה הענן) (שמות מ) [ויהי בחדש הראשון

י"ז בתמוז אינא מ' יום שעמד משה בהר כ"ד דסיון וי"ו בתמוז הרי מ' יום ובי"ז בתמוז דהיינו מ"א יום ירד ושבר את הלוחות) : גמרא. לא אשכחן קרא אלא למדנו מרבותינו : בראשונה. בגלות בבל שניה בגלות אדום : ומעת. שהוסר ונתבטל התמיד בו ביום נתון שקוץ שומם דהיינו העמד צלם בהיכל : וחד הוה. וכי חד שקוץ הוה והו לא והכתיב על כנף שקוצים (משומם) ושקוצים טובא משמע : תרי הוו. שהעמידם מנשה בהיכל : ונפל חד על חבריה וקטעיה לידיה. והנקטע לא חשיב והיינו דכתיב שקוץ אחד : אשכחו. עילויה דצלם דכתיב הכי : (אושלה. לשון שאלת כלים והיינו דכתיב חד כנף : והו לשון רש"י בגמ') : אנת צביה לחרובי ביתא וידך אשלימתה ליה. הצלם אומר לחבירו אתה רצית להחריב ביתו של מקום שהטעית ישראל אחריך אני עשיתי כך נקמה ובלמתי לך ידי ל"א וידך אושלית לי לשון שאילה כלי' כלומר ועלה בידי : ויהי בחדש השני וגו'. משמע מהכי הוהי דהכי' מאייר נעלה הענן פסו לנו.ס' כאייר דלעולם כוה ספר וכתיב (וילכו) ויסעו מהר ה' דרך ג' ימים וגו' יום א' מג' ימים הללו לא חשיב שאותו יום

---

סיון (מיט דעם זיבעטן טאג) . אונ זעכצעהן טעג פון תמוז . איז געווארין פערציג טעג . דעם זיבעצעהנטין טאג אין תמוז איז משה אראפ גיקומען פון בארג . אונ ער האט גיזעהן דעם עגל . אונ ער האט צו בראכען די לוחות. אונ אז דעם זיבעצעהנטין טאג אין תמוז האט מען אויף גיהערט מקריב צו זיין דעם תמיד ; דאס האבען אונז אונזערע עלטערין דער ציילט . פון פסוק ווייסען מיר דאס ניט ; פרעגט די גמרא איז דען די מאהער ווס ארום די שטאט ירושלים צו שפאלטען גיווארין דעם זיבעצעהנטין טאג אין תמוז . עס שטייט דאך אין פסוק דעם פערטין חודש (דאס איז תמוז) דעם ניינטען טאג אין חודש האט זיך גישטארקט דער הונגער אין שטאט . באלד דער נאך שטייט אז די מאהער וואס ארום די שטאט ירושלים איז צו שפאלטען גיווארין . איז דאך די מאהער צו שפאלטען גיווארין דעם ניינטען טאג אין תמוז . האט רבא גיזאגט דאס איז ניט קיין קשיא . ביי דעם ערשטין חורבן איז די מאהער צו שפאלטען גיווארין דעם ניינטען טאג אין תמוז . ביי דעם אנדערין חורבן איז די מאהער צו שפאלטין גיווארין דעם זיבעצעהנטין טאג אין תמוז . אז דעם זיבעצעהנטין טאג אין תמוז האט אפוסטמוס פאר ברענט דיא תורה . דאס האבען אונז אונזערע עלטערין דער ציילט . פון פסוק ווייסען מיר דס ניט . פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז דער צלם איז גישטעלט גיווארין אין היכל דעם זיבעצעהנטין טאג אין תמוז . ווארום עס שטייט אין פסוק ווען דער תמיד איז אפ גיטאהן גיווארין . דעם טאג וואס מען האט אויף גיהערט מקריב צו זיין דעם תמיד . האט מען גישטעלט אין היכל דאס מיאוסע פאר וויסטונג . דעם צלם פון מנשה . אונ דעם תמיד האט מען דאך אויף גיהערט מקריב צו זיין דעם זיבעצעהנטין טאג אין תמוז . פרעגט די גמרא איז דען גיוועזן נאר איין צלם אין היכל . עס שטייט דאך אין פסוק על כנף שקוצים משומם . אויף דיא פליגעל פון די פאר מיאוסטע פאר וויסטונג . אז מען זאגט שקוצים . די פאר מיאוסטע זעהט דאך אויס אז עס זענען גיוועזן מער וויא איינער . ווארום אויף איינעם זאגט מען שקוץ . דער פאר מיאוסטער . האט רבא גיזאגט עס זענען גיוועזן צוויי צלמים אונ איין צלם איז גיפאלען אויף דעם אנדערין אונ האט איהם אפ גיבראכען די האנט . אונ מען האט גיפונען געשריבען אויף דעם צלם דער צלם זאגט צו זיין חבר דו האסט גיוואלט חרוב מאכען דעם בית המקדש איז דיין האנט גיגעבין גיווארין צו מיר . פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז תשעה באב האט גאט גוזר גיוועזן אויף אונזערע עלטערין וואס יענע ארויס גיגאנגען פון מצרים

*ראשון בשנה השנית באחד לחדש הוקם המשכן] ואמר מר שנה ראשונה עשה משה את המשכן שניה הקים משכן ושלח מרגלים (וכתיב (במדבר י) ויהי בשנה השנית בחדש השני בעשרים בחדש נעלה הענן מעל משכן העדות) וכתיב (במדבר י) ויסעו מהר ה' דרך שלשת ימים ואמר רבי חמא בר חנינא מלמד שסרו [אותו היום] מאחרי ה' וכתיב (שם יא) והאספסף אשר בקרבו התאוו תאוה וכתיב (שם) עד חודש ימים דהוי להו כ"ב בסיון וכתיב (שם יב) ותסגר מרים מחוץ למחנה שבעת ימים דהוי להו כ"ט בסיון וכתיב (שם יג) שלח לך אנשים ותניא בכ"ט בסיון שלח משה מרגלים וכתיב (שם) וישובו מתור הארץ מקץ ארבעים יום הני ארבעים נכי חד הוי אמר אביי תמוז דההיא שתא מליי מליוה דכתיב (איכה א) קרא עלי מועד לשבור בחורי וכתיב (במדבר יד) ותשא כל העדה ויתנו את קולם ויבכו העם בלילה ההוא ואמר רבה (אמר רבי יוחנן) אותה הלילה ליל ט' באב היה אמר הקב"ה אתם בכיתם בכיה של חנם אני אקבע לכם בכית לדורות . חרב הבית בראשונה מנ"ל דכתיב (מ"ב כה) בחדש החמישי בשבעה לחדש

היא

סיה יום כ' נעליית הענן הלכך כ"ג מאייר אלתי בצרי להו ז' ימים מאייר וכשהתשב חדש של כ"ט יום שסיה להם כבשר כ"ב באייר כלה משבוגם בכ"ב בסיון וכתיב ותסגר מרים שבעת ימים הרי כ"ט דסיון וכו ביום נשתלחו מרגלים ומיום שלוח עד ט' באב שחזרו מולרכת למלאת מ' יום שחסרו אם האכן חד דסיון דהוי מלא וכ"ט דתמוז דהאי חסר וט' באב הרי ל"ט ופריך הני נכי חד הוו : קרא עלי מועד לשבור בחורי . וקיימא שחדש חסר שבא אחר חדש מלא עבדינן ב' ימים ראש חודש והיינו יום ראשון השלמה לראש חודש שלמעלה ממנו לעשותו מלא ונמצאו ב' ימים טובים בחודש

---

זיי זאלען ניט אריין גיין אין ארץ ישראל . ווארום עס שטייט אין פסוק אונ עס איז גיוועזן דער ערשטער חודש (ניסן) דעם אנדערין יאהר ווי די יודין זענען ארויס גינאנגען פון מצרים דעם ערשטין טאג אין חודש איז אויף גישטעלט גיווארין דער משכן . זאגט דער תנא דעם ערשטין יאהר ווי די יודין זענען ארויס גיגאנגען פון מצרים האט משה גימאכט דעם משכן . דעם אנדערין יאהר האט ער אויף גישטעלט דעם משכן אונ האט געשיקט די מרגלים . אונ עס שטייט אין פסוק דעם אנדערין יאהר דעם אנדערין חודש צוואנציג טעג אין חודש איז אפ גיטאן גיווארין דר וואלקין פון משכן . אונ עס שטייט אין פסוק זיי האבען גיצויגען פון דעם בארג פון גאט די וועג פון דריי טעג . האט רבי חמא בר חנינא גזאגט דער פסוק לערונט אונז אז די יודען האבען דעם טאג אפ גיקערט פון גאט . אונ עס שטייט אין פסוק דער צומישונג [דער ערב רב] וואס צווישען די יודען האבען גיגלוסט אנגלוסטונג מען זאל זיי געבין עסין פלייש . אונ עס שטייט אין פסוק זיי האבען גיגעסען פלייש ביז אחודש טעג . דער חודש האט זיך אויס גילאזט צוויי אונ צוואנציג טעג אין סיון . אונ עס שטייט אין פסוק מרים איז פאר שלאסען גיווארען אויסער די מחנה זיבען טעג . איז שוין ניין אונ צוואנציג טעג אין סיון . אונ עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צו משה שיק דיר מענטשין אויס צו זעהן ארץ כנען . אונ מיר האבען גילערנט ניין אונ צוואנציג טעג אין סיון האט משה געשיקט דיא מרגלים . אונ עס שטייט אין פסוק די מרגלים זענען גיקומען צוריק פון אויס צוא זעהן די לאנד אין סוף פערציג טעג . [דאס איז גיוועזן ניין טעג אין אב]. פרעגט די גמרא עס איז דאך פערציג טעג ווייניגער איינס . נאר ניין אונ דרייסיג טעג . ווארום איין טאג איז געבליבען פון סיון . ניין אונ צוואנציג טעג איז דער חודש תמוז . ניין טעג פון אב . האט אביי גזאגט דער חודש תמוז פון דעם יאהר איז גיוועזן פול . דרייסיג טעג . איז גיוועזן אב צוויי טעג ראש חודש . דאס מיינט דער פסוק ער האט גירופען אויף מיר איום טוב [נאך אטאג ראש חודש] ער זאל צו ברעכין מיינע יונגע לייט [דעם ניינטין טאג אין אב]. אונ עס שטייט אין פסוק דם פארק האט גיוויינט די נאכט . האט רבה גזאגט פון רבי יוחנן וועגין דיא נאכט איז גיוועזן פון דעם ניינטען טאג אין אב . האט גאט גזאגט איר וויינט אומזיסטע גיוויין . איך וועל אייך מאכען אז די נאכט וועט זיין אמתע גיוויין אויף אייביג . פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז דער ערשטער בית המקדש איז חרוב גיווארין ניין טעג אין אב . ווארום עס שטייט אין פסוק

דעם

שלא לאחד בתחלתו ולאחד בסופו והכי קאמר זמן עצי מועד לשבירה באחרי כס' כלא שמגלגלין חובה ליום חייב : מוצאי שביעית . שנה שמינית : דוכן . עמוד כמין איצטבא ועומד עליו הלוי לשורר : וישב עליהם את אונם. פריך בערכין האי במזמור של יום ד' הוא שסופו אל נקמות ומאי האי דקאמרי ליה

**היא שנת תשע עשרה שנה למלך נבוכדנאצר מלך בבל בא נבוזראדן רב טבחים גו' וישרוף את בית ה'** (איני והכתיב) [וכתיב] (ירמיה נב) **ובחדש החמישי בעשור לחדש היא שנת תשע עשרה וגו' וישרוף את בית ה' ואת בית המלך** ותניא א"א לומר בז' שכבר נאמר בי' וא"א לומר בי' שכבר נאמר בז' הא כיצד בז' בו נכנסו הנכרים להיכל ואכלו ושתו וקלקלו בו [ז'] ח' ותשיעי (עד שפנה היום) סמוך לחשכת י' שנאמר (שם ו) **אוי לנו כי פנה היום כי ינטו צללי ערב** לעת ערב הציתו בו את האש ונשרף עם שקיעת החמה בי' לחדש והיינו דאמר רבי יוחנן (בן זכאי) אלמלא הייתי באותו הדור לא קבעתיו אלא בי' מפני שרובו של היכל נשרף בו ורבנן (אמרי) אתחלתא דפורענותא עדיף דבט' הוא דהויא ובשניה מנא לן דתניא (רבי יוסי אומר) מגלגלין זכות ליום זכאי וחובה ליום חייב אמרו כשחרב הבית בראשונה אותו היום ערב תשעה באב היה ובמוצאי שבת היה ובמוצאי שביעית היה ומשמרתו של יהויריב היתה והלוים עומדים על דוכנם ואומרים שירה ומה שירה היו אומרים (תהלים צד) **וישב עליהם את אונם וברעתם יצמיתם** ולא הספיקו לומר **יצמיתם ה' אלהינו** עד

---

דעם פֿינפֿטען חודש (אָב) זיבען טעג אין חודש דאס איז דער נײַנצעהנטער יאָהר ווי נבוכדנצר איז געוואָרין אַמֶלֶךְ · האָט מען פֿאר ברענט דעם בית המקדש אונ די שטוב פֿון מֶלֶךְ · אונ מיר האָבען געלערונט מען קען ניט זאָגין דער בית המקדש איז פֿאר ברענט געוואָרין דעם זיבעטען טאג אין אָב · וואָרום עס שטייט אין פסוק אַז ער איז פֿאר ברענט געוואָרין דעם צעהנטין טאג אין אָב : אונ מען קען ניט זאָגען אַז דער בית המקדש איז פֿאר ברענט געוואָרין דעם צעהנטין טאג אין אָב · וואָרום עס שטייט אין פסוק אַז ער איז פֿאר ברענט געוואָרין דעם זיבעטין טאג אין אָב · נאָר ווי אַזוי איז געווען · דעם זיבעטין טאג אין אָב זענען די גוים אַרײַן געגאַנגען אין היכל אונ האָבען דאָרט געגעסען אונ געטרונקען אונ מזנה געווען · אונ אַזוי האָבען זיי געטאָהן דעם אַכטען טאג אין אָב אונ דעם נײַנטען טאג אין אָב ביז נאַנט צו נאַכט · אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק ווײַ צו אונז דער טאג האָט זיך אָפּ געקערט אונ די שאָטינס פֿון דער נאַכט קומען שוין אָן · דעם נײַנטען טאג פֿאַרין נאַכט האָבען די גוים אָן געצונדען פֿייער אין בית המקדש · אונ דער בית המקדש האָט געברענט ביז דעם צעהנטין טאג אין אָב פֿאַרין נאַכט · דאָס איז אַזוי ווי רבי יוחנן האָט געזאָגט ווען איך וואָלט געווען אין דער צייט ווען מען האָט געהייסען פֿאסטען · וואָלט איך געזאָגט מען זאָל פֿאסטען דעם צעהנטין טאג אין אָב · ווייל דאָס גרעסטע טייל פֿון בית המקדש איז פֿאר ברענט געוואָרין דעם צעהנטין טאג אין אָב : אונ די רבנן זאָגין מען דאַרף פֿאסטען דעם נײַנטען ווען דאָס ברענען האָט אָן געהויבען · פֿרעגט די גמרא פֿון וואַנען ווייסען מיר אַז דער אַנדערער בית המקדש איז אויך פֿאר ברענט געוואָרין דעם נײַנטען טאג אין אָב · וואָרום מיר האָבען געלערונט אַז מען דאַרף טאָהן טובות · טוהט מען זיי אין דעם טאג וואָס אין איהם איז שוין אַמאָהל געטאָהן געוואָרין אַטובה · אונ אַז מען דאַרף טאָהן רעות · טוהט מען זיי אין דעם טאג וואָס אין איהם איז שוין אַמאָהל געטאָהן געוואָרין אַרעה · דריבער ווייל דער ערשטער בית המקדש איז פֿאר ברענט געוואָרין דעם נײַנטען טאג אין אָב · איז געוויס דער אַנדערער בית המקדש אויך פֿאר ברענט געוואָרען דעם נײַנטען טאג אין אָב · מען האָט געזאָגט ווען דער ערשטער בית המקדש איז אָן געצונדען געוואָרין · איז דער טאג געווען דער נײַנטער טאג אין אָב · אונ דאָס איז געווען שבת פֿאַרין נאַכט נאָנט צו מוצאי שבת ועיין מהרש"א · אונ דאָס איז געווען דער יאָהר וואָס נאָך שמיטה · אונ דער משמר איז געווען פֿון יהויריב ועיין סימן או · אונ די לוים זענען געשטאַנען אויף די באַנק וואָס אַרום מזבח אונ האָבען געזונגען · וואָס האָבען זיי געזונגען · דעם פסוק וַיָשֶׁב עֲלֵיהֶם אֶת אוֹנָם וּבְרָעָתָם

יצמיתם

עד שבאו נכרים וכבשוה וכן בשניה נלכדה ביתר גמרא. נחרשה העיר נמי גמרא: תניא כשחרש טורנוסרופוס הרשע את (האולם) [ההיכל] נגזרה גזרה על ר"ג ליהרג בא אותו הגמון לבהמ"ד ואמר בעל החוטם מתבקש בעל החוטם מתבקש. שמע ר"ג אזל טשא מיניה אזל לגביה בצנעא אמר ליה אי מצילנא לך מייתית לי לעלמא דאתי א"ל אין [א"ל] אישתבע לי אישתבע ליה סליק לאיגרא נפל ומית וגמירי דכי גזרי גזירתא ומית חד מינייהו מבטלין ליה לגזירתא יצתה בת קול ואמרה אותו הגמון מזומן לחיי העולם הבא:

ביום ראשון ופריך התם אלולא הוא דכפיל לגימטריא פי' אלולא קיימא: בעל החוטם. מה היטב מיפה את הפרצוף כך הוא מיפה את דורו כלומר שאי שבדורו מתבקש ליה ג ובגמ' אמר לי שלא יכירו בו אנשי המלך: טשא. ההבית: הזה. ההגמון נגבי ר"ג בלוטת (ראה זהב ההגמון בלטין וכנמזן): ומית חד מינייהו. מן היועצים וסבורים שאירע להם בשביל שסרעו לגזור:
[גיא חזיון. ירושלים שהכל מסתכלין בה]:

**ת"ר** רבנן כשחרב הבית בראשונה נתקבצו כתות כתות של פרחי כהונה ומפתחות (העזרה) [ההיכל] בידיהם ועלו לגגו של היכל ואמרו לפניו רבונו של עולם הואיל ולא זכינו להיות גזברים נאמנים לפניך הרי המפתחות מסורין לך וזרקום כלפי מעלה יצתה כמין פסת יד ולקחתם והם קפצו ונפלו לתוך האור ועליהם קונן ישעיהו (ישעיה כב) משא גיא חזיון

---

צמיתם. נאט וועט אומקערין אויף זיי דעם אומרעכט וואס זיי האבען גיטאהן און מיט זייער שלעכץ וועט ער זיי פאר שניידען. אונ אידער זיי האבען גזאגט די ווערטער יצמיתם יי אלהינו זענען צריין גיקומען די גוים אין בית המקדש אונ האבען איהם אן גיצונדען. אונ אזוי איז גיוועזען ביי דעם אנדערין בית המקדש. אונ אז דיא שטאט ביתר איז איין גינומען גיווארין דעם ניינטען טאג אין אב. דאס האבען מיר גילערונט. אז די שטאט ירושלים איז צו האקערט גיווארין דעם ניינטען טאג אין אב. דס האבען מיר אויך גילערונט. מיר האבען גילערונט אז טורנוס רופוס האט צו האקערט דאס ארט וואס דער היכל איז אויף איהם גישטאנען. דעם טאג איז גיוועזען א גזרה מען זאל הרגנן רבן גמליאל. איז גיקומען אשר אין בית המדרש אונ האט גיזאגט מען זוכט דעם מענטש וואס ער איז די נאז פון די יודין. (אזוי וויא די נאז בשיינט דעם פנים. אזוי האט רבן גמליאל בשיינט די יודין) וויא רבן גמליאל האט גיהערט די ווערטער האט ער שוין גיוואוסט אז דאס מיינט מען איהם. איז רבן גמליאל אוועק גיגאנגען פון בית המדרש אונ האט זיך בעהאלטען. איז דער שר גיקומען צו רבן גמליאל אין דער שטיל. אונ האט גיזאגט צו אים. אויב איך וועל דיך רעטען פון טויט וועסטו מיך ברייננגען צו עולם הבא. האט רבן גמליאל גיזאגט יא. האט דער שר גיזאגט צו רבן גמליאל שווער. האט רבן גמליאל גישווארין. איז דער שר ארויף גיגאנגען אויף דעם בוידים אונ האט זיך אראפ גיווארפען אונ איז גיהרגת גיווארין. אונ מיר האבין גילערונט אז ווען די מלכים פון רוים פלעגין מאכין אשלעכטע גזרה אונ איינער פון זיי איז גישטארבען אידער די גזרה איז גיטאהן גיווארין פלעגין זייא מבטל זיין די גזרה. האבין זיי די גזרה פון רבן גמליאל אויך מבטל גיוועזן. איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גיזאגט דער שר איז אן גיברייט צו עולם הבא:

**ת**נו רבנן. די רבנן האבין גילערונט ווען דער ערשטער בית המקדש איז חרוב גיווארען. זענען צו זאמען גיקומען אלע יונגע כהנים אונ האבין גיהאלטען די שליסלען פון היכל אין די הענט. אונ זיי זענען ארויף גיגאנגען אויף דעם דאך פון היכל. אונ האבין גיזאגט פר גאט רבונו של עולם ווייל מיר האבען ניט זוכה גיוועזן צו זיין בגלויבטע נבאים פאר דיר. גיבען מיר דיר אוועק די שליסלען. אונ זיי האבין אוואקף גיטאהן די שליסלען אנן היכעל. איז ארויס גענאנגען פון הימעל אזוי ווי א האנט אונ האט צו גענומען די שליסלען. אונ זיי זענען אראפ געשפרונגען אונ אריין געפאלען אין פייער. אונ אויף זיי האט גיקלאגט ישעיהו הנביא משא גיא חזיון. די נבואה וואס אויף ירושלים. וואס איז דיר איצט גיווארען

וואס

חזיון מה לך אפוא כי עלית כלך לגגות תשואות מלאה עיר הומיה קריה עליזה וגו' ואף הקב"ה מקרקר עליהם כתרנגולים שנאמר (שם) כי יום מהומה ומבוסה ומבוכה לה' אלהים צבאות בני חזיון מקרקר קיר ושוע אל ההר :

ו **אמר** רב יהודה בריה דרב שמואל בר שילת משמיה דרב כשם שמשנכנס אב ממעטין בשמחה כך משנכנס אדר (ממעטין באבל ו) מרבים בשמחה (ע"ב) אמר רב פפא הילכך האי בר ישראל דאית ליה דינא בהדי נכרי באב לשתמיט מיניה דריע מזליה דישראל באדר ליזיל בהדיה דבריא מזליה דישראל. (ירמיה כט) לתת לכם אחרית ותקוה אמר רב יהודה בריה דרב שמואל בר שילת משמיה דרב אלו דקלים וכלי פשתן (בראשית כז) כריח שדה אשר ברכו ה' אמר רב יהודה בריה דרב שמואל בר שילת משמיה דרב כריח שדה של תפוחים :

(דף כו ע"ב) ז **משנה** אמר רבי שמעון בן גמליאל לא היו ימים טובים לישראל כט"ו באב וכיוה"כ שבהם בנות (ישראל) [ירושלים] יוצאות בכלי לבן שאולים כדי שלא לבייש את [מי] שאין לו וכל הכלים טעונין טבילה ובנות ירושלים

יוצאות

מקרקר. לשון יללה : ושוע אל ההר. (אל ירושלים שגבוה מן כהארצות) בשביל הר ציון השמם :

ליזיל בהדיה. בערכאות שלהם : לתת לכם אחרית והקוה. אידי דאיירי רב יהודה לעיל נקיט והזיל':

דקלים. להתפרנס בהם : כלי פשתן. ללבשן :

שאולין. שכולן שואלות זו מזו אפי' עשירות כדי שלא לבייש את מי שאין לו : טעונין

---

וואס דו ביזט אויף געגאנגען אין גאנצען אויף די דעכער : די שטאט וואס אין איהר האט פיל גיברומט. די פרייליכע שטאט. איהר וועגט ניט דער שלאגען געוואָרען פון שווערד. אונ ניט גישטארבען אין מלחמה. נאר אביין געפאלען אין פייער אונ פאר ברענט גיוואָרין : אונ גאט האט אויך גיקלאגט אויף זיי אונ ער האט געשריגען אויף זיי : אזוי ווי די הינער שרייען אונ קלאגען אויף זייערע קינדער וואס זענען פון זיי פארלארען גיוואָרען. אזו ווי עס שטייט אין פסוק דער טאג איז א טאג פון פארטומלונג אונ צו טרעטונג אונ וויינונג צו גאט אויף די שטאט ירושלים וואס זיא הייסט גיא חזיון. וואס גאט קלאגט אויף די ווענט פון ירושלים אונ ער קערט זיך צו דעם בארג וואס דער בית המקדש איז אויף איהם גישטאנען אונ ער איז וויסט גיוואָרין :

ו אמר. רב יהודה דער זוהן פון רב שמואל בר שילת האט גזאגט פון רבס וועגן אזוי ווי אז דער חודש אב קומט אן דארף זיך אמענטש ווייניג פרייען. אזוי אז דער חודש אדר קומט אן דארף זיך אמענטש פיל פרייען. רב פפא האט גזאגט אז איוד האט אמשפט מיט אגוי. זאל ער ניט גיין אין סאנד מיט דעם גוי אין דעם חודש אב. וואָרום דער מזל פון איוד איז שלעכט אין דעם חודש אב. אבער אז איוד האט אמשפט מיט אגוי אין חודש אדר. זאל ער גיין מיט דעם גוי אין סאנד. וואָרום אין דעם חודש אדר איז גוט דער מזל פון איוד. אין פסוק שטייט מען זאל אייך געבין אסוף אונ אהפענונג. רב יהודה דער זוהן פון רב שמואל בר שילת האט גזאגט פון רבס וועגין. דאס מיינט מען. מען וועט אייך געבין טייטל בוימער צו עסן פון זייא. אונ ליינוואנדענע קליידער אן צו קליידען : אין פסוק שטייט יצחק האט גזאגט צו יעקב דיינע קליידער שמעקין אזוי ווי דער ריח פון די פעלד וואס גאט האט איהם גיבענשט : האט רב יהודה דער זוהן פון רב שמואל בר שילת גזאגט פון רבס וועגין אזוי ווי דער ריח פון די פעלד וואס אין איהם וואקסט עפיל :

ז משנה. רבן שמעון בן גמליאל האט גזאגט עס איז ניט גיוועזן ביי יודען קיין גרעסערע ימים טובים ווי דער פופצעהנטער טאג אין אב אונ יום כפור. אין די צוויי טעג פלעגין די יודישע טעכטער ארויס גיין גיקליידעט אין ווייסע קליידער גיבארגטע. אלע האבען גיבארגט קליידער איינע ביי די אנדערע. אפילו די וואס האט גיהאט אייגענע קליידער האט אויך גיבארגט : מען זאל ניט וויסען ווער עס האט אונ ווער עס האט ניט. אונ די וואס האט ניט קיין אייגענע קליידער וועט ניט פאר שעמט ווערין. אונ די אלע קליידער האט מען גידארפט

טובל

יוצאות וחולות בכרמים ומה הן אומרות בחור שא נא עיניך וראה מה אתה בורר לך אל תתן עיניך בנוי הן עיניך במשפחה (משלי לא) שקר החן והבל היופי אשה יראת ה' היא תתהלל ואומר (שם) תנו לה מפרי ידיה ויהללוה בשערים מעשיה. וכן הוא אומר (שה"ש ג) צאינה וראינה בנות ציון במלך שלמה בעטרה שעטרה לו אמו ביום חתונתו וביום שמחת לבו. ביום חתונתו זה מתן תורה. וביום שמחת לבו זה בנין בית המקדש שיבנה במהרה בימינו:

(דף ל ע"ב) **גמ'** ר"ע אומר כל העושה מלאכה בט"ב אינו רואה סימן ברכה לעולם

וחכ"א כל העושה מלאכה בט' באב ואינו מתאבל על ירושלים אינו רואה בשמחתה (שנאמר (ישעיה סו) שמחו את ירושלים וגילו בה כל אוהביה שישו אתה משוש כל המתאבלים עליה מכאן אמרו כל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה ושאינו מתאבל על ירושלים אינו רואה בשמחתה] תנ"ה כל האוכל בשר ושותה יין בט"ב עליו הכתוב אומר (יחזקאל לב) ותהי עונותם על עצמותם:

ח **ופיסקא** אמר רשב"ג לא היו יו"ט לישראל כט"ו באב וכיוה"כ וכו']. בשלמא יום הכיפורים יום סליחה ומחילה יום שנתנו בו לוחות אחרונות לישראל אלא

עגילה. כל אותן בגדים יקודם לגיסה לפי שאין כל אחת בקיאה בתכריסה שמא נדה היתה וכדי שלא לבייש נדות הצריכו להטביל את כולן: וחולות בכרמים. (נ' מחוללות) וכמו לחול במחולות: צאינה וראינה בנות ציון. דמשמע יוצאות וחולות: במלך שלמה. במלך שהשלום שלו: אמו. כנסת ישראל: מתן תורה. שנתנו לוחות אחרונות ביה"כ: בנין בית המקדש. שנתמלא כ"ה כדאיתא במ"ק: אינו רואה סימן ברכה. מאותה מלאכה: כל האוכל בשר ושותה יין בט"ב עליו הכתוב אומר ותהי עונותם על עצמותם. בשעה גלל כלומר בסעודה המפסקת:

שנתנו בו לוחות אחרונות. שבשבעה עשר בתמוז ירד משה מן ההר בתחלה ושבר הלוחות וביום י"ח שרף את העגל וביום י"ט עלה לגרום לקבל לוחות אחרונות ונשתהה

---

טובל זיין אין אמקוה איידער מען האט זיי אן גיקליידט. טאטער האט מען זי גיבארגט פוז אגדה. אונ די טעכטער פון ירושלים זענען ארויס גיגאנגען אונ האבען גיטאנצט אין דיא ווייגגערטנער. אונ זיי האבען גיזאגט יונגער מאן הייב אויף דיינע אויגען אונ זעה וואס דוא ווילסט דיר אוים. זאלסט ניט געבין דיינע אויגען אויף שיינקייט. נאר גיב דיינע אויגען אויף די פאמיליע. דער חן איז פאלש. די שיינקייט איז נארעש. דיא אשה וואס איז פרום אונ האט מורא פאר גאט איר זאל מען לויבען. נאך זאגט דער פסוק איר זאלט איר געבין די פרוכט פון אירע הענט. וואס זי האט פאר דינט. אונ איר זאלט לויבען אין די טויערין פון שטאט וואס זי האט גיטאהן. אונ אזוי זאגט דער פסוק די טעכטער פון ציון זאלען ארויס גיין זעהן דעם מלך שלמה (דאס מיינט מען גאט) מיט די קרוין וואס זיין מוטער (די יודען) האט אידם בקריינט. אין דעם טאג פון זיין חתונה. אונ אין דעם טאג וואס זיין הארץ איז גיוועזן פרייליך. דער טאג פון די חתונה מיינט מען ווען די תורה איז גיגעבען גיווארין. דער טאג וואס זיין הארץ איז גיוועזן פרייליך מיינט מען דעם טאג ווס דער בית המקדש איז גיבאהט גיווארין. אונ ער זאל גיבאהט ווערין גשווינד אין אונזערע טעג:

גמרא. רבי עקיבא האט גיזאגט דער וואס טוהט איין ארבעט אום תשעה באב. וועט ער ניט זעהן קיין ברכה פון דיא ארבעט. אונ די חכמים זאגין דער וואס טוהט איין ארבעט אום תשעה באב. אונ ער טרויערט ניט אויף ירושלים. וועט ער ניט זעהן דיא פרייד פון ירושלים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איהר זאלט אייך פרייען מיט ירושלים. אונ די אלע וואס האבען ליב ירושלים זאלען זיך פרייען מיט איהר. פון דאנען האבען די חכמים גיזאגט דער וואס טרויערט אויף ירושלים. וועט ער זוכה זיין צו זעהן די פרייד פון ירושלים. אונ דער וואס טרויערט ניט אויף ירושלים וועט ער ניט זעהן די פרייד פון ירושלים. מיר האבען אויך אזוי גילערנט דער וואס עסט פלייש אונ טרינקט וויין ערב תשעה באב צו דיא סעודה וואס ער פאר פאסט מיט איהר. אויף איהם זאגט דער פסוק זייערע זינד וועט זיין אויף זייערע ביינער:

ח פיסקא. פרעגט די גמרא יום כפור איז גיוועזן א יום טוב וויל אין דעם טאג איז משה מוחל

אלא ט"ו באב מאי היא אמר רב יהודה אמר שמואל יום שהותרו שבטים לבא זה בזה מאי דרוש (במדבר לו) זה הדבר אשר צוה ה' לבנות צלפחד וגו' דבר זה לא יהא נוהג אלא בדור זה בלבד (רבה בר בר חנה א"ר יוחנן) [אמר רב יוסף אמר רב נחמן] יום שהותר שבט בנימין לבא בקהל שנאמר (שופטים כא) ואיש ישראל נשבע במצפה לאמר איש ממנו לא יתן בתו לבנימין לאשה מאי דרוש [אמר רב] ממנו ולא מבנינו. (רב אידי בר אבין אמר רב יוסף) [רבה בר חנה אמר רבי יוחנן] יום שכלו בו מתי מדבר דאמר מר עד שלא כלו מתי מדבר לא היה דבור עם משה שנאמר (דברים ב) ויהי כאשר תמו כל אנשי המלחמה למות מקרב העם

וידבר

פירוש

שבו אמורים יום מ' יום עמד בתפלה דכתיב ואתנפל לפני ה' את ארבעים היום וגו' וארבעים יום עמד (שם להורות וללמוד תורה) כבראשונה חשוב מששה עשר בתמוז הרי עשר מתמוז דהכי אסיקנא מליא ושלשים דאב הרי ששה וארבעים ותשעה ועשרים דאלול הרי חמשה ושבעים וחמשה דתשרי הרי שמונים ויוה"כ ירד: שהותרו שבטים לבא זה בזה. דרחמנא אמר כל בת יורשת נחלה וגו' וכתיב לא תסוב נחלה וגו' והתירום בט"ו באב: זה הדבר אשר צוה ה'. דבר זה של הסבת נחלה: לבא בקהל. שנשבעו השבטים שלא יתנו בנותיהם לשבט בנימין משום פלגש בגבעה: ממנו. משמע הוא: ולא מבנינו. כלומר ממנו כתיב בקרא דהכי נשבעו איש ממנו לא יתן להם בתו אבל מבניהם לא נשבעו: שכלו בו מתי מדבר. דאמרינן בירושלמי כל אותן מ' שנה שהיו ישראל במדבר היה כרוז יוצא לפני משה כל ערב ט' באב ומכריז ואומר צאו הכל לחפור והיה כל אחד מישראל יוצא וחופר לו קבר שמא ימות קודם שיחפור נערב היה כל אחד לן בקברו למחר היה הכרוז יוצא ומכריז ואומר הבדלו החיים מן המתים וכל מי שהיה בו נפש חיים היה עומד ויוצא ומי שהיה עתיד למות היה תולע יוצא מטבורו ונכנס לתוך פיו ומת והיו קוברים אותו וכן כל שנה ושנה לסוף מ' שנה היה הכרוז יוצא ומכריז יצאו הכל לחפור וכו' ועשו כולן חיה כיון שראו כך תמהו ואמרו שמא טעינו בחשבון בחודש הזה ושכבו בקבריהן בלילות עד ליל ט"ו וכיון שראו שנתמלאה הלבנה בט"ו ולא נראית הלבנה עוד חסרה ולא מת אחד מהן ידעו שהחשבון החדש מכוון ושבטלה הגזרה וקבעו אותו הדור לאות יום ועשאוהו יו"ט: לא היה הדבור עם משה. פה אל פה בחיבה אלא בחזון

ליום

---

מוחל די עבירות. אונ אין דעם טאג איז משה רבינו געקומען מיט די אנדערע לוחות. אבער וואס פאר איום טוב איז פופצעהן טאג אין אב. האט רב יהודה געזאגט פון שמואלס וועגן אין דעם טאג זענען מותר געווארין די שבטים זייא זאלען נעמען ווייבער איין שבט פון אנדערין. ווארום די תורה האט געזאגט אז א טאכטער וועט ירשנן הייזער פעלדער זאל זיא נעמען איין מאן נאר פון איהר שבט. למשל אז זיא איז פון שבט ראובן מוז זיא נעמען איין מאן אויך פון שבט ראובן. ניט פון קיין אנדער שבט. אונ דעם פופצעהנטין טאג אין אב איז מותר געווארין אז זיא מעג נעמען א מאן פון איין אנדער שבט אויך. וואס האבען זיי גידרשנת מתיר צו זיין. עס שטייט אין פסוק דאס איז די זאך וואס גאט האט געבאטין צו די טעכטער פון צלפחד זיי זאלען נעמען מאנען פון זייער שבט ווייל זיי האבען גירשנת. דער דין איז נאר געזאגט געווארין צו דעם דור אליין. רב יוסף זאגט פון רב נחמנס וועגן דעם פופצעהנטין טאג אין אב איז דער שבט בנימין מותר געווארין צו נעמען ווייבער פון די יודען. ווארום עס שטייט אין פסוק די יודען האבען געשווארין אין די שטאט מצפה קיין מענטש פון אונז זאל ניט געבין זיין טאכטער צום שבט בנימין פאר א ווייב. וואס האבען זיי גידרשנת מתיר צו זיין. האט רב געזאגט אזוי האבען זיי גדרשנת. מיר האבען נאר געשווארין. פון אונז. מיר זאלען ניט געבין אונזערע טעכטער. אבער אונזערע זיהן מעגין געבין זייערע טעכטער צום שבט בנימין פאר ווייבער. רבה בר בר חנה זאגט פון רבי יוחננס וועגן דעם פופצעהנטין טאג אין אב האבען אויף געהערט צו שטארבען די מענטשין אין דער מדבר. ווארום דער תנא האט געזאגט איידער די מענטשין אין דר מדבר האבען אויף געהערט צו שטארבען האט גאט ניט גירעט צו משה. נאר בייא נאכט אין חלום האט גאט גירעט מיט משהן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונ עס איז געווען אז די אלע מלחמה מענטשין האבען אויף געהערט צו שטארבין פון פאלק. הט גאט גירעט צו מיר. דאמאלס האט איצט גאט גירעט צו מיר. אין ירושלמי שטייט די גאנצע פערציג יאהר וואס די יודען זענען געווען אין דער מדבר. אלע ערב תשעה באב איז ארוים געגאנגען א קול אונ האט אויס גירופען גייט אלע גראבין קברים. איז יעדער יוד געגאנגען אונ האט געגראבין א קבר. תשעה באב בייא נאכט האבען אלע גענעכטיגט אין די קברים. אין דער פריא האט מען אויס גירופען די לעבעדיגע זאלען אויף שטיין. דר וואס הט געלעבט איז אויף געשטאנען אונ איז ארוים געגאנגען פון קבר. אונ דער וואס האט געדארפט שטארבין איז ארוים געגאנגען א ווארעם פון זיין נאפיל

אונ

וידבר ה' אלי לאמר אלי היה הדבור . עולא אמר יום שבטל בו הושע בן אלה פרדסאות שהושיב ירבעם בן נבט על הדרכים שלא יעלו ישראל לרגל ואמר (דף לא) לאיזה שירצו יעלו . רב מתנה אמר יום שניתנו בו הרוגי ביתר לקבורה (דאמר) [ואמר] רב מתנה יום שנתנו בו הרוגי ביתר לקבורה תקנו ביבנה הטוב והמטיב הטוב שלא הסריחו והמטיב שניתנו לקבורה . רבה ורב יוסף דאמרי תרוייהו יום שהיו פוסקין בו מלכרות עצים למערכה . דתניא ר"א הגדול אומר כט"ו באב ואילך תשש כחה של חמה ולא היו כורתין עצים למערכה לפי שאינן יבשים אמר רב מנשיא וקרו ליה יום תבר מגל מכאן ואילך דמוסיף יוסיף ודלא מוסיף יאסף . תני רב יוסף מאי יאסף אמר רב יוסף תקבריה אמיה

ניתנו : (לאיזה שירצו יעלו . הושע בן אלה רשע הוה דכתיב ויעש הרע בעיני ה' רק לא כמלכי ישראל והיינו דקאמר רק שביטל הפרדסאות ואמר לאיזה שירצו יעלו) : הרוגי ביתר . דלאחר חורבן היתה אותה גזירה ומפרש בתלמוד שעשו כמין חומה סביב העיר מן' בנים ועמדו סגתים על הארץ עד ט"ו באב) : מלכרות עצים למערכה . בעד אותו יום עצים יבשין ולאוין לבערה ומכאן ואילך לא היו מבקעין שתשש כחה של חמה ליבשן חיישים מפני התולעת לפי שעץ שיש בו תולעת פסול למערכה : וקרו ליה . ליום ט"ו באב : יום תבר מגל . כלומר נשבר הגרזן שפסקו מלכרות עצי עצים : מכאן ואילך . (מניס ואילך עד ט"ו באב אי בעי עסיק בלילות אבל) מט"ו באב ואילך מאן דמוסיף לילות על הימים ועוסק בתורה מוסיף הקב"ה חיים על שנותיו : ודלא מוסיף . לעסוק בתורה בלילות : תקבריה אמיה . כלומר ימות

---

אונ איז אריין גינאנגנעו אין זיין סויל . פון דעם וואָרעם איז ער גישטאָרבין . אונ מען האט איהם צו גידעקט מיט די ערד פון זיין קבר . אונ אזוי איז גיוועזן אלע פערציג יאהר . דעם לעצטין יאהר האבען אויך אלע גיגראבען קברים ערב תשעה באב אונ ביי נאכט האבען אלע אין די קברים גילעגען . אונ אין דער פריא זענען אלע אויף גישטאנען לעבעדיג . האבען זיי זיך גיוואונדערט . נאר זיי האבען גיזאגט טאמער האבען מיר גיהאט אטעות אין די טעג פון חודש אונ עס איז נאך ניט קיין ניין טעג אין הודש . זענען זיי גילעגען אלע נאכט אין די קברים ביז אין פופצעהנטין טאג אין חודש . ווי זיי האבען גיזעהן די לבנה איז שוין גאנץ . אונ קיינער איז ניט גישטארבין . האבען זיי גיוואוסט אז די גזרה איז שוין בטל גיווארין . האבען זיי גימאכט דם טאג יומטוב . עולא זאגט דעם פופצעהנטין טאג אין אב האט הושע בן אלה צו גינומען די היטערס וואס ירבעם בן נבט האט גיזעצט אויף די וועגין צו היטען דיא יודען זאלען ניט גיין אויף יום טוב אין ירושלים . אונ ער האט גזאגט וואו הין די יודען ווילען גיין אויף יום טוב . מעגין זיי גיין . צו די קעלבער וואס אין בית אל אונ אין דן אדער אין ירושלים . רב מתנה זאגט דעם פופצעהנטין טאג אין אב איז גיגעבין גיווארין רשות (ערלויבניס) מען זאל מעגין בגראבען די יודען וואס זענען גיהרגת גיווארין אין די שטאט ביתר . נאך האט רב מתנה גזאגט דעם טאג וואס מען האט בגראבען דיא יודען וואס זענען גיהרגת גיווארין אין דיא שטאט ביתר . האבען די רבנן וואס זענען גיוועזן אין די שטאט יבנה גיהייסען מען זאל זאגין אין בענטשין די ברכה הטוב והמטיב . איין טובה איז וואס דיא מענטשין זענען ניט פאר שטונקען גיווארין . (זיבען יאהר זענען זיי גילעגין אויף די ערד) . אונ נאך אטובה איז וואס מען האט ערלויבט מען זאל זיי בגראבען . רבה אונ רב יוסף זאגען ביידע דעם פופצעהנטין טאג אין אב האט מען אויף גיהערט צו האקין האלץ צום מזבח ווארום מיר האבען גילערנט רבי אליעזר הגדול זאגט פון פופצעהן טעג אין אב אונ ווייטער ווערט שוואך דער כח פון די זון . דריבער האט מען אויף גיהערט צו האקין האלץ צום מזבח . ווייל די האלץ וועט שוין ניט זיין טרוקען . רב מנשיא זאגט דעם פופצעהנטין טאג אין אב האט מען גירופען יום תבר מגל . דער טאג וואס מען צו ברעכט די העק . ווייל מען וועט שוין ניט מעהר האקין האלץ צום מזבח . ביז דעם אנדערין זומער . פון פופצעהנטין טאג אין אב אונ ווייטער . דער וואס מעהרט צוא לערנען תורה ביי נאכט אויך ווייל די טעג ווערין שוין קלענער) . וועט איהם גאט מעהרין יאהרין . אונ דער וואס מעהרט ניט צו לערנען תורה ביי נאכט . וועט ער איין גיטאהן ווערין פון דער וועלט . רב יוסף האט גילערנט וום מיינט מען ער וועט איין גיטאהן ווערין פון דער וועלט

אמיה : פיסקא . שבהם בנות ישראל יוצאות וכו' . ת"ר בת מלך שואלת מבת כה"ג בת כה"ג מבת סגן בת סגן מבת משוח מלחמה בת משוח מלחמה מבת כהן הדיוט וכל ישראל שואלין זה מזה כדי שלא לבייש את מי שאין לו : [פיסקא] כל הכלים טעונין טבילה (א"ר זריקא) אמר רבי אלעזר אפילו מקופלין ומונחין בקופסא : פיסקא . ובנות ישראל יוצאות וחולות בכרמים, תנא מי שאין לו אשה נפנה לשם : [פיסקא] . ומה הן אומרות בחור וכו' . ת"ר (ארבע משפחות היו בא"י) יפיפיות שבהן אומרות תנו עיניכם ביופי שאין אשה אלא ליופי . מיוחסות שבהן אומרות תנו עיניכם במשפחה שאין אשה אלא לבנים . (עשירות שבהן אומרות תנו עיניכם בבעלי ממון בינוניות ועניות) [מכוערות] שבהם אומרות קחו מקחכם לש"ש ובלבד שתעטרונו בזהובים :

אלא עמו : סגן . הממונה תחת כהן גדול לשמש תחתיו אם אירע בו פסול : משוח מלחמה . כהן שמדבר ואומר מי האיש הירא ורך הלבב : אפילו מקופלים ומונחין בקופסא . כלומר כאלו צריכין טבילה שלא לבייש את שאינו : כאלו אשה אלא לבנים . (הנושא אשה שאינה הוגנת לו פוסל את זרעו) ואם בניך יהיו מיוחסין בכל קופצין עליהם בין זכרים בין נקבות : שתעטרונו בזהובים . שלאחר נשואין כסו לנו מכסותין ומילאת כעלמא

ט (אמר רבי חלבו) אמר עולא [ביראה] א"ר אלעזר עתיד הקב"ה לעשות מחול לצדיקים בגן

---

וועלט . האט רב יוסף גזאגט דיא מוטער וועט איהם בגראבען . ער וועט שטארבען פאר דער צייט :

תנו רבנן . די רבנן האבען גילערונט די טאכטער פון מלך האט גיבארגט אקלייד פון דיא טאכטער פון כהן גדול . די טאכטער פון כהן גדול האט גיבארגט אקלייד פון די טאכטער פון סגן . ודער כהן וואס אונטער דעם כהן גדול . אויב דער כהן גדול קען ניט טאהן דיא עבודה יום כפור . טוהט ער די עבודה: דער הייסט סגן) . די טאכטער פון סגן בארגט אקלייד פון דיא טאכטער פון משוח מלחמה ודעם כהן וואס איז גיזאלבט גיווארין צו גיין מיט די יודען אין אמלחמה) . די טאכטער פון משוח מלחמה בארגט אקלייד פון דיא טאכטער פון אפראסטען כהן . אונ אלע יודישע טעכטער בארגין איינע ביי די אנדערע מען זאל ניט פאר שעמען דעם וואס האט ניט קיין איינענע . אלע קליידער די גיבארגטע מוז מען פריער טובל זיין אין אמקוה . טאמער איז אין זיי גיגאנגען אנדה . רבי אלעזר זאגט אפילו מען האט ארויס גינומען די קלייד צו זאמען גילייגט אין די לאגין פון אקאסטען . מוז מען איר אויך טובל זיין . דיא יודישע טעכטער זענען ארויס גיגאנגען טאנצען אין דיא וויינגערטנער . מיר האבען גילערונט דער וואס האט ניט גיהאט קיין ווייב איז גיגאנגען אין דיא וויינגערטנער זוכען פאר זיך אווייב :

תנו רבנן . די רבנן האבען גילערונט די שיינע מיידלאך פלעגין זאגן צו די יונגע לייט קוקט נאר אויף אונזער שיינקייט . ווארום אווייב איז נאר פון שיינקייט וועגין . די מיידלאך וואס זענען גיוועזן פון יחוס פלעגין זאגן צו די יונגע לייט קוקט נאר אויף אונזער יחוס . ווארום אווייב איז נאר צו קינדער האבען . אונ אונזערע קינדער וועלין דאך זיין מיוחסים . די רייכע מיידלאך פלעגין זאגען צו די יונגע לייט קוקט נאר אויף אונזער רייכקייט . די מיאוסע מיידלאך וואס זענען ניט גיוועזן רייך . אונ ניט פון יחוס פלעגין זאגען צו די יונגע לייט נעמט אונז פר ווייבער פון מצוה וועגין . נאר נאך די חתונה זאלט איר אונז געבין שיינע קליידער אונ צירונג וועלין מיר אויך שיין אויס זעהן :

ט אמר . עולא ביראה האט גזאגט פון רבי אלעזרס וועגין גאט וועט מאכען פאר די צדיקים אין גן עדן אארט צום טאנצען . אונ אלע צדיקים וועלין טאנצען קיילעכדיג ארום גאט . אונ גאט וועט זיצען אין מיטען . אונ יעדער צדיק וועט ווייזען אויף גאט מיט זיין פינגער . אזוי

כבן ערן והוא יושב בינידם וכל אחד ואחד מראה סול דאמרה כלומר ולבד מססם לגו תלמסים מליס :
(עליו) באצבעו שנאמר (ישעיה כה) ואמר ביום ההוא הנה אלהינו זה קוינו לו
ויושיענו וגו׳ :

## סליק מסכת תענית

---

ווּיא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, עֶר וֶועט זָאגִין אִין דֶעם טָאג דָם אִיז אוּנְזֶער גָאט וֶום מִיר הָאפְֿן צוּא אִיהם אוּנ, עֶר וֶועט אוּנְז הֶעלְפִֿין :